# רמב"ם

## רבנו משה בן מימון

אָריגינעלער היסטאָרישער ראָמאַן פון 12טען יאָהרהונדערט

פ ו ן

## שאול ספיר

פארפאסער פון

קאליף פון קארדאווא, צווישען רוים און ירושלים, דוד המלך, שלמה המלך, אברהם'ס אייניקלעך, פרינץ פון מצרים, אסתר המלכה, קאָלאָמבוס דער איה, די טאָכטער פון מדבר, פערציג יאָהר אין מדבר, משה רבנו'ס נאָכפאָלגער, א. ז. וו.

# RAMBAM

## (*Maimonides*)

Historical Novel of the 12th Century

by

SAUL SAPHIRE

Author of: Caliph of Cordova, Between Rome and Jerusalem, King David, King Solomon, Abraham's Grandchildren, Prince of Egypt, Queen Esther, Columbus, the Cryptic Jew, The Daughter of the Desert, Forty Years in the Desert, Joshua, etc.

## וויכטיגע בעקאַנטמאַכונג

דער ראָמאַן „צווישען רוים און ירושלים", פון שאול ספיר, וואָס איז שוין געדרוקט געוואָרען אין אייניגע אויסגאַבעס אין אידיש, וועט אין גיכען ערשיינען אין העברייאיש.

עס ווערען פאָרבערייטעט פאַרן דרוק און אין גיכען וועלען ערשיינען פאָלגענדע ראָמאַנען פון שאול ספיר:

1) אליהו הנביא
2) דבורה
3) רות
4) יפתח און זיין טאָכטער

# רמב״ם

מיט טיעפער אכטונג און ליעבע געווידמעט

פרץ ווירניק צו זיין זיעבעציגסטען געבורטסטאג.

Copyrighted by
Saul Saphire, 1935
77 Bowery, N. Y. C.
All rights reserved

## קאפיטעל איינס

דער אנפאנג פון צוועלפטען יאהר־הונדערט איז געווען דער סוף פון דער בליהענדער גאלדענער עפאכע פון דער שטאדט קארדאווא אין דרום שפאניען אונטער דער מאכמעדאנישער הערשאפט.

קארדאווא, וואס איז פאר די לעצטע פאר הונדערט יאהר אונטער דער הערשאפט פון די געלערנטע און קלוגע קאליפען געווען דער מיטעלפונקט פון ציוויליזאציע, בילדונג, קונסט און וויסענשאפט, און וואו די אידען האבען געפונען רוה און פרידען, האט אין דער דאזיגער צייט אנגעפאנגען צו פאר־לירען איהר חן און רייץ.

די פרעכטיגע שטאדט קארדאווא, וואס איז געווען די וויגעלע פון אזעל־כע גרויסע אידישע פערזענליכקייטען ווי רב חסדאי אבן שפרוט, דער אויי־סערן־מיניסטער פון דעם קאליף אבדו ראכמאן דעם דריטען, רבי שמואל הנגיד און אנדערע ליכטיגע שטערען פון אידענטום, איז אין צוועלפטען יאהרהונדערט אין גאנצען ארונטער פון איהר פראכט און גלאנץ צוליעב די אינערליכע רייסערייען און מלחמות צווישען די פארשידענע אראבישע שבטים.

די אידישע גרויסע קהלות פון קארדאווא און אנדערע שטעדט פון דרום שפאניען האבען די ערשטע אנגעהויבען פיהלען דאס אנקומען פון שוואר־צע וואלקענס אויף זייער ליכטיגען הימעל אין דרום שפאניען, און זיי האבען זיך גענומען באפעסטיגען מיט זייער איינציגער פעסטונג — די תורה.

די שוהלען און ישיבות האבען זיך גענומען פארמעהרען אין קארדאווא און מיט גרוים פלייס האבען די אידען געלערענט די תורה און חכמת ישראל.

---

עס איז געווען אין יאהר תתק"ח, (1148), שבת הגדל, און די אידען פון דער שטאדט קארדאווא האבען זיך גענומען פארזאמלען אין דער גרויסער קארדאוואר שוהל, ווייל דארטען איז פארגעקומען די בר־מצוה־פייערונג פון משה, דער זוהן פון ר' מימון, דער דין פון קארדאווא.

געפאקט איז געווען די שוהל, מען איז „געשטאנען אויף די קעפ". אין

די אַנדערע שוהלען און בתי מדרשים פון קאָרדאָווא האָט מען היינטיגען שבת גאַנץ פריה פאַרענדיגט דעם דאַוונען, כדי זיי זאָלען קענען קומען הערען די דרשה פון דעם דרייצעהן־יעהריגען משה'ן דעם זוהן פון דעם דיין רבי מימון. אויך אין דער עזרת נשים, וואו די פרויען האָבען געדאַוונט, איז אַזוי איינג געווען, אַז פילע פרויען האָבען אהין ניט געקענט אַריינגעהן און זיינען געבליבען שטעהן אין דרויסען, זיי האָבען, אַמווייניגסטען, געוואָלט האָבען די זכיה צו כאַפּען אַ בליק אויף דעם, פון גאָט געבענשטען, קינד, מיט וועמען עס האָט געקלונגען אין גאַנץ קאָרדאָווא.

— איך וויים, אַז איך וואָלט אַלץ איינם ניט פאַרשטאַנען זיין דרשה!

— האָט אַן עלטערע פרוי זיך אָפּגערופען צו דער צווייטער, — אָבער מיר פאַרדריסט זעהר, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיגט און ניט געקענט אַריינגעהן אין שוהל. איך וואָלט אַזוי געוואָלט הערען ווי ער רעדט.

— און איך וואָלט געוואָלט צוקומען צו זיין מוטער און איהר ווינשען מזל טוב! — האָט אַ צווייטע פרוי זיך אָפּגערופען. — איך בין געווען די ערשטער איהר אָפּצוגעבען מזל טוב ווען זי האָט געבוירען משה'ן מיט דרייצעהן יאָהר צוריק. איך געדענק עס ווי עס וואָלט ערשט נעכטען פאַרגעקומען. עס איז דאַן געווען ערב פּסח, וואָס איז אויסגעפאַלען אום שבת. פונקט איינם בייטאָג איז משה געבוירען געוואָרען. זי איז געגאַנגען שווער צו קינד און איך און נאָך איניגע פרויען זיינען געשטאַנען אין דרויסען און געוואַרט צו הערען די נייעס. דאַן איז צוגעקומען צו די פענסטער די הייבאַם און מיך אַריינגערופען.. זי האָט מיר געהייסען אָנוואַרעמען וואַסער.. איך האָב זיך אפילו געקווייינקעלט, איך האָב מורא געהאַט מחלל שבת צו זיין. . אָבער רבי מימון האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר אַ קראַנקען וואָס איז אין סכנה מעג מען מחלל שבת זיין. ווען איך האָב דאָס וואַסער אַריינגעבראַכט אין צימער איז שוין משה געבוירען געוואָרען און איך האָב אויסגערופען: „מזל טוב."

— דאָס איז טאַקע געווען אַ זכיה! — האָט די ערשטע פרוי ווייטער געזאָגט. — אַלע האָבען פאַראויסגעזאָגט, אַז רבי מימונ'ס ערשטער זוהן וועט זיין אַן אויסנאַהם. און איצט זעהט מען דאָך, אַז ער וואַקסט אַ גרויסער געטליכער מאַן. ווען ער איז צעהן יאָהר אַלט געווען זיינען שוין פילע רבנים געקומען הערען תורה פון איהם.

— איך האָב געהערט, אַז אַלע רבנים פון גאַנץ שפּאַניע זיינען צונויפגעפאָהרען אין קאָרדאָווא צו זיין בר־מצוה. מסתמא, וועט געוויס זיין וואָס צו הערען.

— יע, פאַר די וועלכע פאַרשטעהען, וועט זיין וואָס צו הערען! — האָט אַן אַנדערע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— געבענשט איז די מוטער, ,וואָס האָט אַזאַ זוהן געבוירען!

מיט גרוים שפּאַנונג און באַגייסטערונג האָבען די אידען אין שוהל געשלונגען יעדעם וואָרט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם יונגען משה'ס מויל. אַלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו דער בימה, וואו דער בר־מצוה איז געשטאַנען און האָט מיט אַן אַנגענעמענע קלינגענדע שטימע געזאָגט

די דרשה, וואָס ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט צו זיין בר־מצוה. די גרעסטע רבנים און געלערנטע האָבען זיך גע'חידוש'ט, זיי האָבען מיט באַוואונדערונג געשאָקעלט מיט זייערע קעפּ.

— ער וועט זיין א גדול אין ישראל! — האָט א גרייז גראָער רב זיך אָפּגערופען צו איינינע רבנים, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבען איהם, באַלד ווי משה האָט פאַרענדיגט זיין דרשה, — יעדעס וואָרט איז אַ פּערל.

— אזוי פיל חכמה און טיפקייט איז ווירקליך צו באַוואונדערען! — האָט אַ צווייטער רב געזאָגט. — מיר דאַכט זיך, אַז דער זוהן וועט נאָך איבערשטייגען זיין פאָטער אין תורה און חכמה!

אויך אויבען, אין דער פרויען־אָפּטיילונג פון שוהל איז די באַגייסטערונג ניט קלענער געוועזן, כאָטש קיינע פון די פרויען האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס משה האָט גערעדט, דאָך זיינען זיי אַלע געווען ווי פאַר'כשופ'ט. מיט אָפּענע מיילער זיינען זיי געזעסען און מיט גרויס עהרפורכט אַרונטערגעקוקט אונטען אויף דער בימע צו כאַפּען א בליק אויף איהם.

די גליקליכסטע פון אַלעמען איז געוועזן לאה. משה'ס מוטער. איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען פון פרייד און גליק, איהר הארץ האָט אָנגעקוואָלען פון נחת, ווען זי האָט געזעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק איהר זוהנ'ס דרשה האָט געמאַכט אויף אַלע זיינע צוהערער.

לעבען לאה'ן איז געשטאַנען איהר עלף־יעהריגע טאָכטער, שפרה, די שטאָלצע שוועסטער פון דעם בר־מצוה, און איהר חבר'טע, שרה, וועלכע איז געווען אין איהר עלטער.

שרה'ס עלטערען האָבען געוואוינט אין שכנות מיט דער משפחה פון מימון און ביידע, שרה און שפרה, זיינען געווען שטאַרק באַפריינדעט איינע מיט דער צווייטער. שרה פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקומען צו די מימונס אין הויז, און כאָטש איהר כונה איז געווען צו כאַפּען א בליק אויף משה'ן, שפרה'ס ברודער, האָט זיך דאָס איהר זעלטען איינגעגעבען, ווייל משה איז שטענדיג געווען אין זיין פאָטער'ס צימער, וואו רבי מימון פלעגט מיט איהם לערנען.

די יונגע שרה האָט זעהר ליב געהאַט משה'ן. עס פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט, ניט אפילו שפרה, איהר חבר'טע. אויסער דעם וואָס ער איז געווען קלוג און געלערנט, איז ער דאָך אזוי שעהן און אָנציהענד. זיינע ליכטיגע אויגען, זיין ברייטער שטערען, זיין ליבליכער פּנים. ווי ליב זי האָט געהאַט צו הערען זיין זיסע שטימע . . . בלויז איינמאָל האָט משה צו איהר גערעדט און דאָס איז געווען מיט איינינע מאָנאַטען צוריק. ער האָט זיך דאַן אומגעקערט פון שוהל אַהיים. זי האָט געוואוסט די צייט און פלעגט אַרויסקומען אין דרויסען איהם צו זעהן. זי האָט עס געטאָן אזוי, אַז ער זאָל זי ניט באַמערקען. און איינמאָל, ווען זי איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געוואַרט, אַז משה זאָל פאַרבייגעהן, האָט זי באַמערקט, אַז דער מאַכמעדאַנישער שגץ, אַל־ערב, האָט זיך גענומען פאַרטשעפּען מיט משה'ן און געוואָלט אַוועקנעהמען פון איהם דעם ספר, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. זי האָט געזעהן ווי משה זוכט זיך צו באַשיצען פון

איהם. ער האַלט דעם ספר שטייף אין זיינע הענט. דער שגץ אָבער האָט איהם גענומען שלאָגען. דאן איז זי צוגעקומען און זי האָט דעם שגץ פאַרגעוואָרפען, האָט ער זיך פאַרשעהמט און איהם אָפּגעלאָזען. משה האָט איהר באַדאַנקט . . . דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָהל, וואָס ער האָט צו איהר גערעדט. זי האָט זיך געוואונדערט אויב ער ווייס אפילו ווער זי איז, אָבער דעם זעלבען אָוועגט האָט איהר שפרה געזאָגט, אַז איהר ברודער משה האָט איהר געהייסען איבערגעבען זיין דאַנק, וואָס זי האָט געווירקט אויף דעם שגץ ער זאָל איהם אָפּלאָזען. שרה האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך דאָס צו הערען פון איהר חבר׳טע, איהר יונג האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט: דען משה האָט זי יע באַמערקט און ער ווייס ווער זי איז . . .

דאָס איז שרה׳ן געקומען אויפ׳ן געדאַנק, ווען זי האָט אַרונטערגעקוקט און געזעהן, ווי משה שטעהט אויף דער בימה און זיינע רייד ווי פּערעל שיטען זיך פון זיין מויל. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט זי געזאָגט צו איהר חבר׳טע, ווי וואונדערבאַר איהר ברודער משה איז, זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט גערעדט. זי האָט איהרע געפיהלען געהאַלטען פאַר זיך.

שרה האָט געוואוסט, אַז היינט איז אָוועגד וועט פאָרקומען אַ גרויס-אַרטיגער מאָלצייט אין מימונ׳ס הויז לכבוד משה׳ס בר־מצוה. זי האָט אויך געוואוסט, אַז בלויז די קרובים און די גאָר נאָהענטע פריינד פון מימון זיינען אַהין איינגעלאַדען געוואָרען. אויך איהרע עלטערען וועלען זיך געווים באַטייליגען אין דער שמחה. אָבער זי וועט געווים דאַרפען פאַרבלייבען אין דער היים . . . זי האָט אָבער אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין דאָרט, איהם אָנקוקען און הערען וואָס ער וועט ריידען . . . זי האָט געהאָפט, אַז איהר חבר׳טע שפרה, וועט איהר איינלאַדען צו קומען צו זיי, אָבער שפרה האָט עס ניט געטאָן.

ווען שבת צו נאַכט איז געקומען און שרה׳ס עלטערען זיינען אוועק צו מימונ׳ס הויז איז זי געבליבען מיט איהר ברודער, אבו-אלמאעלי, וועלכער איז געווען בלויז איין יאָהר עלטער פון איהר. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז זעהר צופרידען ווען שפרה קומט צו זיי אין הויז, אָבער ער אין מימונ׳ס הויז איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, און זי וועט דאָך איהם ניט זאָגען, אַז זי ווינשט דאָרט צו זיין. ער וועט געווים אָפּלאַכען פון איהר . . . זי האָט אָבער פאָרט געוואָלט האָבען אַן אויסרייד דאָרט צו זיין, צו זעהן ווי ער קוקט אויס און צו הערען זיין שטימע. זי האָט געוואוסט, אַז איידער דער מאָלצייט וועט זיך אָנפאַנגען, וועט משה פאַרברייינגען אין זיין פאָטער׳ס צימער. ווען זי וואָלט געהאַט אַן אויסרייד צו קומען צו רבי מימון מיט אַ שאלה . . . זי האָט פון דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף אַ ווינקעל פון צימער, וואו די פסח׳דיגע כלים זיינען געשטאַנען צוגעגרייט פאַר פסח וואָס האָט באַדאַרפט זיין אין אַ פאָר טעג אַרום. זי האָט אויפגעהויבען אַ חמצ׳דיגע לעפעל, און עס אַריינגעטאָן אין איינעם פון די פסח׳דיגע טעפּלעך.

— אָה, אַ חמצ׳דיגע לעפעל איז אַריינגעפאַלען אין פסח׳דיגען טעפּעל! — האָט שרה אויסגערופען צו איהר ברודער. — איך מוז לויפען צו רבי מימונ׳ען און איהם פרעגען אַ שאלה.

— איצט איז ניט די צייט איהם צו פרעגען! — האָט איהר ברודער אבו־אלמאַעלי זיך אָפּגערופען. — די ווייסט דאָך, אַז ער איז איצט פאַרנומען מיט דער פייערונג פון משה׳ס בר־מצוה.

שרה האָט אפילו ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם טעפּעל מיט׳ן לעפעל און איז שנעל אַרויס פון הויז. מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ איז זי צוגעקומען צו מימונ׳ס הויז. זי האָט געזעהן דורך די פענסטער, אַז אינווייניג איז ליכטיג און פילע געסט האָבען זיך שוין פאַרזאַמעלט. זי האָט מיט איהרע אויגען געזוכט משה׳ן און מימון זיין פאָטער און ווען זי האָט זיי ניט געזעהן צווישען די געסט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיי געפינען זיך ביידע אין רבי מימונ׳ס חדר.

שנעל איז זי צו געגאַנגען צו דער טיר און זי אויפגעעפענט. זי האָט טאַקע דאָרט געטראָפען רבי מימון און משה׳ן.

— אָ, רבי! האָט שרה אויסגערופען און איהר פנים האָט געפלאַמט — אָט די חמצ׳דיגע לעפעל איז אַריינגעפאַלען אין דעם פסח׳דיגען טעפעל.

רבי מימון האָט באַטראַכט די לעפעל און טעפּעל. שרה האָט דערווייל געווענדעט איהרע בליקען צו דער ריכטונג, וואו משה איז געזעסען. זי האָט געזעהן, אַז ער איז שטאַרק פאַרטיפט אין ספר און האָט זי אפילו ניט באַמערקט.

רבי מימון האָט איהר געזאָגט, אַז אויב די לעפעל און טעפּעל זיינען געווען טרוקען, איז דאָס פסח׳דיגע טעפעל ניט חמצ׳דיג געוואָרען און זי האָט ניט וואָס צו זיין באַזאָרגט.

שרה האָט איהם באַדאַנקט. אַ קליינע ווילע האָט זי געוואַרט און דאַן איז זי גלייך אַרויס... זי איז געווען אַזוי אַנטוישט, משה האָט זי אפילו ניט באַשאָנקען מיט אַ בליק. און זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט זאָגען זיין פאָטער, אַז זי איז געווען די, וועלכע האָט איהם געראַטעוועט פון די הענט פון מאַכמעראַנישען שנײַ, און דאַן וועט מען זיי איינלאַדען צו קובען אין הויז... אָבער איהר האָפנונג איז ניט ערפילט געוואָרען... זי איז אַרויס אין דרויסען, אָבער אַהיים איז זי ניט געגאַנגען. זי איז געשטאַנען און אַריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער.

די געסט האָבען זיך געזעצט אַרום טיש. רבי מימון און זיין זוהן, משה, זיינען געזעסען אויבענאָן. די שפּייזען און געטראַנקען זיינען צוגעבראַכט געוואָרען צום טיש.

משה האָט זיך אוועקגעשטעלט און ער האָט געהאַלטען אַ גאַנץ אַנדער דרשה לכבוד די פאַרזאַמעלטע, וועלכע זיינען געזעסען פאַרגאַפּטע, צוגעשמידט צו זייערע פלעצער און מיט אָנגעשטרענגטע אויגען און אויערען צוגעהערט צו יעדען וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון משה׳ס מויל. אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם גרויסען ברייטען גאַסט־צימער. מען האָט געקענט הערען יעדעם אָטעמען. משה׳ס שטימע האָט געקלונגען ווי אַ שעהנע מעלאָדיע וואָס קומט אַרויס פון אַ פידעל.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער גערויש און טומעל אין דרויסען.

באלד האָט זיך די טיר אויפגעפראַלט און שרה, מיט אַ טויט בלאַסען פּנים איז אַריינגעקומען און אויסגערופען:

— אַן אומגליק האָט פּאַסירט, קאָרדאָווא איז געפאַלען!!!

דערשלאָגען און ערשיטערט האָבען די געסט געגומען פאַרלאָזען רבי מימון'ס הויז. בלויז די, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען צו געהן ראַטעווען די ספרי תורות, זיינען פאַרבליבען. זייערע אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק און זייערע הערצער — טרויער און זאָרג.

איך וועל אַרויסגעהן אין דרויסען און זעהן אויב עס געפינען זיך ניט מאַכמעדאַנער, וועלכע וועלען אונז באַמערקען — האָט משה זיך אָפּגערופען.

— ניין, געה יעצט ניט אַליין! — איז זיין מוטער לאה צו איהם צוגעגאַנגען — ווער ווייס וואָס פאַר אַ געפאַהר עס לויערט יעצט אין דרויסען!

— יע, יע, מיר וועלען דאַרפען צוּוואַרטען אַ קליינע ווייל̇ע ביז וואַנען עס וועט שטיל ווערען, דאַן וועלען מיר געהן אין די שולען — האָט רבי מימון געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען.

— אַזאַ פּלוצלונגער אומגליק! — האָט לאה טרויעריג געזאָגט — ווער האָט זיך דאָס אויף דעם גערעכט?

— פאָטער! — האָט זיך אָפּגערופען מימון'ס אינגערער זוהן, דער עלף יעהריגער דוד — פאַרוואָס זאָלען מיר ניט געהן קעמפען געגען די שלעכטע אַלמוהאַדין? דו האָסט דאָך מיר דערצעהלט, אַז די אידען האָבען געהאָלפען איינעהמען שפּאַניען און מיר האָבען אַ רעכט צו דעם לאַנד ווי די איבעריגע.

— דו ביזט גערעכט, מיין זוהן — האָט מימון איהם אַ גלעט געטהאָן איבער זיין קאָפּ — מיר וואָלטען באַדאַרפט זיך געגענשטעלען אונזערע שונאים, אָבער זינט מיר זיינען אין גלות ביי די גויים, קענען מיר מעהר דערפון ניט טראַכטען. עס איז אַזוי דער ווילען פון גאָט, און מיר וועלען צו איהם מתפלל זיין, אַז ער זאָל אונז באַשיצען אין דיזער טרויעריגער צייט.

— וואָס ווילען די אַלמוהאַדען פון די אידען? — האָט לאה זיך אָפּגערופען צו מימון'ען מיט אַ טרויעריגע שטימע — ווייסען זיי דען ניט, אַז מיר זיינען ניט זייערע שונאים? פאַרוואָס זאָלען זיי אונז וועלען שלעכטעס טהאָן?

— זיי זיינען זעהר פאַנאַטיש און ווילד! — האָט מימון געענטפערט — זיי האָבען געשוואָרען צו באַקעהרען אַלע פעלקער צו מאַכמעד'ס גלויבען דורכ'ן שווערד. זיי ווילען ניט וויסען פון בילדונג, פון קונסט און וויסענשאַפט, און זיי וועלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען ביז וואַנען זיי וועלען זייער ציעל דערגרייכען. דערפאַר איז די סכנה אַזוי גרויס. יעצט, ווען אונזער פּרעכטיגע שטאָדט קאָרדאָוואָ איז אַריינגעפאַלען צו זיי אין די הענט.

— מיר קענען שוין יעצט געהן, פאָטער — האָט משה זיך אָפּגערופען

— איך וועל העלפען טראָגען די הייליגע ספרים.

— איך וועל אויך געהן, פאָטער, — האָט דוד געזאָגט.

— ניין, מיין קינד, דו בלייב מיט דיין מוטער און מיט דיין שוועסטער,

דו וועסט מיר העלפען מאַכען אַ פּלאַץ פאַר די ספרי תורות. דו ווייסט דאָך ווי היילינ זיי זיינען און מיר דאַרפען זעהר פּאָרזיכטיג זיין ניט צו פאַרשוועכען זייער הייליגקייט.

רבי מימון, משה און די איבעריגע זיינען אַרויס אין דרויסען... זיי זיינען געגאַנגען שווייגענדיג און גאַנץ פּאָרזיכטיג, מיט שטילע טריט, ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען צום שול. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט. פאַר דער שיין פון דער נייער פולער לבנה האָט רבי מימון באַטראַכט די פּראַכטפולע שול פון דרויסען. וועט דיזע הייליגע שול ווערען צושטערט דורך די הענט פון שונא? — האָט ער זיך געטראַכט און זיינע ליפּען האָבען זיך באַוועגט מיט אַ שטילע תפלה צו גאָט.

משה האָט געקוקט אויף זיין פּאָטער מיט שרעקענדע אויגין. טרויער און אַנגסט האָט זיין האַרצען געדריקט. ער האָט טראַץ די דרייצעהן יאָהר פון זיין לעבען געפיהלט די ערנסטקייט און געפאַהר פון דער לאַגע. ער האָט פאַרשטאַנען די הילפלאָזיגקייט פון די אידען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם מאַכמעדאַנישען שגיץ, אל־ערב, וועלכער איז געקומען אָנזאָגען די טוריעריגע בשורה. ער האָט זיך אויף דעם ניט געריכט, אַז ער זאָל אַרויסווייזען אַזוי פיעל פריינדשאַפט. זינט יענער פּאַסירונג, ווען שרה האָט זיך פאַר איהם איינגעשטעלט און ניט דערלאָזען ער זאָל איהם שלעכטעס טהאָן, אָון ער האָט ניט געקענט באַגרייפען פאַרוואָס ער האָט זיך פּלוצלונג געענדערט פון אַ שונא צו אַ פריינד. דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט וואָס שרה׳ס פּאָטער האָט וועגען איהם דערצעהלט. פון זיינע רייד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אל־ערב פלעגט צו איהם קומען צוליעב שרה׳ן... ווער ווייס, אויב דאָס וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט זיין פריינדשאַפט צו די אידען, איז ער ניט אויסען געווען צו געפינען חן אין שרה׳ס אויגען...

מעהר האָט משה פון דעם ניט געטראַכט. באַלד האָט ער געזעהן ווי זיין פּאָטער נעהמט אַרויס די שליסלען פון זיין קעשענע און שליסט אָפּ די שול און איז אַהין אַריין. נאָך איהם זיינען אַריינגעקומען די אַנדערע אידען, וועלכע האָבען זיי באַגלייט. משה איז דער לעצטער אַריינגעקומען אין דער גרויסער שול. עס איז געווען דאָרט גאַנץ פינסטער. בלויז די מאַטע ליכט פון נר תמיד האָט עטוואָס באַלויכטען דעם ארון קדש.

די שוואַרצע שאָטענס פון די באַוועגענדע מענשען, וועלכע זיינען שווייגענדיג געגאַנגען צום ארון קדש האָבען אויף משה׳ן אָנגעוואָרפען אַ פּחד. רבי מימון האָט געעפענט דעם ארון קדש און פון דאָרטען אַרויסגענומען די ספרי תורות. ער האָט יעדען געגעבען אַ ספר תורה. משה׳ן האָט ער געגעבען די עטרות און די אַנדערע זאַכען וואָס באַצירען די תורות.

מיט שטילע פּאָרזיכטיגע טריט האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו מימון׳ס הויז. אין דרויסען האָט געהערשט אַ טיעפע שטילקייט. דאָס איז געווען אַ שטילקייט וואָס קומט בעפאָר אַ גרויסען שטורם.

רבי מימון האָט אַריינגעטראָגען די ספרי תורות אין אַ באַזונדערען צימער און דאָרט האָט ער מתפלל געווען אַ תפלה צו גאָט.

משה און זיין אינגערער ברודער דוד זיינען געשטאַנען באַוועגלאָז און מיט צו שראָקענע אויגען געקוקט אויף זייער פּאָטער. אָט ערשט ניט לאַנג

איז ער געווען אַזוי פרעהליך און גליקליך, און יעצט... אַזאַ פּלוצלונגע ענדערונג איז אויף איהם געקומען. אפילו דוד האָט אויך באַגריפען די גאַנצע טרויעריגע לאַגע און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט צער און הילפלאָזיגקייט.

— גאָט וועט אונז העלפען, גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזען! — האָט רבי מימון געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט זיין תפלה געענדיגט.

## קאַפּיטעל צוויי

אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען שוין אַלע געוואוסט וועגען דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז דורך דער נאַכט פאָרגעקומען אין קאָרדאָווא. די גאַסען זיינען געווען פול מיט מיליטער, וועלכע האָבען אַרומגעמאַרשירט מיט בלויזע שווערדען. די רייטער האָבען געריטען אויף פערד און מיט לאַנגע שפּיזען אין זייערע הענט. פאַרשידענע אויסגעשרייען און געזאַנגען האָבען אָפּגעהילכט אין די גאַסען פון קאָרדאָווא.

— אַלאַ איז דער גאָט און מאַכמעד איז זיין נביא! — האָבען די רייטער אויסגעשריען און זיך געשמעלט נעבען די שולען און די קאַטוילישע קירכען און ניט צוגעלאָזען אַהין די וועלכע האָבען געוואָלט מתפלל זיין.

אבד אַל מומען, דער פיהרער פון די אַלמוהאדען, האָט גלייך געשיקט רופען רבי מימון און אַנדערע פאָרשטעהער פון די אידען און ער האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך רייד צו אייך אין נאָמען פון אונזער נביא מאַכמאַד. מיט זיין הילף האָב איך איינגענומען פילע לענדער און עס איז זיין וואונש, אַז יעדער פון אייך זאָל אָננעהמען דעם מאַכמאַדישען גלויבען. איהר דאַרפט בלויז אַנערקענען אַז מאַכמאַד איז דער נביא, און דער, וועלכער וועט איהם ניט אַנערקענען אַלס נביא, וועט ער מוזען פאַרלאָזען דאָס לאַנד אין משך פון דרייסיג טעג, און דער, וועלכער וועט ניט טהאָן איינע פון די צוויי זאַכען, וועט געטויטעט ווערען, און זיין גאַנצער פאַרמעגען וועט קאָנפיסקירט ווערען פאַר די קעניגליכע אוצרות. איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז איהר זאָלט איבערגעבען מיינע רייד צו אייערע ברידער.

— מעכטיגע הערשער! — האָט זיך רבי מיימון צו איהם אָפּגערופען — מיר אידען געפינען זיך אין דרום שפּאַניען שוין איינינגע הונדערט יאָהר. מיר האָבען די גאַנצע צייט געלעבט אין פריעדען מיט אונזערע אַראַבישע ברידער. מיר האָבען געקעמפט צוזאַמען געגען אונזערע אַלגעמיינע שונאים און מיר האָבען איינגענומען קאָרדאָווא. יעצט איז אונזער פאַרלאַנג, אַז דו זאָלסט האָבען איינזעהעניש מיט די אידען פון דרום שפּאַניען און אונז לאָזען דינען צו אונזער גאָט ווי מיר האָבען עס געטהאָן ביז יעצט. און דערפאַר וועלען מיר זיך אונטערנעהמען אַריינצוברייננגען אין דיינע אוצרות אַ געוויסע סומע געלט, וויפיעל דו וועסט אויף אונז אַרויפלעגען.

— ווייסטו דען ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער אַלאַ, און מאַכמאַד איז זיין נביא?! — האָט אבד אַל מומען אויסגערופען מיט צאָרן — אונז האָט מען איבערגעגעבען, אַז ווען די אידען זיינען געקומען צו

מאכמאד׳ן און איהם געזאָגט, אַז זיי וואַרטען אויף זייער משיח׳ן, אַז ער וועט זיי קומען אויסלייזען פון גלות, האָט דער היילינער מאכמאד זיך צו זיי אָפּגערופען: „פינף הונדערט יאָהר צייט גיב איך אייך, און אויב ביז יענער צייט וועט אייער משיח אייך ניט קומען אויסלייזען, דאַן זאָלט איהר אָננעהמען מיין אמונה און דער קאָראַן זאָל ווערען אייער תורה״. די אידען האַבען דאַן צוגעשטימט און געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט מאכמאד׳ן און יעצט זיינען שוין די פינף הונדערט יאָהר פאַראיבער, און איהר דאַרפט אָננעהמען דעם מאכמאדישען גלויבען.

— מיין האר, מיר ווייסען ניט פון אַזאַ אָפּמאַך! — האָט רבי מימון געזאָגט — אין אונזערע היילינע ספרים איז עס ניט דערמאָהנט! און אפילו ווען עס זאָל זיין ריכטיג, האָבען דאָך יענע געצעהלטע אידען קיין רעכט ניט געהאַט צו שליסען אַזאַ אָפּמאַך אין נאָמען פון גאַנצען אידישען פאָלק!

— אַזוי איז דער וואונש פון אונזער היילינען נביא און אַזוי וועט עס זיין! — האָט אבד אל מומען אַ געשריי געטהאָן — אַלע אידען פון קאָרדאָוואַ וועלען דאַרפען אַנערקענען מאכמאד׳ן אַלס זייער נביא און דעם קאָראַן אַלס זייער היילינע תורה! און דער, וועלכער וועט ניט וועלען פאָלגען, וועט ער מוזען פאַרלאָזען דאָס לאַנד. סאַי איד און סאַי קריסט, און דער, וועלכער וועט ניט אויספאָלגען מיין באַפעהל, וועט דורכ׳ן שווערד געטויטעט ווערען! די שולען און די קירכען וועלען צושטערט ווערען און בלויז אין די מעטשעטען וועט איהר מוזען מתפלל זיין.

דערשלאָגען, מיט אַ צובראָכען האַרץ האָט זיך רבי מימון אומגעקעהרט צו זיינע ברידער און ער האָט זיי איבערגעגעבען דעם טרויעריגען ענטפער פון דעם הערשער פון די אַלמוהאַדען.

— וואָס בלייבט אונז יעצט צו טהאָן? — האָבען די אידען געיאָמערט.

— מיר דאַרפען האָבען בטחון אין גאָט און איהם ניט פאַרלאָזען און זיין תורה — האָט רבי מימון געזאָגט.

— אָבער אונזערע לעבענס זיינען דאָך אין גרעסטען געפאַהר! — האָבען די אידען גע׳טענה׳ט — זאָלען מיר דען זיך לאָזען טויטען מיט אונזערע פרויען און קינדער?

— עס איז פאַר מיר זעהר שווער אייך צו געבען אַ תשובה אויף דעם — האָט רבי מימון, דער הויפּט דיין פון קאָרדאָוואַ געזאָגט — איך ווייס בלויז וואָס איך וועל טהאָן אונטער די אומשטענדען. איך וועל אויסוואַנדערען מיט מיין משפחה פון קאָרדאָוואַ.

— אונזער היילינע שול ברענט! — איז דער שמש געקומען צולויפען און מיט אַ וויינענדיגע שטימע אויסגערופען.

רבי מימון האָט גלייך געריסען קריעה און מיט טרויער געזאָגט:

— אַ דריטער חורבן איז געקומען אויף אונז. אונזערע היילינע שולען ווערען פאַרברענט דורכ׳ן שונא. אָה, גאָט העלף אונז!

אַלע אנוועזענדע האָבען נאָכגעטהאָן רבי מימון׳ען און אויך געריסען קריעה. אַ יאָמערליכער געוויין האָט דורכגעלעכערט די לופט. די פאַרזאַמעלטע זיינען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ.

— איך ווייס אַז די אַלמוהאַדען פאַרלאַנגען פון אונז בלויז איין זאַך

— האָט זיך אהרן, דער פֿאָטער פֿון שרה׳ן און אבואַלמעלי׳ן, אָנגערופֿען

— און דאָס איז, אַז מיר זאָלען זאָגען מיט אונזער מויל, אַז מאַכמאַד איז דער נביא, וועלען מיר דאָך קענען אַרויסריידען דיזע עטליכע ווערטער בלויז מיט אונזער מויל און אין הארצען וועלען מיר בלייבען געטריי צו אונזערגאָט!

— די לאַגע איז אַ טרויעריגע, די געפֿאַהר איז גרוים! — האָט רבי מימון געזאָגט — עס איז מיר זעהר שווער אייך צו ראַטהען וואָס צו טהאָן אין אַזאַ עת צרה. איך וועל אויסוואַנדערען פֿון קאָרדאָוואַ און זוכען אַן אַנדער פּלאַץ וואו מיר וועלען קענען דינען גאָט אָהן מורא. די וועלכע קענען אויסוואַנדערען זאָלען עס טהאָן, און די וועלכע קענען עס ניט באַווייזען, וועלען געווים טהאָן ווי זיי פֿאַרשטעהען.

— ווען מיר וועלען פֿאַרלאָזען אונזערע געשעפֿטען און אויסוואַנדערען פֿון קאָרדאָוואַ וועט אונז אויסקומען צו הונגערען צוזאַמען מיט אונזערע משפחות! — האָט אהרן ווייטער געזאָגט.

— מיר וועלען בעסער ליידען און הונגערען! — האָט אַן אַנדער איד אויסגערופֿען, אָבער מיר וועלען ניט דינען צו עבודה זרה! מיט דעם וואָס מיר וועלען אַפילו בלויז מיט׳ן מויל דאַרפֿען אַנערקענען מאַכמאַד׳ן אַלס נביא, וועט עס שוין הייסען, אַז מיר ווערען מאַכבאַדאַנער.

— מיין עצה איז, אַז מיר זאָלען צואוואַרטען ביז וואַנען די דרייסיג טעג וועלען פֿאַראיבערגעהן — האָט איינער פֿון די קאראַדאָווער רבנים זיך אָפּגערופֿען — מיר וועלען אויך דאַן האָבען די מעגליכקייט צו פֿאַר־לאָזען דאָס לאַנד, און פֿיעלייכט וועט גאָט געבען, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערען ביז דאַנען.

— עס פֿאַרשטעהט זיך אַז מיר וועלען ניט אויסוואַנדערען ביז נאָך פּסח! — האָט רבי מימון געזאָגט — די איינציגע זאַך איז, אַז מען זאָל זיין צוגעגרייט, אין פֿאַל מיר וועלען קיין אַנדער בריה ניט האָבען ווי אויסצואוואַנדערען, מיר זעהען דאָך, אַז אונזערע שולען זיינען שוין פֿאַר־ברענט געוואָרען, אונזערע ישיבות זיינען געשלאָסען געוואָרען. יע, זעהר ווינציג האָפֿענונגען זיינען פֿאַראַן פֿאַר אונז, אַז מיר וועלען האָבען די מעגליכקייט צו לעבען אין קאָרדאָוואַ אַלס אידען. קוקט, מיינע ברידער, איהר זעהט ווי דער רויך דרעהט זיך און קנוילט זיך. דאָס ברענען דאָך אונזערע הייליגטימער, אונזערע שולען און בתי מדרשים.

— אָבער די קירכען, להבדיל, ברענען אויך! — האָט אהרן אויסגע־רופֿען — איך וויים, אַז אַלע קאַטוילישע קירכען ווערען אין דער זעלבער צייט פֿאַרברענט.

— אונז וועט אָבער דערפֿון ניט גרינגער ווערען! — האָט רבי מימון טרויעריג געזאָגט — אונזער חורבן איז אַ סך גרעסער. זיי, די קריסטען, וועלען קענען אויסוואַנדערען אין אַנדערע קריסטליכע לענדער, וואו זיי וועלען געפֿינען שוץ און פֿרייהייט צו דינען צו זייער גאָט ווי זייער הארץ געלוסט. וואוהין אָבער וועלען מיר געהן? ווער וועט אונז וועלען געבען שוץ? ווער וועט אונז קענען פֿאַרזיכערען, אַז ווען מיר וועלען אָנקומען אין אַן

אַנדער לאַנד, וועלען מיר געניסען דאָרטען די פרייהייט צו דינען צו אונזער גאָט. יע, מיינע ברידער, אונזער לאַגע איז זעהר טרויעריג. ווידער האָבען די פאַרזאַמעלטע אידען יאָמערליך געוויינט.

— אונזער איינציגע טרייסט איז צו האָפען אין גאָט. זאָל אונזער בטחון אין איהם שטאַרקער ווערען, לאָמער תשובה טהאָן צו איהם מיט אונזער גאַנצען האַרצען און זיך אויף איהם פאַרלאָזען, אַז ער וועט אונז באַשיצען וואוהין מיר זאָלען ניט געהן.

זעהר אַ טרויעריגען פסח האָבען די אידען פון קאָרדאָווא געהאַט. דער יום טוב פון פרייהייט און פריהלינג, וואָס איז ביי זיי געווען אַזוי ליעב און טייער איז יעצט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין טרויער. יעדער איד האָט געגעסען מצה אָבער יעדער ביסען איז געווען דורכגעווייקט מיט טרעהרען. מיט טרויעריגע פּנים'ער און פאַרגליווערטע הערצער האָבען זיי די סדרים געפּראַוועט. זיי האָבען מתפּלל געווען אין די הייזער, ווייל פון זייערע שולען איז שוין קיין זכר ניט געבליבען און מיט די תּפלות זיינען גענוג טרעהרען פאַרגאָסען געוואָרען.

גלייך נאָך יום טוב האָבען פיעלע פון די אידען גענומען אויספאַרקויפען זייערע פאַרמעגענס. זיי האָבען פאַרקויפט האַלב אומזיסט. זיי האָבען גענומען וויפיעל מען האָט זיי געגעבען, זיי זאָלען האָבען עטוואָס געלט אין וועג.

רבי מימון האָט פאַרקויפט זיין הויז, זיין גאָרטען און אַלעס וואָס ער האָט געהאַט, אויסער די הייליגע ספרים, און צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה, זיינע זיהן משה און דוד און זיין טאָכטער שפרה, האָט ער אויסגעוואַנדערט פון דער וואונדער־שעהנער שטאָדט קאָרדאָווא, די שטאָדט וואו עס איז געשטאַנען די וויגעל פון זיינע עלטערען און אור־עלטערען. די שטאָדט וואו זיי האָבען גענאָסען אַלע פרייהייטען און מעגליכקייטען.

נאָכגעפאָלגט רבי מימון'ס ביישפּיל האָבען נאָך טויזענטער אידען. זיי האָבען אויך מיט געבראָכענע הערצער און טרויעריגע געמיטער גענומען דעם וואַנדערשטעקען אין האַנט און מיט זייערע משפּחות גענומען וואַנדערען, ניט וויסענדיג אפילו וואוהין. זיי זיינען געגאַנגען נאָך צפון שפּאַניען צו די שטעדט, וואו די צושטערענדע הענט פון די אַלמוהאַדען האָבען נאָך ניט דערגרייכט.

די אַנדערע אידען, וועלכע האָבען מיט רבי מימון מיטגעוואַנדערט האָבען מיט גרויס פאַרביטערונג און ענטריסטונג גערעדט וועגען די יעניגע, וועלכע האָבען פאָרגעצויגען צו פאַרבלייבען אין קאַאַדרוואַ אונטער אַ מאַסקע פון מאַכמאַדאַניזם.

— מיר טאָרען אונזערע ברידער ניט אורטיילען! — האָט רבי מימון זיי געענטפערט — נאָך אַלעמען איז עס ניט קיין גרינגע זאַך פאַר יעדען איינעם נעהמען דעם וואַנדערשטעקען און אויסוואַנדערען פון אַ היים, וואו זיי זיינען איינגעוואָרצעלט געוואָרען פאַר פיעלע דורות. ניט אַלע זיינען שטאַרק גענוג צו טהאָן דאָס וואָס מיר האָבען געטהאָן, און דאריבער פאַר־דינען זיי ניט קיין פאַרדאַמונג. זיי פיהלען, אַז אַזוי לאַנג ווי אין זייערע הערצער בלייבען זיי אידען, וועט זיי גאָט מוחל זיין. און לאָמיר האָפען,

אז דער בארעמהערציגער גאָט וועט ארונטערקוקען פון הימעל און זעהן די נויט און פיין פון זיינע פארוואָגעלטע קינדער, די וועלכע ווערען געיאָגט און געפּלאָגט צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען געטריי זייער פאָטער אין הימעל, וועט ער זיך דאַן מרחם זיין איבער זיין פאָלק און אונז שיקען די גאולה. מיר דארפען בלויז ביי גאָט פארדינען!

זייער פיעל אידען זיינען פארבליבען אין קארדאווא. זיי האָבען לפנים וועגען אָנגענומען דעם מאכמאדאנישען גלויבען, אָבער אין הארצען זיינען זיי געבליבען טרייע אידען. אין זייערע היימען האָבען זיי זיך אויפגעפיהרט ווי אידען. זיי האָבען מתפלל געווען צו זייער גאָט, דער גאָט פון ישראל.

די אינקוויזיציע איז נאָך דאַן ניט באקאנט געווען און קיין שפּיאָנען אויסצופאָרשען אויב די, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם גלויבען פון מאכמאד, היטען ניט אָפּ זייער אייגענע רעליגיע זיינען ניט געווען, האָבען די פארבליבענע אידען אין קאָרדאָווא זיך געפיהלט עטוואָס זיכער און זיי האָבען זיך בארוהיגט.

א קליינע צאָהל אידען האָבען עפענטליך ערקלערט, אז זיי ווילען בלייבען געטריי דעם גאָט פון זייערע אבות, און זיי האָבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזער צו אבד אל מומענ'ס שווערד און זיי זיינען געשטאָרבען על קדוש השם.

צווישען די וועלכע זיינען פארבליבען אין קאָרדאָווא און אָנגענומען לפנים וועגען דעם גלויבען פון מאכמעד'ן איז געווען אהרן, זיין פרוי, זיין זוהן אבו אלמאעלי און זיין טאָכטער שרה. אהרן איז געווען א גאַנץ פארמעגליכער איד, ער האָט געהאט א געשעפט אין קאָרדאָוואָ און איהם איז עס שווער געווען אלעם איבערצולאָזען. ניט אזוי גרינג איז איהם געווען צו מאכען דיזען באשלוס. אויסער דעם וואָס זיין געוויסען האָט איהם געפּלאָגט וואָס ער דארף אנערקענען דעם פאלשען נביא מאכמעד פאר א היילינגען, האָבען זיינע קינדער געוואָלט נאָכטהאָן רבי מימון און זיין משפחה. זיי האָבען געבעטען זייער פאָטער, אז ער זאָל אלעם פארקויפען און אויסוואנדערן. איבערהויפּט האָט שרה ביטער געוויינט און האָט געזאָגט, אז זי וועט בעסער שטארבען איידער צו ווערען א מאכמעדאנערין. זי האָט שטארק געבענקט נאָך איהר חבר'טע שפרה'ן און פון איהרע גדאנקען האָט זי משה ניט אויסגעלאָזען . . . זי האָט פון איהם געטראכט טאָג און נאכט. זי האָט זיך געשראָקען, אז זי וועט איהם שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן. זי האָט גענומען צושטעהן צו איהר פאָטער, געוויינט פאר איהם, אז ער זאָל פארלאָזען קאָרדאָוואָ און נאָכפאָלגען רבי מימון און די אנדערע אידען.

— מיין טאָכטער! — האָט אהרן צו איהר געזאָגט — רבי משה איז א דין, ער איז זעהר געלערענט און וואו ער זאָל ניט קומען וועט ער ניט זיין פארפאלען. אומעטום וואו עס געפינען זיך אידישע קהילות, וועט ער און זיין בשפחה זיין אבזאָרגט מיט פרנסה. אָבער וואָס קען איך טהאָן אין דער פרעמד? אויב איך וועל זיין געצוואונגען אויפצוגעבען מיין געשעפט אין קארדאָוואָ, און נעמען אויסוואנדערן אין דער פרעמד, וועט אונז אויסקומען צו הונגערן. איך בין זיכער, אז גאָט וועט עס מיר ניט פארעכענען פאר א זינד וואָס איך רייד ארוים מיט מיין מויל, אז מאכמעד

איז א נביא, אזוי לאנג ווי אין הארצען טראכט איקאנדערש. קיינער וועט דאך מיר ניט געהן נאכקוקען וואס איך טהו אין מיין הויז. מיר וועלען בלייבען דיזעלבע אידען ווי פריהער, און מיט גאטעס הילף וועל איך זיך קענען דערשלאגען צו עפעס און דאן וועט פאר אונז נאך ניט שפעט זיין צו פארלאזען קארדאווא. איך האב געקראגען די פריינדשאפט פון לישע, דעם פאטער פון אל-ערב און ער וועט פון יעצט אן זיין מיין באשיצער.

— אה, פאטער, איך האב מורא, אז על-ערב און זיין פאטער, מישע, זיינען ניט אויסען אונזער טובה... עפעס האבען זיי אן אנדער כונה — האט אבו־אלמאעלי זיך אפגערופען.

— איך וויים אויך, אז אל ערב זוכט די פריינדשאפט פון דיין שוועסטער! — האט אהרן געזאגט — אבער פארגעס ניט די טובות וואס ער האט שוין געטהאן פאר פיעלע פון אונזערע ברידער, אויסער דעם איז דאך זיין פאטער יעצט איינער פון די הויכע באאמטע פון דעם הערשער אבד אל מומען און פון איהם קען איך ערווארטען פיעלע טובות.

אזוי איז אהרן פארבליבען אין קארדאווא אלס איינער וועלכער האט זיך באקעהרט צו דעם מאכמעדאנישען גלויבען.

## קאפיטעל דריי

אן אפטער אריינגעהער אין אהרן׳ס הויז איז געווען על ערב וועלבער האט זיך שוין ערווארבען א נאמען אין קארדאווא אלס אן אראבישער דיכטער. ער האט נאך יעצט מעהר ווי פריהער געזוכט שרה׳ס געזעלשאפט. שרה אבער האט איהם אויסגעמיטען. איהר הארץ איז אין גאנצען געווען פארנומען מיט משה׳ן, דעם זוהן פון מימון. כאטש איניגע יאהר זיינען פאריבער זינט רבי מימון און זיין משפחה האבען פארלאזען קארדאווא. שרה איז אונטערגעוואקסען און דורך דעם נאך שעהנער געווארען, אבער משה׳ן האט זי ניט געקענט פארגעסען. זי האט אפילו ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. נאר אין איהר הארצען האט געטליעט א פונק האפענונג, אז זי וועט נאך איהם זעהן. פאר איהרע אויגען איז זיין געשטאלט געשטאנען. זי געדענקט נאך ווי ער האט אויסגעזעהן אין דעם טאג פון זיין בר מצוה ווען ער האט זיין דרשה אין דער גרויסער שוהל געהאלטען. זיין שטימע האט אזוי שעהן און העל געקלונגען. די פאר איהר אומפארשטענדליכע ווערטער האבען זיך ווי פערעל פון זיין מויל געשאטען. און דאן איז אויף איהרע געדאנקען געקומען יענער שרעקליכער אווענד ווען זי איז געקומען פרעגען א שאלה ביי רבי מימון און זי האט געטראפען אל ערב׳ן וועלכער האט איהר אנגעזאגט די טרויעריגע בשורה... און דאן האבען זיך פאר איהר אנגעפאנגען שלאפלאזע נעכט. זי האט אויסגעפונען, אז רבי מימון און זיין משפחה וועלען אויסוואנדערען און זי וועט פארלירען איהר חבר׳טע שפרה און משה׳ן.

שרה האט געוואוסט, אז אל ערב איז אין איהר פארליעבט, זי האט עס געוואוסט נאך פון דאן, ווען זי איז נאך גאר יונג געווען. יעצט איז ער

געוואָרען נאָך מעהר צודרינגליך, און זי האָט מורא, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט אויך איהר פאָטער צושטימען דערצו. זי זעהט דאָך, אַז די פריינדשאַפט צווישען איהר פאָטער און אל ערב׳ס פאָטער איז פאַרשטאַרקט געוואָרען. זי האָט אויך אויסגעפונען, אַז אל ערב פּלאַנעוועט צו קריגען אַן אָמט פאַר איהר ברודער, און זי האָט געוואוסט, אַז עס איז ניט פאַר אומזיסט... זי האָט פאַרשטאַנען זיינע כונות און זי האָט באַשלאָסען, אַז וואָס עס זאָל מיט איהר ניט פּאַסירען, וועט זי קיינמאָל ניט צושטימען צו הייראַטען מיט אל ערב׳ן.

אין אָנפאַנג איז אהרנ׳ען געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו דעם פאַלשען לעבען. ער האָט געפיהלט ווי אַ שווערעניש וואָלט איהם אויפ׳ן האַרצען געדריקט. ער איז געוואָרען נאָך שטאַרקער צוגעבונדען צו אידישקייט און יעדען מאָל ווען ער האָט באַדאַרפט געהן אין מעטשעט אויסצורופען, אַז מאַכמעד איז דער אמת׳ער נביא, האָט ער זיך זיין לעבען פאַרשאָלטען. ער פלעגט גלייך נאָכדעם קומען אהיים און מיט ביטערע טרעהרען אויסגיסען זיין האַרץ פאַר גאָט און איהם בעטען ער זאָל איהם מוחל זיין...

ביסלעכווייז אָבער, האָט זיך אהרן גענומען צוגעוואוינען צו דעם אַרט לעבען. זיין געוויסען האָט איהם שוין ניט אַזוי שטאַרק געפּלאַגט, בפרט, ווען ער האָט געזעהן, אַז ער איז ניט דער איינציגער, אַז אין קאָרדאָווא געפינען זיך נאָך טויזנטער אידען ווי ער, איהם האָט זיך אין קאָרדאָווא געלעבט זעהר רוהיג. זיינע געשעפטען זיינען געווען בעסער ווי פריהער.

איינמאָל, ווען אהרן איז אַרויס פון מעטשעט אין אַ טאָג ווען די מאַכמעדאַנער האָבען געפייערט אַ יום טוב, איז צו איהם צוגעקומען אַן אומבאַקאַנטער איד, וועלכער איז געווען געקליידעט ווי אַן אַראַבער און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך קום פון טאָלידאָ און איך פאָהר דורך קאָרדאָווא. איך האָב אויסגעפונען, אַז פיעלע אידען, וועלכע זיינען געצוואונגען געוואָרען אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען און האָבען ניט געוואָלט פאַרלאָזען דאָס לאַנד, דינען צו צוויי געטער, צו מאַכמעד׳ן אין דער עפענטליכקייט און צו דעם גאָט פון ישראל פאַרבאָרגענערהייט... זייענדיג אין טאָלידאָ, האָב איך געהערט פון אַ רב, אַז אַזעלכע אידען וועלכע טוען אַזוי זיינען פאַררעכענט פאַר פּושעים און סופרים און זיי וועלען ניט האָבען קיין חלק לעולם הבא. אפילו ווען זיי טוען תשובה און זיינען זיך מתודה פאַר גאָט אויף זייערע זינד... אַ איד, וועלכער וויל האָבען אַ חלק אין עולם הבא דאַרף דינען בלויז צו גאָט און דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר איהם.

דיזע רייד פון דעם אומבאַקאַנטען מאַן האָט אויף אהרנ׳ען געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק. ער איז אַריינגעפאַללען אין גרויס יאוש און פאַרצווייפלונג. ער האָט אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען, אַז ער האָט שוין אַלץ איינם פאַרשפּיעלט יענע וועלט און קיין תשובה וועט איהם שוין ניט העלפען, אויב אַזוי, וועט ער אַמוויינגסטען זעהן הנאה האָבען פון דער וועלט... ער האָט גענומען טראַכטען פון זיין טאָכטער שרה׳ן, ווען ער זאָל זי איבערגעבען פאַר אַ פרוי צו אל ערב׳ן, וועט זיין פאָטער, וועלכער איז

געווען אַ הויכער באַאַמטער, מאַכען זיין זוהן אבו אלמאעלי פאַר אַ באַאַמטען און אויך איהם וועט ער דערהויבען און ער וועט קענען קומען אין דער געזעלשאַפט פון די געהויבענע אַראַבער. דיזע געדאַנקען האָבען איהם ניט אָפּגעלאָזען. ער האָט איינגעזעהן אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירען און האָט באַשלאָסען צו געניסען פון דער וועלט.

איין אָוונט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון זיין געשעפט, האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיין זוהן און טאָכטער.

— איך האָב אויסגעפונען, אַז די אַלע אידען, וועלכע האָבען אָנגענו־מען דעם גלויבען פון מאַכמעד לפנים וועגען, ווערען פאַררעכענט פאַר אַפּיקורסים און כופרים און זיי האָבען פאַרלוירען יענע וועלט אַפּילו ווען אין זייער האַרצען זיינען זיי פאַרבליבען געטריי דעם גאָט פון ישראל... יע, מיינע קינדער, מיר האָבען שוין ניט וואָס צו פאַרלירען... עס וועט יעצט זיין פאַר אונז אַ סך בעסער ווען מיר וועלען זיך מיט אונזער גאַנצער האַר־צען באַקעהרען צו מאַכמעד׳ס גלויבען.

— אָה, ניין פאָטער, עס איז אוממעגליך! — האָט שרה אויסגערופען

— גאָט וועט עס אונז ניט פאַררעכענען פאַר אַ זינד! מיר וועלען קענען אויסוואַנדערען פון דאַנען און צוריק זיין אידען ווי מיר זיינען געווען איי־דער די אַלמוהאַדען זיינען אָנגעקומען אַהער.

— ניין, מיין טאָכטער! — האָט אהרן געזאָגט — דער, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבען די רייד, האָט עס געהערט פון אַ גרויסען רב פון טאָלידאָ. איך בין איבערצייגט, אַז מיר האָבען שוין אונזער חלק פון עולם הבא פאַרלוירען, און דעריבער האָב איך גענומען טראַכטען, אַז עס וואָלט פאַר אונז אַ סך גלייכער געווען, ווען מיר פאַנגען אָן צו געניסען פון דיזער וועלט. איך האָב באַשלאָסען, אַז מיר זאָלען אָנפאַנגען צו געניסען פון דער וועלט. ווען דו וועסט מיך פאָלגען, מיין טאָכטער, וועלען מיר אַלע קענען גליקליך זיין. דיין ברודער וועט קריגען אַ גוטען אמט אין דער רעגירונג און אויך איך וועל דערהויבען ווערען. דו ווייסט דאָך, אַז מישע, דער פאָטער פון אל ערב איז יעצט געוואָרען איינער פון די גרעסטע באַאַמטע פון קאָרדאָווא. ווען איך וועל זיך מיט איהם מתחתן זיין, וועט דאָס גליק פאַר אונז אַלעמען אַ שיין טהאָן.

— איך וועל בעסער שטאַרבען, פאָטער, איידער צו ווערען אל ערב׳ס פרוי! — האָט שרה זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— דו ביזט קינדיש און נאַריש! — האָט אהרן צו איהר געזאָגט — ווען אַפּילו דיר זאָל געלינגען זיך אומצוקעהרען צום אידענטום, וועסטו גאָרניט געווינען דורך דעם, דיר וועט אויסקומען צו ליידען פאַר דיין אמונה אָבער געניסען וועסטו דערפון גאָרניט. אָבער ווען דו וועסט מיך פאָלגען, וועסטו זיך שעצען גליקליך. דו ווייסט דאָך ווי אל ערב איז געשעצט און געאַכטעט ביי אַלעמען. ער איז נאָך יונג און איז שוין פאַררעכענט פאַר אַ דיכטער. ער איז באַגאַבט מיט גרויסע מעלות און ער האָט פאַר זיך אַ גלענצענדע צוקונפט. ער איז פאַררעכענט פאַר אַ גרויסען דיכטער צווישען די מאַכמעדאַנער און ער וועט שטייגען העכער און העכער. ער איז אין דיר שטאַרק פאַרליעבט און דו וועסט מיט איהם גליקליך זיין.

— איך בין אַ אידישע טאָכטער און אַזוי וועל איך שטאַרבען! — האָט שרה אויסגערופען — איך ווייס, אַז איך בין נאָך ניט פאַרלוירען. גאָט וועט מיר מוחל זיין. איך וועל מיט אַל ערב'ן ניט הייראַטען.

— פּאָטער, דו וועסט דאָך איהר ניט צווינגען צו הייראַטען געגען איהר ווילען! — האָט אַבו אַלמאַעלי זיך אָפּגערופען — שרה איז נאָך יונג, וואַרט צו נאָך איינִיגע יאָהר, פיליַיכט וועט ביז דאַן אַלעס געענדערט ווערען.

— שרה איז שוין זעכצעהן יאָהר. יעצט איז די צייט פאַר איהר צו הייראַטען. זי טאָר אַזאַ געלעגענהייט ניט דורכלאָזען. ווען אַל ערב וועט ווערען גרויס און דערהויבען, וועט ער פיליַיכט דאַן ניט וועלען הייראַטען מיט איהר — האָט אהרן געזאָגט. — יעצט איז ער אין איהר פאַרליעבט, און איך וויל אַז זי זאָל מיט איהם הייראַטען.

שרה האָט פאַרשטעלט איהר פּנים מיט די הענט און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זי האָט פּלוצלינג דערזעהן אַ גרויסע ענדערונג אין איהר פּאָטער. זי ווייסט, אַז דאָס איז ניט זיין שולד. ער גלויבט, אַז ער האָט שוין אַלץ איינס ניט וואָס צו פאַרלירען. אָה, ווען רבי מימון וואָלט יעצט געווען, ער וואָלט איהם געוויס נעגעבען האָפענונגען, אַז ער האָט יענע וועלט ניט פאַרלאָרען און דאַן וואָלט ער פאַרבליבען געטריי דעם אידי-שען גלויבען.

שרה'ס וויינען האָט אָבער אויף אהרנ'ען זעהר אַ שוואַכען איינדרוק געמאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז זי בייַנקט נאָך משה'ן, דעם זוהן פון מימון, און דעריבער וויל זי ניט וויסען פון אַל ערב'ן. עס וועט אַוועקגעהן נאָך אַ קורצע צייט און זי וועט זיך אינגאַנצען פאַרגעסען אָן איהם. זי וועט זיך אַרומזעהן, אַז איהר גליק וועט זי געפינען אין אַל-ערב'ן, און זי וועט מיט איהם הייראַטען. ערשט דאַן וועלען זיי אַלע געניסען פון לעבען.

## קאַפּיטעל פיער

רבי מימון און זיין משפחה האָבען גענומען וואַנדערען אין שפּאַניען. עס איז זיי ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו געפינען אַ פּאַלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך קענען באַזעצען און לעבען רוהיג אויף אַ ווייַלע. די שרעק פון די אַלמוהאַדען האָט דערגרייכט אומעטום. דער ערשער אבד אַלמומען האָט זיך ניט באַ-נוגענט מיט קאָרדאָווא אַליין. ער האָט געשאַרפט זיינע צייהן אויף די איבעריגע שטעדט פון דרום-שפּאַניען.

אין די יאָהרען פון וואָגלען און וואַנדערען האָט דער יונגער משה ניט אויפגעגעבען זיין לערנען. ער פלעגט מיט גרויס פלייס שטודירען דעם תנ"ך, תלמוד און אַנדערע הייליגע ספרים. צוזאַמען מיט זייַען ליעבען פאָ-טער פלעגט ער לערנען טאָג און נאַכט, אַזוי נאָר ווי זיי האָבען געפונען אַ רוהע-פּלאַץ פאַר אַ קורצער צייט.

מיט יעדען טאָג האָט משה געשטיגען העכער און העכער אין לערנען. ניט האָבענדיג קיין צופיעל ספרים אויפ'ן וועג, האָט זיך משה באַדאַרפט באַנוצען מיט זיין זכרון, און ניט נאָר די הייליגע ספרים זיינען ביי איהם

געוועז איינגעקריצט אין מוח, נאָר אויך פאַרשיעדענע ספרים פון וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע האָט ער שטודירט און געשאַרפט זיין מוח.

רבי מימון האָט געזעהן ווי זיין זוהן וואַקסט אין גרויסקייט, אז ער האָט איהם שוין לאַנג איבערגעשטיגען אין לערנען; איז זיין הארץ אָנגע־פילט געוואָרען מיט נחת און פרייד. עס איז געוועזן זיינגרעסטער פאַרגע־ניגען זיך צוצוזעצען נעבען זיין זוהן, משה'ן, און הערען ווי אזוי ער טייטשט אויס די שווערסטע סוגיות פון תלמוד.

דער תלמוד בבלי איז אין יענע צייטען געוועזן זעהר שווער צו לערנען, ווייל די פירושים זיינען נאָך ניט באַקאַנט געוועזן, דער פירוש רש"י האָט נאָך ניט געהאַט אַריינגעדרונגען פון פראַנקרייך און שפּאַניען. דיזע אויפ־גאַבע, אויסצוטייטשען און ערקלעהרען דעם תלמוד, האָט זיך משה אונטער־גענומען נאָך אין זיין פריהסטער יוגענד.

אויף אַ קורצער צייט האָט זיך רבי מימון מיט זיין משפּחה באַזעצט אין דער האַפען־שטאָדט אַלמעריע. דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר זיין פאַרמעגען אין קאָרדאָוואַ, האָט זיך גענומען אויסלאָזען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער וועט ווייטער טהאָן, כדי צו ערנעהרען זיין משפּחה.

איינמאָל, ווען משה איז געוועזן אין אַ צווייטען צימער פאַרטיעפט אין לערנען, האָט זיך רבי מימון אָפּגערופען צו זיין פרוי, אין דער אַנוועזענהייט פון זיין אינגערען זוהן דוד און טאָכטער שפרה:

— מיר וועלען מוזען זוכען אַ קוואַל פון פּרנסה, ווייל דאָס געלד וואָס איז אונז פאַרבליבען וועט זיין גענוג בלויז אויף אַ קורצער צייט. איך וואָלט זיך געפיהלט זעהר אומגליקליך, ווען משה וואָלט געוועזן געצוואונגען אויפ־צוגעבען זיין לערנען און העלפען אונז זוכען פּרנסה.

— פאָטער! — האָט דוד זיך אָפּגערופען — איך בין איינינגע מאָל געוועזן אויף דעם מאַרק־פּלאַץ און מיר איז אויסגעקומען צו זעהן דעם האַנדעל אין קאָסטבאַרע שטיינער, אין דימאַנטען. איך האָב זיך גוט אויס־געלערענט די ווערדע פון קאָסטבאַרע שטיינער, אזוי אז איינינגע סוחרים האָבען זיך פאַרלאָזט אויף מיין מבינות. ווען איך זאָל האָבען עטוואָס געלד, וואָלט איך געקענט אָנפאַנגען צו האַנדלען מיט דימאַנטען און אַנדערע קאָסטבאַרע שטיינער און גאָלד.

— מיין זוהן, איך האָב מיין ציהרונג, גאָלדענע אוירינגלאַך איינגע־פאַסט אין דימאַנטען, אויך איינינגע רינגען און בראַנסלעטען; נעהם עס, און זאָל דיך גאָט מצליח זיין.

— יע, מיין זוהן, לאָמיר ביידע פּרובירען דעם האַנדעל. פיללייכט וועט גאָט געבען און מיר וועלען קענען דורכשלאָגען די פּרנסה פאַר אונזער משפּחה.

רבי מימון האָט גענומען דאָס ביסעלע ציהרונג, וואָס זיין פרוי האָט איהם איבערגעגעבען, און צוזאַמען מיט דוד'ן איז ער אַוועק צום מאַרק.

דוד האָט געקראָגען סוחרים, וועלכע זיינען געוועזן ווילינג צו באַצאָהלען אַ גרויסען פּרייז פאַר זיין מוטער'ס ציהרונג, און רבי מימון האָט זיי פאַר־קויפט. אין דער זעלבער צייט איז דוד אַרומגעגאַנגען צווישען די סוחרים, וועלכע האָבען געהאַט צו פאַרקויפען טייערע שטיינער און ציהרונג פון

גאָלד. ער האָט זיך מיט זיי געדונגען, ביז וואַנען זיי האָבען צוגעשטימט איהם צו פאַרקויפען פאַר דער פּרייז וואָס ער האָט זיי אָנגעבאָטען.

פון דאַן אָן האָבען ביידע, רבי מימון און זיין אינגערער זוהן דוד, אָנגעהויבען צו האַנדלען. זיי האָבען גאַנץ גוט פאַרדיענט און משה האָט פאָרטגעזעצט צו לערנען און שטודירען...

לאַנג אָבער איז זיי ניט באַשערט געווען צו זיצען רוהיג אויף איין פּלאַץ. אין דריי יאָהר שפּעטער האָבען די אַלמוהאַדען איינגענומען די שטאָדט אַלמעריע, און די זעלבע גזרה געגען די אידען וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען אין קאָרדאָוואַ האָבען זיי אויך אָנגעווענדעט אויף אַלמעריע.

רבי מימון איז געווען געצוואונגען אויך דאָרטען אויסצואוואַנדערען צוזאַמען מיט זיין משפּחה. קיין באַשטימטען פּלאַץ וואוהין צו געהן האָט ער ניט געהאַט. די קריסטען, וועלכע זיינען אויך פאַרפאָלגט געוואָרען פון די אַלמוהאַדען, האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך די קריסטליכע לענדער, וואו זיי האָבען געפונען רוה און צופרידענהייט. גאַנץ גוט האָט רבי מימון געוואוסט, אַז אין די קריסטליכע לענדער ערוואַרט ניט די אידען קיין גרויסע גליקען. אַפילו ווען צייטווייליג לאָזט מען זיי צורוה אין אייניגע לענדער, וואו עס הערשט אַ גנעדיגער קעניג, אָבער אויף לאַנג וועט עס ניט אָנהאַלטען, בפרט יעצט ווען די צווייטע קרייצציגער האָבען פאַרשפּרייט זייער איינפלוס אויף פיעלע קריסטליכע לענדער און זיי שאַנעווען דאָך געוויס ניט די אידען.

אויסער דעם האָט רבי מימון זיין גאַנץ לעבען פאַרבראַכט אין די אַראַבישע לענדער. ער האָט איינגעזאַפּט זייער קולטור און שפּראַך. אויסער דעם וואָס ער און זיין משפּחה האָבען גערעדט העברעאיש, האָבען זיי אַלע פּאָלקאָם באַהערשט די אַראַבישע שפּראַך, אַזוי אַז ווען זיי פלעגען זיך צוזאַמענקומען מיט אַראַבער, האָט מען זיי פאַררעכענט פאַר ריכטיגע אַראַבער.

וואַנדערענדיג אַזוי פון שטאָדט צו שטאָדט, איז רבי מימון געקומען אין פאַרבינדונג מיט די רבנים און געלערנטע לייט פון שפּאַניען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און די אידען האָבען אויסגעפונען די גרויסקייט פון איהם און איבערהויפּט פון זיין זוהן, משה. זיי פלעגען אויפנעהמען זיין משפּחה מיט גרויס כבוד און פיעלע רבנים פלעגען זיך באַראַטען מיט רבי מימון און משה'ן וועגען פאַרשידענע דינים פון דער תורה. אין דער זעלבער צייט פלעגט ער און זיין זוהן דוד אונטערהאַנדלען, כדי זיך צו ערנעהרען.

איינמאָל, ווען ער איז געווען מיט משה'ן אין דעם הויז פון אַ גרויסען רב פון דער שטאָדט, וואו רבי מימון האָט זיך אויפגעהאַלטען, האָט ער דאָרטען געטראָפען אַן עלטערען אידען, וועמענס אויגען זיינען געווען רויט און געשוואָלען פון וויינען.

רבי מימון און משה האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין דעם אידען און זיי האָבען איהם געפרעגט די אורזאַך פון זיין טרויער און וויינען.

— מיין נאָמען איז יהודה, — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופען. — איך בין אַ תושב פון פעץ, מאַראָקאָ. דאָרטען זיינען מיר געווען געצוואונגען אָנצונעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען. און כאָטש מיר האָבען צוגע־

שטימט אַרויסצומורמלען די ווערטער אַז „עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער אַלאַה, און מאַכמעד איז זיין נביא", פונדעסטוועגן האָבן די אידען פון פעץ ניט אויפגעהערט צו דינען אונזער גאָט, דעם גאָט פון אונזערע אבות. איך האָב געהאַט איין איינציגען זוהן, זיין נאָמען איז געווען יוסף. איז ער געווען זעהר געראָטען. ער האָט געלערענט די תורה מיט גרויס פלייס. אין פעץ געפינט זיך איינער פון די גרויסע רבנים און פיהרער פון מאַראָקאָ און זיין נאָמען איז רבי יהודה הכהן אבן שושן. צו דיזען גרויסען רב פלעגען פיעלע פון די אידען, וועלכע האָבן געדורשט צו הערען די רייד פון דער תורה, קומען צו איהם אין הויז און ער פלעגט פאַר זיי האַלטען זיינע דרשות און זיי ערמונטערען און טרייסטען. איך אַליין פלעג גאַנץ אָפט קומען באַזוכען דאָס הויז פון רבי יהודה הכהן אבן שושן צוזאַמען מיט מיין זוהן יוסף, צו הערען די הייליגע רייד פון רבי יהודה. געוועהנליך איך בין געווען פאַרנומען און ניט געקענט געהן שטענדיג מיט מיין זוהן. ער אָבער פלעגט קומען יעדען אָוועגד צו לערנען תורה פון רבי יהודה, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַן אָפּגעזונדערטען פלאַץ הינטער דער שטאָדט. איינמאָל, ווען מיין זוהן יוסף איז געגאַנגען צו רבי יהודה'ן, זיינען איהם באַפאַלען אויפ'ן וועג איינינגע אַראַבער, און אַזוי ווי זיי האָבן ביי איהם געפונען אַ ספר פון תלמוד, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ער איז ערגעץ געגאַנגען לערנען. זיי האָבן איהם געבראַכט פאַר די שופטים און זיי האָבן איהם געצוואונגען ער זאָל אויסזאָגען וואוהין ער איז געגאַנגען און ווער עס האָט מיט איהם געלערענט די אידישע רעליגיע. יוסף אָבער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען. זיי האָבן איהם שרעקליך געשלאָגען, אָבער ער האָט געליטען און ניט פאַרראַטען זיין גרויסען רבי'ן.

דעם אַלטען'ס אויגען זיינען ווידער אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען. עס איז איהם שווער געווען צו ריידען. ער האָט זיך אַ ווייל אָפּגערוהט און נאָכהער פאָטגעזעצט:

— ווען מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מען האָט אַרעסטירט מיין איינציגען זוהן יוסף, בין איך גלייך אַוועק אַהין זיך צו זעהן מיט די באַאַמטע און פועל'ן ביי זיי, אַז זיי זאָלען איהם באַפרייען. ער איז דאָך נאָך גאָר יונג. קוים פערצעהן יאָהר אַלט. אָבער מען האָט מיר געענטפערט, אַז מען וועט איהם ניט באַפרייען כל זמן ער וועט ניט אַרויסגעבען דעם מאַן אָדער די מענשען, וועלכע האָבען מיט איהם געלערענט דעם תלמוד.

— מיין הארץ האָט מיר שטאַרק געשראָקען. איך האָב געוואוסט, אַז ווען ער זאָל אויסזאָגען אַז רבי יהודה אבן שושן האָט מיט איהם געלערענט די אידישע תורה און תלמוד, וואָלט עס געמיינט טויט־שטראָף פאַר איהם און פאַר זיין גאַנצער משפחה. איך בין גלייך אַוועק צו רבי יהודה און איהם איבערגעגעבען וואָס עס האָט פאַסירט. ער איז געוואָרען אויפגעציטערט און מיר געזאָגט, אַז אויב מיין זוהן יוסף וועט זיין געצוואונגען אויסצוזאָגען, וועט ער דורך דעם ברענגען אַן אומגליק אויף אַלע אידען פון מאַראָקאָ. די מאַכמעדאַנער וועלען אָנפאַנגען אַלעמען חושד צו זיין און דאַן וועט מען נאָכשפּיאָנירען די אַלע אידישע איינוואָהנער ניט נאָר פון פעץ

אַליין, נאָר אויך פון גאַנץ מאַראָקאָ. און דער אומגליק וועט זיך נאָך ווייטער פאַרשפּרייטען.

— און וואָס זאָל איך טאָן? — האָב איך דעם רב געפרעגט.

— עס איז מיר זעהר שווער דיר צו זאָגען — האָט ער געענטפערט — איך ווייס, אז זיין לעבען איז אין סכנה. און אויב ער וועט נעט וועלען אויסזאָגען וועט מען איהם טויטען! זאָל ער טאָן ווי ער פאַרשטעהט. נאָר איין זאַך זאָג איך דיר, אז אויב ער וועט קענען ארויסווייזען זיין שטאַרקייט און איבערקומען אַלע פּיינונגען און זיך קענען באהערשען וועט ער אויסוואַקסען צו זיין אַ גרויסער מאַן, מיט וועמען מיר אַלע וועלען קענען שטאָלצירען. אין פאַל אָבער ער וועט אויסזאָגען, וועל איך אַליין נעמען אויף זיך און איך וועל ריין וואַשען אַלע אונזערע ברידער.

— ווען איך האָב געהערט דיזע רייד פון רבי יהודה הכהן אבן שושן, איז מיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרען מיט טרויער און זאָרג. ווי מיין יונגער זוהן יוסף זאָל ניט האַנדלען, האָב איך געטראַכט — וועט עס פאַראורזאַכען אַ גרויסען אומגליק. איך בין יעדען טאָג געקומען צום געפענגעניס, וואו זיי האָבען געהאַלטען מיין זוהן. איך האָב איהם געוואָלט אָנדייטען וואָס פאַר אַ גרויס געפאַהר עס שוועבט אויף אונזער ווירדיגען רב און פיהרער רבי יהודה הכהן, און אויף אַלע אידען פון פעז, אָבען מען האָט מיר צו איהם ניט צוגעלאָזען. איך האָב זיך דערוואוסט אז מען פּייניגט איהם שרעקליך, אָבער זיי קענען פון איהם קיין וואָרט ניט ארויסקריגען. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבען, אז אויב מיין זוהן וועט ניט ארויסגעבען אין משך פון צעהן טעג, דעם נאָמען פון דעם מאַן, וועלכער האָט מיט איהם געלערענט תלמוד און אידישע רעליגיע, וועט מען איהם אויפהייגען.

— איך האָב די טעכט ניט געשלאָפען. איך האָב געוואוסט, אז די מאַכמעדאַנער וועלען זייער דראָהונג דורכפירען. עס האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט אז זיי האָבען געהאַנגען קריסטען און אידען פאַר אַזאַ „פאַרברעכען". איך בין ארומגעגאַנגען אַ טרויעריגער און צוקלעמטער. איך פלעג אָפּשטעהן דעם גאַנצען טאָג נעבען דער תפיסה און וואַרטען, פיליכט וועט מען מיר ערלויבען איהם צו זעהן. ענדליך האָט מען מיר געזאָגט אז איך קען אריינקומען זעהן מיין זוהן, אויב איך וועל איהם הייסען אין דער אָנוועזענהייט פון די באַאמטע זיך מודה זיין און ארויסגעבען דעם נאָמען אָדער די נעמען פון די וועלכע האָבען מיט איהם געלערענט דעם תלמוד.

— און האָבען זיי דען דיר ניט באַשולדיגט אז דו האָסט פון דעם געוואוסט און עס דערלאָזען? — האָט איהם רבי מימון געפרעגט.

— די מאַכמעדאַנער פון פעז פאָרשען ניט נאָך, אויב איינער איז אַ געטרייער גלויביגער פון מאַכמעד'ן אָדער ניט, אַזוי לאַנג ווי זיי כאַפּען ניט ביי דער האַנט, וועלען זיי ניט קומען יענעם באַשולדיגען, און דעריבער קענען די אידען אָפּהיטען אידישקייט אין געהיים און קיינער וועט זיי אין דעם ניט שטערען. אַנדערש איז דאָס ווען זיי כאַפּען אימיצען היטען אָדער לערנען אידישקייט אין דער עפענטליכקייט. יענעם ברענגען זיי צום משפט און זיי זוכען אויסצוגעפינען פון איהם ווער עס איז געווען מיט איהם פאַרבונדען און דאַן לאָזען אויך יענעם ארעסטירען. זיי האָבען מיין זוהן

געטראָפען געהענדיג אין א ריכטונג פון מיין הויז. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך ווייס ניט וואוהין ער איז געגאַנגען, און אַז איך האָב אפילו ניט געוואוסט, אַז ער האָט מיט זיך געהאַלטען אַ אידישען ספר. זיי האָבען מיר געלויבט און מיך מעהר ניט באַלעסטיגט.

— און דו האָסט דיין זוהן געזעהן ? — איז שוין רב משה געוואָרען אומגעדולדיג.

— יע, זיי האָבען מיר אריינגעפירט אין געפענגעניס. איינינגע בעאַמטע זיינען געשטאַנען דאַביי, און איך האָב צו איהם געמוזט רעדען אין אַראַביש. ווען איך האָב מיין והן דערזעהן האָב איך זיך ניט געקענט באַהערשען און זיך פאַרנאַנדערגעוויינט. ער איז געווען אַזוי בלאַס און צושראָקען, אַז עס האָט מיר צוגעדריקט ביים הארצען. איך האָב קוים אַרויסגערעדט די ווער־טער צו איהם: „מיין זוהן אויב דו פיהלסט אַז דו האָסט געזינדיגט געגען אַלאַ'ן און זיין נביא מאַכמעד, זיי זיך מודה". מיין קלוגער זוהן האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז איך בין געצוואונגען עס אַזוי צו זאָגען. זיי זיינען צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט אויב ער וועט איצט אויסזאָגען ווער עס איז מיט איהם געווען פאַרבונדען. אָבער ער האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין. אָה, ווי טייער און ליעב מיין זוהן איז מיר געוואָרען אין יענער רגע. איך וואָלט גערן מיין לעבען אָפּגעגעבען איהם צו ראַטעווען. איך האָב דאַן געזעהן אַז מיין זוהן באַזיצט דעם הייליגען פונק, און די רייד פון גרויסען רבי יהודה הכהן זיינען מיר אויף מיין געדאַנק געקומען. כ'האָב געזעהן ווי מען פאַנגט איהם אָן צו שלאָגען און בין געפאַלען צו זייערע פיס זיי זאָלען אויפהערען איהם לאָגען און פייניגען. ער איז נאָך יונג און אומפאַרשטענדליך! — האָב איך זיך צו די בעאַמטע געווענדעט. ער וועט עלטער ווערען וועט ער קריגען מעהר פאַרשטאַנד.

— דיין זוהן וועט שוין עלטער ניט ווערען! — האָט אַ בעאַמטער צו מיר געזאָגט — אויב ער וועט זיך ניט גלייך מודה זיין, וועט ער נאָך מאָרגען אין דער פריה הייננען.

— איך האָב גענומען יאָמערען און וויינען, ווען איך האָב דערהערט. איך האָב אָנגעפאַנגען זיך צו בעטען ביי זיי, אָבער זיי האָבען מיך אַרויס־געשיקט פון דאָרטען. אַ צובראָכענער און טרויעריגער ביז איך פון דאָרט אַוועק. איך האָב מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיינע זינד, וואָס איך זינדיג מיט מיינע ליפּען געצוואונגענערהייד, ווען איך דאַרף זאָגען: אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער אלאה און מאַכמעד איז זיין נביא"... איך האָב געוואוסט, אַז דערפאַר ווער איך באַשטראָפט. איך בין קוים דערקראָכען אַהיים. שרעקליכע בילדער האָב איך געזעהן... איך האָב געמיינט, אַז איך געה פון זינען אַרונטער. איך האָב אַרויסגענומען פון אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ אַ תהילים און איך האָב זיך געזעצט אויף דער ערד און געזאָגט תהילים. פּונקט ווי מיין זוהן וואָלט שוין געווען טויט...

— עס איז שוין געווען אין מיטען דער נאַכט. איך בין נאָך אַלץ גע־זעסען אויף דער ערד. מיינע אויגען זיינען געווען דורכגעווייקט מיט טרערען. פּלוצלונג דערהער איך אַ שטאַרקען קלאַפּען אין מיין טיהר. אַ טויט שרעק איז מיר באַפאַלען. וואָס זאָל עס באַדייטען? פאַרשיידענע טרויעריגע גע־

דאַנקען זיינען דורכגעפלויגען מיין מוח. זאָל עס באַדייטען, אַז מיין יוסף האָט זיך מודה געווען, אָדער פיליכט האָבען זיי צו מיר זיין טויטען קערפּער געבראַכט... דאָס קלאַפּען האָט זיך פאַרשטאַרקעט. ציטערענדיג פון שרעק בין איך געגאַנגען עפענען די טיהר. פון גרויס צוטומעלטקייט האָב איך פאַרגעסען צו באַהאַלטען דעם תהילים. איך האָב גענומען דאָס ליכט אין מיין האַנט און אויפגעעפענט די טיר. פאַר מיינע אויגען זיינען געשטאַנען דריי בעאַמטע. הינטער זיי איז געווען דער וועכטער פון געפענגעניש מיט אַ באַנדאַזשירטען קאָפּ.

— דיין זוהן יוסף, איז היינט ביינאַכט פון געפענגעניש אַנטלאָפען!

— האָט צו מיר איין בעאַמטער געזאָגט. — מיר זיינען געקומען זוכען איהם אין דיין הויז, פיליכט באַהאַלט ער זיך דאָ אויס!

— ער איז אַנטלאָפען פון געפענגעניש! — האָב איך ווידערהאָלט — מיין האַרץ גענומען שטאַרק קלאַפּען... ווער ווייס, פיליכט וועט ער גערעטעט ווערען...

— מיר וועלען אויסזוכען יעדען ווינקעל פון דיין הויז! — האָט דער בעאַמטער מיט אַ שטרענגע שטימע אויסגערופען — און אויב מיר וועלען איהם דאָ געפינען וועט איהר ביידע געהן מאָרגען אין דער פריה צו דער תליה!

איך האָב זיי געלאָזט זוכען.. זיי האָבען קיין פּלאַץ ניט דורכגעלאָזען. אומעטום האָבען זיי איהם געזוכט. אַ טויט שרעק איז מיר באַפאַלען, ווען איינער פון די בעאַמטע איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו דער תהילים איז געלעגען, ווען ער וואָלט איהם דערזעהן, וואָלט איך דאַן אַ פאַרלאָרענער געווען. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און זיך אָפּגערופען: ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגליך פאַר מיין זוהן צו אַנטלויפען פון געפענגעניש?

— פרעג דעם וועכטער — האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דעם וועכטער מיט'ן פאַרבונדענעם קאָפּ — דערצעהל איהם אַלעס! און זאָל ער ניט מיינען, אַז זיין זוהן וועט זיך פון אונזערע הענט אַרויסדרעהען. מיר וועלען איהם כאַפּען.

— זאָג מיך, איך בעט דיך, ווי אַזוי איז דאָ געשעהן? — האָב איך זיך געווענדעט צום וועכטער.

— עס איז שוין געווען גוט פינסטער און מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז זיין לעצטע נאַכט, אויב ער וועט זיך ביז האַלבע נאַכט ניט מודה זיין — האָט דער וועכטער מיר אָנגעפאַנגען דערצעהלען — איך האָב געהיט זיין קאַמער. איך בין אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, האַלטענדיג מיין בלויזען שווערד אין האַנט. מיט אַמאָל האָב איך דערהערט זיין שטימע. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט זיין פאַרלאַנג.

— איך וויל זיך מודה זיין — האָט דיין זוהן צו מיר זיך אָנגערופען— פיהר מיר צו דעם הויפּט און איך וועל איהם אַלץ דערצעהלען.

— דער הויפּט איז אָבער ניט געווען אין געפענגענים, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט ביי־נאַכט. האָב איך באַשלאָסען, אַז איך וועל איהם אוועקפיהרען צו דעם הויפּט אין הויז. איך האָב אויפגעשלאָסען די טיהר פון זיין קאַמער און איך האָב איהם געהאַלטען אונטער דעם אָרעם און אין

מיין צווייטער האַנט האָב איך געהאַלטען מיין בלויזען שווערד. איך בין אַרויס מיט איהם פון דעם הויף פון געפענגעניס און איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם הויפּט, האַלטענדיג איהם שטייף ביי זיין האַנט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ דרעה געטהאָן צו מיר און איידער איך האָב באַוויזען אויפצוהויבען מיין שווערד האָב איך דערפיהלט אַ שטאַרקען זעץ פון זיין פויסט אין מיין פנים, אַז איך בין גלייך אומגעפאַלען אַ צובליטיג־טער אויף דער ערד. און ווען איך בין געקומען צו זיך, איז ער שוין ניט געווען.

— איך קען עס ניט גלויבען אויף מיין זוהן! — האָב איך אויסגע־רופען — ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין שטאַרקער, ווי אַזוי וועט ער קענען דיך אומוואַרפען! בפרט נאָכדעם ווי ער איז אַזוי פיעל געפּייניגט געוואָרען!

— איך שווער ביי אַלאה און זיין נביא מאַכמעד, אַז ער האָט מיך געשלאָגען מיט זיין פויסט און מיר אומגעוואָרפען — האָט דער וועכטער געזאָגט — און איהם גענומען שילטען. ווינציג האָט ער געוואוסט אַז אַלע מיינע גלידער טאַנצען פון פרייד. כאָטש איך האָב זיך נאָך אַלץ געשראָקען טאָמער געפינען זיי איהם. אויך האָב איך מורא געהאַט אַז איינער פון די זוכער זאָלען ניט אויפהויבען דעם תהילים.

זיי האָבען אָבער געזוכט און ווען זיי האָבען איהם דאָרטען ניט געפו־גען, האָט אַ באַאַמטער זיך אָפּגערופען: „צוויי פון אייך וועלען דאַרפען בליי־בען שטעהן נעבען דער טיהר פון דער הויז, ווייל עס איז נאָר מעגליך, אַז ער באַהאַלט זיך אויס ערגעץ און נאָכהער וועט ער זיך אומקערען אַהיים צו זיין פאָטער, און איך און דער וועכטער וועלען זיך אַוועקלאָזען איהם זוכען אין אַנדערע פּלעצער. איך וועל קריגען נאָך אַ צאָהל פּאָליציי־לייט, וועלכע וועלען אונז העלפען איהם אויפזוכען...

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. קענטיג אַז עס איז איהם געווען שווער צו רעדען ווייטער. רבי מימון און זיין זוהן משה האָבען מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט ער זאָל ענדיגען דערצעהלען. ווען אָבער ער האָט נאָך אַלץ געשוויגען, האָט משה זיך צו איהם אָפּגערופען:

— האָבען זיי איהם געכאַפּט?

— ניין! — האָט דער אַלטער געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ!

— געלויבט איז גאָט! — האָט משה אויסגערופען מיט אַ זיפץ פון פאַרלייכטערונג.

— אַ גאַנצע נאַכט זיינען די באַאַמטע אָפּגעשטאַנען נעבען מיין טיהר — האָט ער פאָרטגעזעצט — און ווען עס איז ליכטיג געוואָרען, בין איך צו זיין אַרויס. איך האָב געוואָלט וויסען אויב מיין זוהן איז צוריק אַריינ־געפאַלען אין זייערע הענט. ווען איך האָב זיי נאָך אַלץ געזעהן שטעהענדיג נעבען מיין טיר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבען איהם ניט געכאַפּט און אין מיין הארצען האָב איך אָפּגעגעבען אַ דאַנק צו דעם גאָט פון אונ־זערע אבות, וואָס ער האָט מיין איינציגען זוהן געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט. די באַאַמטע זיינען אַוועק פון מיין טיהר. איך בין מיט אַ ביוון אַוועק צום געפענגעניס צו זעהן אויב זיי האָבען מיין ליבען יוסף'ן געפונען. איך האָב זיך אָנגעבאָטען צו די באַאַמטע צו העלפען איהם זוכען. דאָס האָב איך

געטהאָן, כדי אָפּצוציהען זייער אויפמערקזאַמקייט פון מיר, זיי זאָלען מיר אַליין ניט חושד זיין.

אזוי זיינען פאַריבער איניגע טעג. טעג פון שרעק און האָפענונג, איך האָב אויסגעפונען, אַז מען האָט איהם געזוכט איבער דער גאַנצער שטאָדט. אומעטום, ביי אַלע וועגען, זיינען געשטאַנען רייטער און האָבען יעדען דורכפאָהרער נאָכגעקוקט. אָבער מיין יוסף׳ן האָבען זיי ניט געפונען, צו מיין גרויסען פרייד און גליק.

נאָך איניגע וואָכען זיינען פאַראיבער און פון יוסף׳ן איז קיין שפור ניט געוועזן. ביסלעכווייז איז מיין גרויסע פרייד פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין זאָרג און אין קימער, ווער ווייס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט? פיילייכט איז ער געטויטעט געוואָרען אַנטלויפענדיג פון פעז. ער איז דאָך געווען אַליין, אין דער פינצטערנים פון דער נאַכט. מעגליך אַז ער האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטען און איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורשט, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון זיין בעהעלטעניש. אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען האָבען מיר גענומען פּלאָגען ביי טאָג און ביינאַכט. איך האָב זיך אויך געזעהן מיט אונזער ווירדיגען רב און פיהרער רבי יהודה הכהן אבן שושן און ער האָט מיר געטרייסט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז צוליעב דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען אַזוי פיעל ליידען און יסורים און האָט ניט געוואָלט פאַרראַטהען זיינע ברידער, וועט איהם גאָט העלפען און באַשיצען. דאָך אָבער האָב איך זיך ניט באַרוהיגט. מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך מיין ליבען און טייערען זוהן... ווער ווייס, האָב איך זיך געטראַכט, פיליייכט איז ער שוין לאַנג טויט, און רבי יהודה זוכט מיר בלויז צו טרייסטען, כדי מיר צו באַרוהיגען. איך האָב געהאָפט, אַז פיליייכט וועט מיין זוהן קענען שיקען צו מיר אַ גרוס דורך אימיצען און מיר זאָגען אַז ער לעבט, אָבער ווי עס ווייזט אויס איז אָדער ער האָט ניט געקראָגען אימיצען אין וועמען ער זאָל האָבען אַזויפיעל צוטרויען, אַז ער זאָל איהם פאַרטרויען מיט דעם סוד, אָדער ער איז שוין לאַנג טויט.

— איך בין זיכער אַז ער לעבט און איז געזונט! — האָט משה זיך אָפּגערופען און אין זיינע אויגען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען.

— יע, אַזוי האָב איך געהערט, און דעריבער געפין איך זי יעצט דאָ!

— האָט דער אַלטער געזאָגט — נאָך זעקס חדשים פון טרויער און זאָרג, האָט מיר איינמאָל רבי יהודה דער כהן געשיקט רופען און מיר געזאָגט אַז אַ דורכרייזענדער, אַ אידישער סוחר פון דרום שפּאַניען איז ביי איהם געווען, און ווען ער האָט פאַר איהם אויסגעמאָלען דאָס אַאויסזעהן פון מיין זוהן יוסף, האָט ער איהם געזאָגט אַז ער האָט אַזאַ יונג באַגעגענט אין דער צייט פון זיינע רייזעס אין שפּאַניע. אַזוי שנעל ווי כ׳האָב עס דערהערט האָב איך באַשלאָסען צו פערלאָזען פעז און אַרומרייזען איבער שפּאַניען, איבער אַלע שטעדט און שטעדטלעך וואו עס געפינען זיך אידען. דאָס ערשטע הויז וואָס איך בעזוך איז דאָס הויז פון רב פון שטאָדט, ווייל איך ווייס ווי גרויס עס איז געווען מיין זוהנ׳ס חשק צו לערנען תורה, און איך פאַרשטעה, אַז געוויס האָט ער געמוזט קומען אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די רבנים.

— צום בעדויערען מוז איך דיר זאָגען, אַז ביי מיר איז אַזאַ יונגערמאַן ווי דו מאָהלסט אויס, קיינמאָל נישט געווען, נאָר איך פאַרזיכער דיר, אַז ווען איך וועל זיך מיט איהם טרעפען, וועל איך שוין זעהן צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי עס דיר אָנצוזאָגען. איך וועל עס שיקען דורך אַ פערטרויענס-ווערטען שליח צו רבי יהודה הכהן אבן שושן און דו וועסט עס פון איהם אויסגעפינען, ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען נאָך פעץ.

— איך צווייפעל אויב איך וועל זיך פען עס איז אומקעהרען נאָך פעץ — האָט דער אַלטער געזאָגט — איך בין דאָרטען געוויס אונטער פערדאַכט. עס וועט זיין אַ סך בעסער אויב איך וועל נאָך פעץ מעהר קיינמאָל זיך ניט אומקעהרען. איך וועל אַזוי לאַנג אַרומוואַנדערען ביז וואַנען איך וועל מיין זוהן יוסף'ן אויפזוכען!

די געשיכטע וואָס דער אַלטער האָט דערצעהלט האָט געמאַכט אויף רבי מימון און משה'ן זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק. איבערהויפט האָבען זיך זיינע רייד איינגעקריצט אין משה'ס מוח. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די גרויסקייט און ווירדיגקייט פון דעם יונגען יוסף, וועלכער האָט זיין לעבען אין גרעסטען געפאַהר געשטעלט צו רעטען אַ צווייטען.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט איהם קענען! — האָט משה זיך אָפּ-גערופען צו זיין פאָטער נאָכדעם ווי זיי האָבען פאַרלאָזען דעם רב'ס הויז.

— איך האָף, אַז דער פאָטער וועט זיין זוהן געפינען! — האָט רבי מימון געזאָגט — אויב יוסף געפינט זיך אין מאַכמעדאַנישען שפּאַניען, איז ניט געזיכערט מיט זיין לעבען, ווייל געוויס וועלען איהם די אַלמוהאַדען אַרומזוכען.

— איך גלויב, אַז אַזוי לאַנג ווי ער איז אַנטלאָפען פון פעץ, די שטאָדט וואו מען האָט איהם געקענט, איז ער געזיכערט.

— געזיכערט? ! — האָט זיך באַוויזען אַ ביטערער שמייכעל אויף רבי מימון'ס ליפּען — זיינען מיר דען זיכער דאָ מיט אונזערע לעבענס... מיר קענען זיך לאַנג ניט אויפהאַלטען אויף איין פּלאַץ, מיר זיינען געצוואונגען אַרומצוואַוואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט, און מיר קענען ניט וויסען וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט ברייגנען פאַר אונז. די אַלמוהאַדען האָבען שוין אויך דאָ גענומען פאַרשפּרייטען זייער הערשאַפט. עס וועט לאַנג ניט דויערען און מען וועט אונז פער'מסר'ען, דאַן וועלען מיר ווייטער מוזען אויפוואַנדערען.

— אָבער וואוהין וועלען מיר יעצט געהן? — האָט משה געפרעגט זיין פאָטער.

— איך האָב שוין געווען דעם געטראַכט — האָט רבי מימון איהם געענטפערט. — איך האָב טאַקע בעשלאָסען אַז מיר זאָלען טאַקע אויס-וואַנדערען נאָך פעץ. דו האָסט דאָך געהערט, מיין זוהן, אַז דוקא דאָרטען געפינען זיך אַזוי פיעל אידען וועלכע היטען אָפּ די תורה אין געהיים, מיר וועלען אויך קענען אַזוי טהאָן, בפרט אַז מיר וועלען דאָרט זיין אומבאַקאַנט, און עס איז אַ האָפנונג אַז אין פעץ וועט מען אונז ניט באַלעסטיגען. אין

גאָס וועלען מיר צווישען זיך ריידען אראַביש און קיינעם וועט ניט איינפאַלען אונז צו פאַרדעכטיגען אַז מיר זיינען אידען.

דיזער בעשלוס פון רבי מימון האָט גלייך בעדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל איניגע פון די אַלמוהאדען זיינען שוין געווען אין מימונ'ס הויז און זיי האָבען איהם געגעבען די בריה: אָדער אָנצונעהמען דעם מאַכמעדאַניזם אָדער פערלאָזען די שטאָדט.

רבי מימון האָט געטאָן דאָס לעצטע. ער האָט מיט זיין משפחה אין גאַנצען פערלאָזען שפאַניען, און זיי האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך מאַראַקאַ, ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען אין פעז.

אין אַ זייטיגע שטילע גאַס האָט זיך רבי מימון בעזעצט מיט זיין פאַמיליע. קיינער האָט זיי ניט אָנגענומען פאַר אידען. מען האָט זיי פאַררעכענט פאַר מאַכמעדאַנער און קיינער האָט זיי ניט בעלעסטיגט.

## קאַפּיטעל פינעף

מיט יעדען טאָג איז די ליעבע פון אַל־ערב צו שרה'ן געוואָרען שטאַרקער. ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך וואָס ער האָט שוין נעקראָגען איהר פאָטער'ס צושטימונג. ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט איהם שווער ניט אָנקומען צו געווינען איהר הארץ, כאָטש ער האָט איינגעזעהן אַז זי בעציהט זיך קאַלט־בלוטיג צו איהם.

זיין פאָטער, אבן מישע, וועלכער איז געווען זעהר נאָהענט צו דעם הערשער אבד אַלמומען, האָט אַרויסגעוויזען פיעל פריינטשאַפט צו אהרנ'ען. ער האָט איהם פאַרשפּראָכען צו געבען אַן אמט זיין זוהן אבו אַלמעאַלי און ער האָט איהם פיעלע אַנדערע טובות געטהאָן.

— דו דאַרפסט זיך שעצען גליקליך אַז מיין זוהן האָט ליעב דיין טאָכטער, — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופען צו איהם, ווען אהרן האָט אָפּגעשטאַטעט אַ בעזוך אין זיין הויז. כאָטש מיין זוהן איז נאָך יונג אין יאָהרען, איז ער שוין פאַררעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון קאָרדאָווא. ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק פערפאַסט אַ ליעד לכבוד אַל מומען, דעם הערשער פון די אַלמוהאדען, און דורכדעם האָט ער געוואונען זיין גרויס גנאָד. וואָס מיין זוהן זאָל פון איהם ניט פערלאַנגען, וועט ער איהם געבען. אמת, דיין טאָכטער איז זעהר אַ שעהנע מיידעל, אָבער ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי פיעלע מאַכמעדאַנער, וועלכע האָבען טעכטער זיינען דיר מקנא, וואָלסטו זיכער געמעגט שטאָלצירען.

— איך קען דיין זוהן זינט ער איז אַ קליינער אינגעל געווען — האָט אהרן שמייכלענדיג געזאָגט — ער פלעגט זיך גאַנץ אָפט אַרומדרעהען אין דרויסען ניט ווייט פון מיין הויז. איך געדענק, אַז ער איז געווען זעהר אַ גרויסער שטיפער... ער פלעגט זיך שלאָגען מיט יעדען אידישען אינגעל. אָבער אַזוי שנעל ווי ער פלעגט דערזעהן מיין שרה'ן, פלעגט ער זיך פאַרשעהמען. יע, ווי עס ווייזט אויס האָט דיין זוהן ליעב באַקומען מיין טאָכטער, נאָך ווען ער איז אַ קליין אינגעל געווען.

— איך ווייס נאָר, אז ער פלעגט צו מיר צושטעהן, מיר זאָלען קויפען בלויז אין דיין געשעפט — האָט אבן מישע געלאַכט — איך האָב איהם נאָכגעגעבען, און איך בין געוואָרען דיין שטענדיגער קונה. איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס ער האָט דוקא געוואָלט קויפען פון דיר, אין דער צייט ווען פיעלע פון די מאַכמעדאַנישע געשעפטען זיין געווען נעהענ־טער צו מיין הויז.

— ער פלעגט ביי מיר אין געשעפט אָפטמאָל פאַרברייננגען דעם גאַנצען טאָג! — האָט אהרן מיט א שמייכעל געזאָגט — ער פלעגט פאַר מיר פאָרלייענען זיינע לידער, און איינמאָל, געדענק איך, האָט ער פערפאַסט פאַר שרה׳ן א ליעבעס ליעד און ער האָט געוואַרט א לאַנגע צייט ביז וואַנען ער האָט געהאַט א געלעגענהייט עס פאָרצולייענען פאַר מיין טאָכטער, און ווי עס ווייזט אויס איז שרה דאַן נאָך גאָר יונג געווען צו וויסען ווי אָפצושאַצען א דיכטער און זיינע לידער. איך געדענקט אז זי האָט זיך דאַן פאַנאַנדערגעלאַכט און איז אַרויסגעלאָפען פון געשעפט, איבערלאָזענדיג אל־ערב׳ן א פאַרשעהמטען. איך האָב דאַן געמיינט, אז ער וועט אויף איהר פאַר דעם אין כעס ווערען און וועט שוין מעהר ניט קומען, אָבער אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען.

— דאָס בעווייזט ווי שטאַרק זיין ליעבע איז געווען צו דיין טאָכטער, און מיר דוכט זיך, אז אויך יעצט, ווען זיי זיינען שוין ביידע עלטער געוואָ־רען, האָט ער זי נאָך אַלץ ליעב ווי פריהער. אָבער זאָג מיר, האָט דיין

— המ... ער... איך ווייס ניט... פאַרשטעהט זיך, זי איז זעהר א שעהמעוודיגע און איהרע געפיהלען האַלט זי פערבאָרגען ביי זיך...

— דו ווייסט וואָס איך האָב בעשלאָסען? — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופען צו אהרן — איך וועל מאַכען א מאָהלצייט און איך וועל איינ-לאַדען דיך און דיין משפחה. דו וועסט קומען צוזאַמען מיט שרה׳ן און מיר וועלען דאַן בעשטימען דעם טאָג פון זייער חתונה.

— איך בין צופרידען! — האָט אהרן זיך אָפּגערופען — איך וועל נאָך מיט איהר ריידען.

— איך קען דיר ניט פאַרשטעהן, אהרן! — האָט אבן מישע זיך צו איהם אָפּגערופען — דאַרפסטו נאָך פריהער איבערריידען מיט דיין טאָכטער. ביי אונז, מאַכמעדאַנער, האָט די טאָכטער גאָר ניט וואָס צו זאָגען, זי טוט אַלעס וואָס דער פאָטער הייסט איהר.

— שרה איז מיין איינציגע טאָכטער און זי איז ציטעריג ביי מיר — האָט אהרן זיך פאַרענטפערט — דערצו איז זי נאָך יונג און איז ערצויגען געוואָרען אין דעם אידישען גייסט, און יעצט איז פאָרגעקומען אזא פלוצ־לינגע ענדערונג אין איהר לעבען. פאַרשטעהט זיך אז זי איז נערוועז און איך וויל ניט אָנווענדען קיין צוואַנג אויף איהר. אָבער, ווען עס וועט נויטיג זיין, וועל איך איהר צווינגען צו טהאָן אַלעס וואָס איך פערלאַנג פון איהר.

— מיין זוהן שיינט צו זיין שטאַרק בעזאָרגט, וואָס שרה איז אזוי

גלייכגילטיג צו איהם. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זי איינמאָל איינ־געלאַדען צו שפּאַצירען מיט איהם, זי האָט איהם אָבער ענטזאַגט.

— יעצט וועט שוין אַנדערש זיין. איך האָב מיט איהר שוין גערעדט וועגען דעם און איך האָב איהר געזאָגט, אַז זי וועט דאַרפען הייראַטען מיט אל-ערב'ן.

— האָט זי איינגעשטימט?

— איך רעכען זיך מעהר ניט מיט דעם צי זי שטימט איין אָדער ניט, זי וועט טהאָן אַלעס וואָס איך היים.

— מיין זוהן וועט זיך שטאַרק פרעהען צו זעהן שרה'ן ביי אונז אין הויז, גלויבסטו אַז איך וועל איהם קענען זאָגען, אַז זי וועט זיין ביי דעם מאַלצייט וואָס איך מאַך?

— איך פערזיכער דיר, אַז זי וועט קומען! — האָט אהרן געזאָגט. אויך מיין זוהן, אבו אלמאַעלי וועט זיין. דו קענסט דיין זוהן זאָגען אַז זי וועט קומען! איך האָב זיך אַרומגעזעהן, אַז דו האָסט רעכט. אַ טאָכטער דאַרף ניט האָבען איהר אייגענעם ווילען. זי דאַרף שטענדיג טהאָן איהר פאָטער'ס ווילען. דו און דיין זוהן וועלען קענען בעשטימען דעם טאָג פון זייער חתונה און זי וועט שוין צושטימען.

מיט אַ פעסטען בעשלוס אַז זיין טאָכטער וועט איהם מוזען פאָלגען, איז אהרן אַוועק אהיים. ער איז געוועזן זעהר צופרידען מיט זיין בעזוך אין אבן מישע'ס הויז. מיט דעם וואָס ער וועט זיך מיט איהם מתחתן זיין, וועט ער האָבען צוטריט צו די העכערע געזעלשאַפט פון קאָרדאָווא. ער וועט רייך ווערען, און זיינע קינדער וועלען באַזאָרגט זיין זייער גאַנצען לעבען.

---

זעהר טרויעריג און דערשלאָגען האָט זיך שרה געפיהלט אין איהר פאָטער'ס הויז. זי האָט מיט איהרע אויגען צוגעזעהן ווי אַזוי איהר פאָטער איז געצוואונגען צו געהן אין מעכשעט און מתפלל זיין צו אללאה און מאַכמעד'ן. זי ווייס אַז עס איז ניט אין גאַנצען זיין שולד. ער האָט גע־הערט אַז זיין נשמה איז שוין אַלץ איינס פאַרלאָרען, און אַז ער האָט ניט וואָס צו פערלירען. שולדיג איז אין דעם דער, וועלכער האָט פערשפּרייט אַזאַ געדאַנק און דאַמיט אַריינגעוואָרפען יאוש אין די הערצער פון די אידען, וועלכע זיינען געצוואונגען געווען אָנצונעמען דעם גלויבען פון מאַכמעד'ן.

זי האָט זיך געפיהלט איינזאַם און פערצווייפעלט. אויסער דעם וואָס זי איז געבליבען געטריי און צוגעבונדען צו איהר אידישקייט האָט זי ניט געקענט ליידען דעם אַראַבישען יונגען דיכטער על־ערב, וועלכער האָט איהר ניט אויפגעהערט צו בעלעסטיגען. ער האָט געקראָגען איהר פאָטער'ס צושטימונג און זי האָט געוואוסט, אַז פאַר איהר וועט קיין אַנדער אויסוועג ניט זיין ווי דער טויט.

זי האָט פון דעם געטראַכט טאָג און נאַכט און זי האָט בעשלאָסען אַז זי וועט שטאַרבען על קידוש השם. זי וועט אַרויסקומען אויפ'ן מאַרק פּלאַץ און פאַר אַלעמען אין די אויגען ערקלערען, אַז דער גאָט פון ישראל איז

דער איינציגער גאָט און משה איז זיין נביא, דורך וועמען ער האָט געגעבען די תורה צו ישראל. דיזער געדאַנק האָט איהר ניט אָפּגעלאָזען. זי האָט איהם געהאַלטען פערבאָרגען טיף אין האַרצען. זי האָט איהם אפילו ניט ענטפּלעקט פאַר איהר ברודער, ווייל זי האָט לעצטענס באַמערקט, אז אפילו ער איז געניגט צו געהן אין זייער פאָטער'ס וועג. פריהער האָט זי געהאָפט אז אבן אלמאעלי וועט האַלטען מיט איהר און וועט פערבאָרגענערהייט דינען צו דעם גאָט פון ישראל. ער וועט אויך איהר קומען צו הילף און זעהן ווירקען אויף דעם פאָטער, אַז ער זאָל זי ניט צווינגען צו הייראַטען מיט אל־ערב'ן, יעצט אָבער זעהט זי, אַז ער איז אויך היגעריסען געוואָרען מיט'ן שטראָם, און ער גיט שוין גערעכט דעם פאָטער... ניין! עס וועט זיין פאַר איהר אַ סך בעסער, ווען זי וועט איהרע געדאַנקען זיך ניט טיילען מיט איהר ברודער, זי וועט עס טהאָן פּלוצלינג...

אהרן איז אַריינגעקומען אין זיין הויז און ער האָט געטראָפען זיין טאָכטער פערטיפט אין איהרע געדאַנקען.

— וואו איז אבו אלמאעלי? — האָט ער זי געפרעגט.

— ער וועט געווים באַלד אַריינקומען! — האָט זי געענטפערט.

— מיין טייערע טאָכטער, שרה! — האָט אהרן אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע — איך קום נאָר וואָס פון אבן מישע'ס הויז. ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי בעליבט און געאַכטעט דו ביזט דאָרטען. יעדער איינער פון זיין הויז־געזינט רעדט וועגען דיר מיט גרויס בעגייסטערונג. אל־ערב'ס פאָטער וויל, לכבוד דיר, מאַכען אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט. ער וועט איינלאַדען די אָנגעזעהענסטע פון דער געזעלשאַפט, די הויכע בע־אַמטע מיט זייערע זיהן און טעכטער, און פאַר אַלעמען וועט ער ערקלעהרען אז דו ביזט פאַר'קנס'ט צו אל־ערב'ן, זיין זוהן. דו וועסט קריגען פיעלע מתנות, און עס איז גאַנץ מעגליך אַז דער הערשער אבד אלמומען וועט דיר שיקען זיין מתנה, ווייל אל־ערב איז זעהר בעליבט ביי איהם צוליעם אַ ליעד וואָס ער האָט אָנגעשריבען און געווידמעט צו איהם. די טעכטער פון די גרעסטע בעבאַמטע וואָלטען זעהר געוואָלט אַז אל־ערב זאָל געהערען צו זיי, אָבער ער האָט בלויז דיך ליעב און ער וויל דיך מאַכען פאַר זיין פרוי. ער וועט דיר גליקליך מאַכען. ער וועט פאַר דיר טאָן אַלעס וואָס דו וועסט פון איהם פערלאַנגען. איך האָב אָנגענומען די איילאַדונג פון אבן מישע'ן צו קומען צו דעם מאָלצייט מיט דיר און מיט דיין ברודער. און זיי וועלען פאַר דיר נייהען נייע קליידער.

שרה איז געזעסען בעוועגלאָז. זי האָט געקוקט אויף איהר פאָטער מיט שטאַרע בליקען און געשוויגען.

— איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט זיין צופרידען! — האָט אהרן זיך אָפּגערופען — אַ קליינינגקייט אַזאַ גליק! ער איז דאָך איינער פון די גרעסטע דיכטער! און צוליעב דיר וועט אויך דיין ברודער געניסען. ער וועט שוין זעהן צו קריגען פאַר איהם אַן אמט. מיר וועלען רייך ווערען. אַלע וועלען אונז מקנא זיין. איך זאָג דיר, מיין טאָכטער, ווען מיין אמאָ־ליגער שכן, רבי מימון וואָלט געוואוסט ווי גליקליך מיר זיינען אין קאָר־דאָווא, וואָלט ער און זיין משפחה קיינמאָל ניט אויסגעוואַנדערט. דו זעהסט

דאָך אַליין אַז אַלע אידען וועלכע זיינען פערבליבען אין קאָרדאָווא זיינען גליקליכער פון די וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט. לויט ווי איך האָב געהערט, האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו וואַנדערען, פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד. זיי וואָגלען און ליידען. זיי ווייסען ניט פון קיין איינציגען גליקליכען טאָג.

— זיי זיינען אָבער גליקליך, ווייל זיי זיינען געבליבען געטריי דעם גאָט פון אונזערע אבות! — האָט שרה געזאָגט מיט אַ נידעריגע שטימע. גליקליך איז בלויז דער וועלכער קען דינען צו זיין גאָט.

— וואָס פאַר אַ גליק קען זיין פאַר זיי ווען זיי זיינען נע ונד און ווייסען ניט פון קיין רוה. קען מען דאָס דען אָנרופען לעבען?

— דער קערפּערליכער גליק איז ניט דאָס גליק צו וואָס אַ מענש פון בלוט און פלייש דאַרף שטרעבען! — האָט שרה טרויעריג געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ. די טעג פון מענשען'ס לעבען זיינען געצעהלטע, און דאַן קומט די אייביגקייט. דער קערפּער ווערט צופוילט און דער גייסט בלייבט אייביג, אַזוי האָב איך געהערט ווי משה, דער זוהן פון מימון האָט געזאָגט אין זיין דרשה צו זיין בר-מצוה.

— שלאָג זיך דאָס אַרויס פון דיינע געדאַנקען, מיין טאָכטער! — האָט אהרן צו איהר זיך אָפּגערופען. — ווער ווייס פיליכט האָט גאָט אַליין אויסדערוועהלט מאַכמער'ן אַלס זיין נביא אַנשטאַט משה'ן. מיר זעהען דאָך אַז זיי בעגליקען אין אַלעס וואָס זיי אונטערנעמען.

דערווייל איז אָנגעקומען אבו אלמאעלי, אהרן האָט זיך מיט איהם דערפרעהט.

— דו ווייסט, מיין זוהן, דיין שוועסטער וועט אין גיכען ווערען די פרוי פון אַלערב. זי איז צופרידען. אבן מישע מאַכט אַ מאַלצייט און מיר וועלען אַלע פריהער קומען צו זיין מאַלצייט, און דאָרטען וועט מען בעשטימען דעם טאָג פון זייער חתונה.

אבו אלמאעלי האָט בעטראַכט זיין שוועסטער מיט באַוואונדערונג. ער ווייס אַז זי האַסט אַל־ערב'ן און זי האָט איהם שוין ניט איינמאַל געזאָגט אַז זי וועט מיט איהם ניט הייראַטען.

שרה האָט געהאַלטען איהרע אויגען אַרונטערגעלאָזען צום באָדען. איהר האָט מעהר ניט געאַרט וואָס איהר פאָטער רעדט. איהרע געדאַנקען זיינען שוין געווען פערנומען מיט פּלענער ווי זי וועט זיך מקריב זיין על קידוש השם, זי וועט עפענטליך ערקלערען אַז זי איז אַ געטרייע אידישע טאָכטער און זי דינט בלויז צו דעם גאָט פון ישראל. דאַן וועט מען זי אַרעסטירען און פער־משפט'ען צום טויט. וואָס אַרט איהר יעצט וואָס דער פאָטער דערצעהלט איהר ברודער אַז זי איז צופרידען צו הייראַטען מיט אַל־ערב'ן. זי וועט עס אַפילו ניט אָפּלייקענען. שפּעטער וועלען זיך אַלע איבערצייגען.

אבו אלמאעלי האָט ביי זיך ניט געהאַט באַשלאָסען אין וועלכער ריכטונג צו געהן. פון איין זייט האָט זיין שוועסטער'ס פאַר'עקשנ'טקייט, איהר געטרייהייט צו דער אידישער רעליגיע אין איהם אויך צובלאָזען דעם אידישען פונק. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז ער געווען גענויגט אָנצונעהמען זיין פאָטער'ס נייע ווענדונג, צו געניסען פון דער וועלט אַזוי

פיעל ווי מעגליך. ווען שרה פלעגט מיט איהם ריידען, פלעגט ער דאַן האַלטען מיט איהר, און ווען זיין פאָטער פלעגט איהם דערצעהלען וועגען די גרויסע גליקען וואָס ערוואַרטען זיי אַלעמען, ווען זיי וועלען זיך פער־בינדען מיט דער משפחה פון אל-ערב, פלעגט ער זיין גענייגט צו גלויבען, אַז שרה דאַרף צושטימען צו הייראַטען אל־ערב'ן. דעריבער איז ער געווען איבערראַשט צו הערען אַז שרה האָט פּלוצלונג געענדערט איהר באַשלוס און זי שטימט צו צו הייראַטען מיט אל-ערב'ן. געוויס איז דאָך דער פאָטער גערעכט , אבן מישע איז אַ וויכטיגער בעאַמטער ביי דעם הערשער פון די אַלמוהאַדען. זיין זוהן אל־ערב איז אַ דיכטער. ער איז געאַכטעט און געשעצט ביי אַלע איינוואָהנער פון קאָרדאָוואָ. ער איז זעהר פריינטליך גענייגט צו איהם און ער האָט איהם פיעל אַרויסגעהאָלפען גרינטליך צו דערלערנען די אַראַבישע שפּראַך. די שעהנע האַנטשריפט אין אַראַביש מיט וואָס ער, אבו אַלמאַעלי איז בעריהמט געוואָרען, האָט ער זיך ערוואָרבען, אַ דאַנק די מיה פון אל-ערבן, וועלכער האָט זעהר גערען מיט איהם געלערענט.

אבו אַלמאַעלי האָט זעהר ליעב געהאַט זיין שוועסטער און ער וואָלט זעהר ניט געוואָלט זי זאָל ליידען. ווען ער האָט געהערט פון איהר מויל אַז זי קען ניט דולדען אל־ערב'ן און אַז זי וועט מיט איהם קיינמאָל ניט הייראַטען, האָט ער זיך פאַר איהר איינגעשטעלט. ער האָט פּרובירט איינ־טענה'ן מיט'ן פאָטער, אַז ער זאָל ניט באַגעהן קיין אומרעכט נעגען שרה'ן, און לאָזען איהר אַליין בעשליסען וועגען איהר צוקונפט.

ער האָט איינגעזעהן אַז דער פאָטער בעשטעהט אויף דעם אַז זי זאָל הייראַטען מיט אל-ערב'ן, און זיין אַריינמישען זיך וועט זיין אומזיסט. דאַן האָט ער אַליין אויך געקענט זעהן, אַז פאַר שרה'ן שטעהט פאָר אַ גרויס גליק דורך איהר הייראַט מיט אל־ערב'ן.

— מיין טייערע שוועסטער! — איז אבו אַלמאַעלי צו איהר צוגע-גאַנגען — איך וויל דיך בעגריסען און ווינשען גליק. דו האָסט געמאַכט זעהר אַ גוטען שריט... עס פרעהט מיך זעהר צו הערען, אַז דו האָסט צוגע־שטימט און ביזט צופרידען צו הייראַטען מיט אל־ערב'ן, וועלכער האָט זיך שוין ערוואָרבען אַ נאָמען צווישען די מאַכמעדאַנער אַלס דיכטער.

שרה האָט שווייגענדיג געוואָרפען אַ בליק אויף איהר ברודער... זי האָט איהם אויך זעהר ליב געהאַט. זי האָט געוואוסט אַז עס איז ניט אין גאַנצען זיין שולד, וואָס ער וואַקעלט זיך און זיין כאַראַקטער איז נישט פעסט. נאָך אַלעמען, איז ער נאָך יונג. זי האָט כמעט איהר גאַנצע יוגענד פערבראַכט אין דעם הויז פון דעם דין, רבי מימון, וועמעס טאָכטער שפרה איז געווען איהר איבערגעגעבענסטע פריינדין. אין רבי מימון'ס הויז האָט זי איינגעזאַפּט אַ שטאַרקע ליעבע צו איהר רעליגיע, צו דער אידישער תורה. דערצו איז איהר האַרץ צוגעצויגען געוואָרען צו משה'ן, רבי מימון'ס זוהן. זי האָט איהם בעוואונדערט, ווען זי איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען. דאָס אַלעס צוזאַמען האָט איהר געגעבען כוח איבערצוקומען אַלע שווערע ווינטען. די ערציהונג וואָס זי האָט געקראָגען ביי איהר פאָטער אין הויז, איז ניט געווען גענוג אָפּצוהאַלטען איהר זי זאָל ניט מיטגעריסען ווערען מיט דעם שטראָם. ניט אַזוי אָבער איז איהר ברודער. זיינע בעזוכען אין

רבי מימון'ס הויז זיינען געווען זעהר זעלטען. דער פּאָטער איז ניט געווען געלערענט אין אידישקייט, און כאָטש ער איז געווען אַן עהרליכער איד, איז אָבער אין הויז ניט געווען אַזעלכעס וואָס זאָל איינוואָרצלען אין איהם א ליבשאַפט צו אידישקייט. און יעצט ווען ער האָט געזעהן, אַז זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען צו אַנערקענען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, און זיין פּאָטער דערווייטערט זיך מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר פון אידענטום, און האַלט ניט אָן זיין רעליגיע אַפילו אין געהיים, האָט אבו אלמאַעלי גענומען נאָכפאָלגען זיין פּאָטער'ס שריט.

אהרן האָט זיך גענומען גרייטען צו דעם מאָלצייט פון אבן מישע. ער האָט בעשטעלט פאַר זיין טאָכטער א שעהנע קלייד און אויך פאַר זיך און זיין זוהן האָט ער געלאָזען אויפנעהען נייע מלבושים. ער האָט פערשטאַנען פון שרה'ס האַנדלונג אַז זי איז נאָך אַלץ אומצופרידען, אָבער ער האָט בעשלאָסען מעהר מיט איהר ניט צו ריידען וועגען דעם. ער איז געווען זיכער, אַז ווען זי וועט קומען צו דעם מאָלצייט, וואָס זיין פאָטער מאַכט לכבוד איהר און אל-ערב'ן וועט זי זיך אינגאַנצען ענדערען, בפרט ווען זי וועט דאָרט זעהן די הויכע בעאַמטע און ווי אַזוי זיי שעצען און עהרען אל־ערב'ן אַלס זייער דיכטער, דאַן וועט זי איהם אַליין אָנפאַנגען ליעב צו האָבען און זי וועט זיין צופרידען צו ווערען זיין פרוי.

---

ווען אל-ערב האָט געהערט פון אהרנ'ען אַז זיין טאָכטער שרה וועט קומען צו דעם מאָלצייט, וואָס זיין פּאָטער מאַכט, איז ער געווען זעהר גליקליך. דאָס איז ביי איהם געווען א סימן אַז שרה'ס גלייכגילטיגקייט צו איהם האָט זיך געענדיגט און אַז זי וועט שוין געהערען צו איהם. ער האָט גלייך געוואָלט קומען צו שרה'ן און מיט איהר ריידען, פערברייינגען מיט איהר, אָבער אהרן האָט איהם דערוויי֞ל אָפּגערעדט פון דעם.

— דו וואַרט בעסער ביז וואַנען זי וועט קומען אין דיין הויז. דו זעה איינצולאַדען צו דעם מאָלצייט די וויכטיגסטע לייט פון קאָרדאָווא. זאָל מיין טאָכטער זעהן, אַז דו פערקעהרסט מיט א געהויבענע געזעלשאַפט. ווען זי וועט זיך געפינען אין דיין הויז, דאַן וועסטו איהר מאַכען א היראַטס פאָרשלאַג און באַלד וועט מען בעשטימען דעם טאָג פון אייער חתונה און דיין פּאָטער וועט דיזעלבע געסט אויך איינלאַדען צו דער חתונה.

— איך וועל טהאָן ווי דו ראַטהסט מיר! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען און איז געגאַנגען אהיים א גליקליכער און א צופרידענער.

אין זיין הויז האָט מען זיך גענומען גרייטען צו דעם מאָלצייט. ער אליין איז אוועק צו די גרעסטע בעאַמטע און וויכטיגע רייכע לייט פון קאָרדאָווא און זיי פּערזענליך איינגעלאַדען צום מאָלצייט. צווישען די געסט זיינען געווען הויכע בעאַמטע, גייסטליכע, אַראַבישע דיכטער און געלערענטע.

דער טאָג איז געקומען. אהרן איז יענעם פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. ער האָט אויך אויפגעוועקט זיין זוהן און טאָכטער. ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלען זיין גרייט וואָס פריהער.

שרה האָט די גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט גערעדט. עס איז ביי איהר

פּאָטער און ברודער פערשטאַנען געוואָרען, אַז זי געהט צום מאָלצייט. זי האָט אָטאָמאַטיש געטהאָן אַלעס וואָס מען האָט איהר געהייסען. זי האָט זיך געלאָזט נעמען אַ מאָס פאַר אַ נייע קלייד, און זי האָט אָנגעמאָסטען די קלייד ווען ס׳איז פאַרטיג געוואָרען.

אבו אלמאעלי האָט פערשטאַנען פון איהר אויפפיהרונג אַז עס איז איהר ניט זעהר שטאַרק צום הארצען צו געהן צו דעם מאָלצייט. ער האָט מיט איהר געוואָלט ריידען וועגען דעם, אָבער דער פאָטער האָט איהם שטרענג אָנגעזאָגט ער זאָל אויסמיידען צו ריידען מיט איהר פון דעם. ער אַליין האָט אויך געפיהלט אַז נאָך דעם מאָלצייט וועט זי זיך אינגאַנצען ענדערען. און ער האָט שוין מיט גרוים אומגעדולד געוואַרט אויף דעם.

---

אין דעם גרויסען, ברייטען צימער פון אבן מישע׳ס הויז זיינען געשטאַנען געדעקטע טישען מיט די געשמאַקסטע מאכלים און געטראַנקען. עס איז דאָרטען געווען פון כל טוב, אויסער ווייַן און אַנדערע שאַרפע משקאות, ווייל אַזעלכע געטראַנקען זיינען פערבאָטען פאַר די מאַכמעדאַנער. ארום די טישען זיינען געזעסען די געהויבענסטע געסט, די פריינד און בעקאַנטע פון אבן מישע און זיין זוהן אל־ערב. עס זיינען דאָרט געווען בעאַמטע, גענעראַלען פון די פאַרשיידענע אַרמעען, גייסטליכע און פיעלע אַנדערע רייכע און וויכטיגע מענער און פרויען פון קאָרדאָווא.

ווען אהרן און זיין זוהן און טאָכטער זיינען אַריינגעקומען, האָט אבן מישע זיי פאָרגעשטעלט פאַר אַלע געסט.

— דאָס איז אהרן! — האָט אבן מישע אויסגערופען — איינער פון די נייע מאַכמעדאַנער, וועלכע איז איבערגעגעבען מיט זיין לייב און לעבען צו אונזער רעליגיע צוזאַמען מיט זיין טאָכטער שרה און זוהן אבו אלמאעלי, וועלכע וועלען ברייַנגען רוהם און כבוד צו אונזער פאָלק, און וועלכע האָבען זיך איינגעקויפט יענע וועלט דורך דעם וואָס זיי זיינען געוואָרען געטרייע אָנהענגער פון אַללאה און זיין היילינען נביא, מאַכמעד.

אַלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף דער וואונדער שעהנער שרה׳ן. פילע פון די רייכע געסט האָבען אין זייערע הערצער אָנגעפאַנגען איהם מקנא צו זיין.

שרה׳ס פלאַץ איז געווען אויבען־אָן. נעבען איהר איז געזעסען אל־ערב, וועלכער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען, מיט דורכדרינגענדע בליקען האָט ער אַריינגעקוקט אין איהרע שעהנע אויגען. שרה האָט זיך געפיהלט זעהר אומבאַקוועם. זי האָט איהם אפילו ניט בעשאָנקען מיט אַ בליק. איהר איז אַלעס געווען אַזוי פרעמד... אַ לייכטער ציטער איז דורכגעגאַנגען איהר קערפּער, ווען זי האָט געהערט ווי אבן מישע שטעלט זיי פאָר פאַר געטרייע און איבערגעגעבענע מאַכמעדאַנער. אה, ווען זיי וואָלטען נאָר וויסען וואָס ביי איהר אין הארצען טוט זיך... ווי זי האַסט אל-ערב׳ן און אַלע אַנדערע מאַכמעדאַנער, די שונאים פון איהר פאָלק.

אל־ערב האָט בעשלאָסען צו ריידען מיט איהר יעצט. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט ווען זי וועט אָנפאַנגען צו ריידען מיט איהם. אָבער

שרה האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. אומעט און טרויער האָבען פון איהרע אויגען אַרויסגעקוקט. זי האָט זיך אפילו ניט צוגעריהרט צו די שפּייז וואָס אַל-ערב האָט איהר אַליין צוגעטראָגען.

— די רייצענדע בלום פון קאָרדאָווא! — האָט אל-ערב זיך צו איהר געווענדעט — איך וויים אַז דו פיהלסט זיך גאַנץ פרעמד און אומבאַקוועם אין דיזער געזעלשאַפט, ווייל אַלע געסט זיינען דיר אומבעקאַנט. עס וועט אָבער לאַנג ניט דויערען און דו וועסט אַלעמען קענען. דו וועסט זעהן אַז זיי אַלע זיינען מיינע איבערגעבענע פריינד און אויך דיינע פריינד. מיין פאָטער האָט דיזען מאָלצייט געמאַכט דיר צו עהרען. און דו האָסט מיר ווירקליך פיעל פרייד און פערגעניגען פערשאַפט מיט דיין קומען. איך וויל זיך בענוצען מיט דער גליקליכער געלעגענהייט און מיט דיר ריידען פון אונזער צוקונפט.

— אָה, ניין, ניט יעצט — האָט שרה אויסגערופען אין דער שטיל.

— יעצט איז די צייט, מיין ליבע, צערטליכע שרה! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען, איך וועל פאַר אַלע אונזערע געסט באַקאַנט מאַכען אַז דו ביזט צו מיר פערקנס'ט און איך וועל מיט דיין ערלויבניס בעשטימען דעם טאָג פון אונזער חתונה. איך וועל אויך אין דערזעלבער צייט אַלעמען איינלאַדען צו קומען זיך בעטייליגען אין אונזער שמחה, וואס וועט פאָרקומען אין דעם גליקליכסטען טאָג פון מיין לעבען.

— ווארט, איך בעט דיר, ווארט צו! — האָט שרה אויסגערופען.

— אויב דו ווילסט ניט בעשטימען דעם טאָג פון אונזער הייראַט, וועל איך אַמווענינגסטען בעקאַנט מאַכען אַז מיר זיינען פערקנס'ט. און דעם טאָג פון אונזער חתונה וועלען מיר איבערלאָזען פאַר אונזערע פאַטערס. זיי וועלען דעם גליקליכען טאָג בעשטימען. איך וויל דו זאָלסט מיר ערלויבען בלויז צו ערקלערען אַז מיר זיינען פערקנס'ט.

— ווארט, איך וועל עס פאַר אַלעמען ערקלערען! — האט שרה זיך אַ שטעל געטהאָן פון איהר פּלאַץ.

— דו ווילסט פאַר אַלעמען ערקלערען וועגען אונז?! — האָט אל־ערב זי אנגעקוקט מיט ערשטוינונג — אָט וועל איך בעטען די פערזאַמעלטע אויפצוהערען צו ריידען אויף אַ קליינע ווײַלע כדי זיי זאלען שענקען אויפ־מערקזאַמקייט צו דיינע רייד.

ערב האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער און ער האָט זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמעלטע געסט.

— שרה, די טאָכטער פון אונזער געטרייען פריינד אהרן, וויל פאַר אייך אַלעמען מאַכען אַן ערקלערונג וועגען אונזער צוקונפט און גלייך נאָך איהר ערקלעהרונג וועל איך האָבען די עהרע פאָרצולייענען אַ נייע ליעד וואָס איך האָב ערשט היינט אנגעשריבען וועגען דער שעהנער שרה'ן וועלכע וועט אייך דאָ באַלד איבערגעבען אַז זי איז צו מיר פערקנס'ט.

אין גרויסען צימער איז באַלד שטיל געוואָרען. אַלע האבען זייערע בליקען געווענדעט אין דער ריכטונג וואו שרה איז געשטאַנען.

איהר פאַטער און ברודער זיינען געווען אויסער זיך פון ערשטוינונג. אויף דעם אַז זי זאָל נאָך אַליין פאַר אַלעמען ערקלעהרען אַז זי איז פערקנס'ט

צו אל־ערב, אויף דעם האָבען זיי זיך ניט גערוכט. זיי האָבען פון איהר זייערע אויגען ניט ארונטערגענומען. זיי האָבען בעמערקט ווי בלאס זי איז, אבער אין איהרע אויגען ברענט א פייער׳ל. מיט גרויס געשפּאַנטקייט און מיט אָפענע מיילער האָבען זיי געוואַרט אז זי זאָל אנפאנגען צו ריידען.

די שטילקייט איז געווען אָנגעצויגען. שרה האָט געפיהלט אלעמענס בליקען אויף זיך. זי זעהט די פיעלע בעאמטע, גענעראלען און די מאכמע־דאַנישע גייסטליכע וועלכע דרינגען זי דורך מיט איהרע בליקען. זי ווייס אז דיזער שריט וואס זי געהט נאָר וואס נעהמען וועט מאכען א סוף צו איהר יונג לעבען. זי וועט אָבער בעשיצען איהר פאטער און ברודער, זי וועט פאר אלעמען ערקלערען אז בלויז זי איז פארבליבען א אידישע טאָכטער, כאָטש איהר פאטער און ברודער האבען זיך זעהר געמיהט צו בעאיינפלוסען זי, זי זאל ווערען א גלויביגע און געטרייע מאכמעדאַנערין.

— מיין ליעבע שרה — איז אל־ערב צו איהר נאָהענט צוגעגאנגען — אלע ווארטען דאָך אויף דיינע רייד. פארוואס רעדסטו ניט! פיליכט ווילסטו איך זאָל דיר ארויסהעלפען?

שרה האט א שאָקעל געטהאן מיט איהר קאָפּ אויף ניין. זי האָט אויפ־געהויבען איהרע אויגען און דאן אויסגערופען מיט א פעסטע, דייטליכע שטימע:

— איך בעדויער זעהר וואס איך וועל אייך אלעמען דארפען ענטוישען. איהר וועט הערען פון מיר עפּעס וואס איהר האט געוויס ניט ערווארטעט. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג צו קומען צו דיזען מאָלצייט ווייל איך האָב געוואוסט אז דאָ וועלען זיך געפינען אזעלכע געהויבענע געסט פאר וועמען איך וועל האָבען א געלעגענהייט זיך מודה צו זיין. איך וויל אז איהר זאָלט אלע וויסען, אז איך גלויב ניט אין מאכמעד׳ן. איך גלויב אין דעם גאָט פון ישראל און אין זיין הייליגער תורה וואס ער האָט געגעבען צו אונז דורך זיין גרויסען און הייליגען נביא משה. איך ווייס אז מיט מיינע רייד וועל איך מיין פאטער און ברודער פערשאפען פיעל שמערצען ווייל זיי זיינען איבערגעבען און געטריי צו זייער נייער רעליגיע וואס זיי האָבען געפונען. איך אָבער בין געבוירען געוואָרען א אידישע טאָכטער און איך וויל שטארבען א אידישע טאָכטער. „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד“!

עס איז געוואָרען א טומעל און באוועגונג, די געסט האָבען זיך אויפ־געהויבען פון זייערע פלעצער.

זי האָט געלעסטערט אונזער הייליגען נביא מאכמעד״ן! — האָט א גייסטליכער אויסגעשריען, — זי פארדינט דעם טויט!

— א טויט צו דער אומגלויביגער! — האָבען אנדערע געשריען און געדריקט מיט זייערע פויסטען.

אהרן און אבו אלמאעלי זיינען צוגעלאָפען צו שרה׳ן.

— וואָס האָסטו געטהאָן, מיין טאָכטער! — האָט אהרן צו איהר זיך אפּגערופען — איך בין געווען זיכער אז דו האָסט צוגעשטימט צו ווערען א מאכמעדאַנערין ווי מיר אלע זיינען.

— איך וויל שטאַרבען אַ אידישע טאָכטער!

אל ערב איז געשטאַנען אַ פערווירטער, ער איז אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז ער האָט בעת מעשה גאָרניט בעגריפען די ערנסטקייט פון דער לאַגע.

— דו זעהסט דאָך מיין זוהן אַז זי איז ניט ווירדיג אַז דו זאָלסט גאָר וועגען איהר טראַכטען — האָט אבן מישע זיך צו איהם אָפּגערופען, זי האָט געבראַכט שאַנדע אויף אונז אַלעמען.

— זי האָט געלעסטערט אַלאַה'ן און זיין הייליגען נביא מאַכמעד און זי דאַרף פאַר דעם מיט'ן טויט באַשטראָפט ווערען! — האָט איינער פון די בעאַמטע אויסגערופען, — זי וועט גלייך אַרעסטירט ווערען און וועט געמשפּט ווערען פאַר איהר גרויסען פערברעכען.

— זי זאָל פריהער געבראַכט ווערען פאַר אונזער הערשער אבל אל מומען! — האָט אַ צווייטער פאָרגעשלאָגען.

איידער אל ערב האָט צייט געהאַט אויסצורײדען אַ וואָרט, זיינען שוין געשטאַנען נעבען שרה'ן צוויי בעאַמטע מיט בלויזע שווערדען.

— מיין טאָכטער! — האָט אהרן מיט אַ וויינענדיגע שטימע אויסגערופען — מיין טאָכטער בעזין זיך, טו תשובה און זיי וועלען דיר מוחל זיין!

— איך וועל בעסער שטאַרבען איידער צו פערראַהטען מיין גאָט און מיין פאָלק! — האָט שרה מיט שטאָלץ געענטפערט — איך בין גרייט!

די צוויי בעאַמטע האָבען גלייך אַרויסגעפיהרט שרה'ן פון הויז, די איבעריגע געסט האָבען זיך גענומען לאָזען צום אַרויסגאַנג. זיי זיינען אַלע געוועזען צאָרנדיג און אויפגערעגט און האָבען געמורמעלט קללות אויף שרה'ן און אויף אַלע אידען.

אבו אלמאַעלי האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטהאָן צום אַרויסגאַנג. ער האָט יעצט איינגעזעהען וואָס פאַר אַ גרויסע נאָבעלע נשמה זיין שוועסטער באַזיצט. זי איז גרייט זיך מקריב צו זיין על קדוש השם. ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט אַ בעגעהר אויך אַרויסצוקומען און ערקלעהרען, אַז ער איז אַ געטרייער איד און וועט קיינמאָל ניט גלויבען אין מאַכמעד'ן. אָבער ער האָט זיך געהאַלטען. זיין איינציגער וואונש איז יעצט געוועזען צו ראַטעווען זיין שוועסטער, און ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט אַליין מאַכען דעם זעלבען שריט, וועלען זיי ביידע אומקומען. עס וואָלט געוועזען אַ סך בעסער פאַר ביידען, ווען זיי קענען זיך אַרויסראַטעווען פון קאָרדאָווא, און נאָכצוטהאָן דעם ביישפּיל פון רבי מימון, אויסוואַנדערען אין אַ לאַנד וואו זיי וועלען קענען דינען זייער גאָט אומגעשטערט.

אבו אלמאַעלי האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז מיט דעם וואָס ער וועט נאָכפאָלגען זיין שוועסטער וועט ער איהר קיין גוטעס ניט טהאָן. ער האָט געוואוסט, אַז אבן מישע און אל ערב זיינען די איינציגע וועלכע וועלען זי קענען אַרויסראַטעווען. ער דאַרף נאָר זעהן צו בעאיינפלוסען אל ערב'ן. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען און געזוכט מיט זיינע אויגען אל ערב'ן. ער האָט ערוואַרטעט, אַז ער וועט אויך אַרויסקומען אין דרויסען און נאָכפאָלגען די בעאַמטע וועלכע האָבען אַרעסטירט שרה'ן. אָבער ער האָט איהם אין דרויסען ניט געזעהן.

— אַזוי שטאַרק און גרויס איז זיין ליבע צו שרה'ן — האָט זיך אבו

אלמאעלי גיטראַכט — אַז ער איז גלייכגילטיג צו איהר גורל. ער האָט איהם אין זיין הארצען גענומען פאראַכטען און האסען דערפאַר. דאָך האָט ער בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו איהם. ער וועט איהם זאָגען אַז זיין שוועסטער האָט לעצטענס זעהר שטאַרק געליטען. זי איז געווען נערוועז און זי איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר איהר פלוצלונגען אויסברוך.

אהרן איז געווען אַזוי ערשיטערט, אַז ער האָט זיך געשעהמט אויפ־צוהויבען די אויגען צו זיינע פריינד. ער האָט זיך שווייגענדיג אַרויסגערוקט פון אבן מישע'ס הויז און אַ דערשלאָגענער געגאַנגען אַ היים. ער האָט אפילו ניט געוואַרט אויף זיין זוהן. אין זיין הארצען האָט געברויזט אַ כעס אויף זיין טאָכטער וואָס האָט איהם אָנגעטהאָן אַזוי פיעל שאַנדע. יעצט וועלען אַלע זיינע מאַכמעדאַנישע פריינד פערלירען זייער צוטרוי צו איהם.

אבן אַלמאעלי האָט געוואַרט ביז וואַנען די לעצטע געסט האָבען פאַר־לאָזען אבן מישע"ס הויז. דאַן איז ער אַריינגעקומען, ער האָט ראָרטען געטראָפען אַל ערב'ן און זיין פאָטער, זיצענדיג ברוגז'ע און ענטוישטע.

— דו ווייסט ניט מיין פריינד, וויפיעל געזונט דיזע אונאַנגענעהמע פאַסירט קאָסט מיר און מיין פאָטער! — האָט אבן אלמאעלי זיך געווענ־דעט צו אל ערב'ן.

— אונאַנגענעהמע פאַסירונג! — האָט אבן מישע זיך אַ קרים געטהאָן דריקענדיג זיין פויסט — שוידערליכע פאַרשעהמטע פאַסירונג! ווער האָט עס געקענט ערוואַרטען, אַז זי זאָל אונז אַזוי פיעל שאַנדע אַפּטהאָן! זי האָט דאָך געלעסטערט אונזער אַלאה'ן און מאַכמעד'ן! איך וועל שוין זעהען אַז זי זאָל איהר פאַרדינטע שטראָף בעקומען!

— אָה, פאָטער, איך בעט דיך, בערוהיג זיך! — האָט אל ערב זיך צו איהם אָפּגערופען. — איך קען נאָך אַלץ ניט פערשטעהן וואָס עס האָט איהר באַוואויגין אַזוי צו האַנדלען.

— איך בעט אייך, מיינע פריינד, הערט מיר אויס! — האָט אבו אל־מאעלי זיך אָפּגערופען — מיין שוועסטער האָט לעצטענס זיך ניט געפיהלט אַמבעסטען. זי איז געווען זעהר צורודערט און נערוועז. איך בין זיכער, אַז די רייד וואָס זי האָט גערעדט פריהער, זיינען ניט געווען קיין ערנסטע רייד, וואָס זי האָט עס געמיינט, עס איז געווען אַן אויסברוך פון איהר נערוועזי־טעט. איך ווייס אויך, אַז זי האָט דיך, אל ערב אָנגעפאַנגען ליעב צו האָ־בין און זי וואָלט דיר פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוואָלט פערשאַ־פען שמערצען. אויב דו האָסט נאָך אַ פונק ליעבע אין דיין הארצען פאַר מיין שוועסטער, וועסטו זי זעהן צו ראַטעווען און דו וועסט זיך איבערציי־גען, אַז זי האָט דיך ליעב, און זי האָט עס ניט געמיינט!

— יע, פאָטער, מיר מוזען זי ראַטעווען! — האָט אל ערב זיך אָפּ־גערופען. איך וועל ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל זי טויטען.

— שלאָג זי אַרויס פון דיינע געדאַנקען, מיין זוהן — זי האָט דעם טויט פערדינט. — עס האָט נאָך ניט פאַסירט, אַז אימיצער זאָל עפענטליך לעסטערען אונזער הייליגען נביא און זאָל בלייבען לעבען.

— דו הערסט דאָך וואָס איהר ברודער זאָגט — האָט אל ערב אויסגע־

רופען. — שרה איז לעצטענס געווען קראַנק און זי האָטעם ניט געמיינט. זי האָט מיך ליעב! אָה, פּאָטער, זי מוז געראַטעוועט ווערען פון טויט. זי איז דאָך אַזוי יונג, שעהן און צאַרט. איך האָב זי זעהר ליעב!

— אויב מען האָט זי אוועקגעפיהרט צו דעם הערשער אל מומען, דאַן וועסטו פאַר איהר גאָרניט קענען טהאָן — האָט איהם דער פּאָטער געוואָרענט, און דעריבער איז מיין עצה צו דיר, מיין זוהן, אַז דו זאָלסט אינגאַנצען פערגעסען אָן איהר, וועסטו זיך איינשפּאָרען פיעל הארצוועהטאָג און קלעמעניש.

— איך וועל געהן צום הערשער און איך וועל איהם זאָגען, אַז זי איז מיין כלה און אַז זי האָט ניט געמיינט וואָס זי האָט געזאָגט. איך וועל איהם אויך פערשפּרעכען, אַז איך וועל זעהן זי זאָל בלייבען אַ געטרייע מאַכמעדאַנערין איהר גאַנצען לעבען.

— איך צווייפעל אויב דיר וועט זיך איינגעבען איבערצוציינגען אונזער גרויסען הערשער, אַז שרה איז אומשולדיג. די עדות וועלכע האָבען איהרע רייד געהערט זיינען פיעל און זיי וועלען געוויס קומען און אַלעם דערצעהלען.

— איך מוז זי רעטען פון טויט — האָט אל־ערב אויסגערופען און ווענדענדיג זיך צו אַלמאַעלי האָט ער געזאָגט:

— קום מיט מיר, מיר וועלען אויסגעפינען וואוהין זיי האָבען אוועקגעפיהרט דיין שוועסטער און דאַן וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צו טאָן.

אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט זיך באַוויזען אויף אבו אַלמאַעלי'ס פּנים. ווער ווייסט, פיליי.כט וועט זיי געלינגען צו ראַטעווען שרה'ן. אין הארצען האָט ער געטראַכט, אַז אויב זיין שוועסטער וועט פאַר'משפּט ווערען צום טויט, וועט ער אויך טאָן ווי זי, און זאָל מען איהם אויך טויטען צוזאַמען מיט איהר.

---

די בעאַמטע וועלכע האָבען אַרעסטירט שרה'ן האָבען ביי זיך ניט געקענט באַשליסען אויב זיי זאָלען זי פאַרשפּאַרען גלייך אין געפענגניש אָדער זיי זאָלען זי ברייגגען צו דעם פּאַלאַץ פון דעם הערשער אבד אל מומען.

— איך גלויב אַז צוליעב דעם וואָס מיר האָבען זי אַרעסטירט אין אבן מישע'ס הויז, און צוליעב דעם וואָס זי איז שוין פערשפּרעכענט געוואָרען פאַר דער כלה פון אל ערב'ן, וואָלט געווען גלייכער, ווען מיר ברייגגען זי צו אונזער מעכטיגען הערשער פריהער, זאָל ער אַליין בעשטימען איהר שטראָף — האָט איינער פון די בעאַמטע זיך אָפּגערופען.

— דו האָסט רעכט — האָט דער צווייטער צוגעשטימט — מיר וועלען זי פריהער ברייגגען צו איהם, ווייל זי איז אַן אויסערגעוועהנליכע פאַרברעכערין.

זיי האָבען זי גענומען פיהרען צום פּאַלאַץ פון זייער הערשער. פיעלע פון די געסט און אויך זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען געזעהן ווי מען אַרעסטירט די שעהנע שרה'ן, זיינען נאָכגעגאַנגען.

ווען מען האָט אָנגעזאָגט אבד אל מומען אַז מען האָט צו איהם גע-

בראכט א זינדיגע, וועלכע האט געוואגט צו לעסטערן מאכמעדן, איז ער אויסער זיך געווארען פון אויפרעגונג.

— ווייסט איהר דען ניט וואס צו טהאן מיט איהר? — דארפט איהר דען קומען צו מיר פרעגען? זאל זי אויפגעהאנגען ווערן אויף דעם זעלבען פלאץ וואו אלע אזעלכע פערברעכער ווערן געהאנגען!

— אבער מעכטיגער הערשער! — האט איינער פון די בעאמטע זיך פאר איהם פערנייגט — דיזע פערברעכערין אונטערשיידעט זיך אינגאנצען פון די אנדערע. — זי איז נאך גאר יונג. דער האר אבן מישע האט לכבוד איהר אין זיין הויז געמאכט א מאלצייט. זי איז פעררעכענט געווארען פאר דער כלה פון זיין זוהן, דעם יונגען דיכטער פון קארדאווא.

— גוט, שיק איהר אריין צו מיר — האט אל מומען בעפוילען.

באלד האט מען שרה׳ן אריינגעפיהרט צו איהם אין פאלאץ. זי איז געגאנגען מיט אשטאלצען קאפ.

אל מומען האט זי באטראכט. זיין אטעם איז פערכאפט געווארען פון איהר שעהנקייט. ער האט נאך אזא בעצויבערענד שעהנע מיידעל ניט געזעהן.

— קום צו עטוואס נעהענטער צו מיר — האט ער איהר בעפוילען. שרה איז לאנגזאם צוגעקומען צו איהם.

— ווי איז דיין נאמען? — האט ער זי געפרעגט, און מיט זיינע בליקען זי נאך נעהענטער בעטראכט.

— מיין נאמען איז שרה — האט זי געענטפערט.

— איז עס אמת אז דו האסט געלעסטערט אונזער היילינגען נביא מאכמעד׳ן?

— אויב דאס גלויבען בלויז אין דעם גאט פון ישראל, איז א לעסטערונג פאר מאכמעד׳ן? דאן איז עס אמת! איך גלויב אין דעם גאט פון ישראל און אין זיין הייליגער תורה!

— ווייסטו דען ניט וואס פאר א שטראף עס קומט דיר דערפאר, לויט מיינע געזעצען?

שרה האט געשוויגען.

— איך האב די אידען געגעבען די ברירה: אדער זיי זאלען אננעמען דעם גלויבען פון מאכמעד׳ן, אדער זיי וועלען מוזען פערלאזען די שטאדט, און די וועלכע וועלעןביידע זאכען ניט טהאן, וועלען מוזען שטארבען, און דו. אויב דו האסט געוואלט פערבלייבען א אידין, פארוואס האסטו ניט פערלאזען קארדאווא אזוי ווי פיעלע פון די אנדערע אידען האבען געטהאן?

— ווייל איך בין נאך דאן גאר קליין געווען און מיין פאטער האט בעשלאסען צו ווערען א מאכמעדאנער צוזאמען מיט מיין ברודער, און אליין האב איך גאר ניט געקאנט טהאן. — יעצט אבער, האב איך בעשלאסען צו שטארבען פאר מיין רעליגיע און דו קענסט מיט מיר טהאן וואס דו ווילסט.

— דו ביזט צו יונג און צו שעהן, אז דו זאלסט דארפען יעצט שטארבען — האט אל מומען זיך צו איהר אפגערופען, מיט אן עטוואס מילדערע שטימע.

— דו וועסט קריגען א געלעגענהייט תשובה צו טהאָן און דאַן וועט דיר אונזער הייליגער נביא מוחל זיין. — דו דאַרפסט בלויז ארויסריידען די ווערטער, אז דו האָסט חרטה און אז „אללאה איז דער איינציגער גאָט און מאַכמעד איז זיין נביא” דאַן וועט פון דיר אַרונטערגענומען ווערען דיין שטראָף.

— איך האָב אָבער ניט קיין חרטה! — האָט שרה אויסגערופען. — איך וועל בעסער שטאַרבען איידער צו זינדיגען געגען מיין גאָט!

אל מומען האָט באַוואונדערט איהר האַלטונג. ער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען. וויפיעל חן און רייץ זי פאַרמאָגט? זי וואָלט זיין גאַנצען האַרעם באַשיינט. ער וועט ניט דערלאָזען זי זאָל געכויטעט ווערען. ער מוזט זי צוריקגעווינען פאַר זיין גלויבען, און דאַן וועט ער זי שוין פון זיך ניט אַוועקשיקען.

— דו ווייסט, שרה! — האָט אל מומען מיט א צערטליכע שטימע געזאָגט. — איך שעץ זעהר שטאַרק אָפּ דיין פעסטע און בראַווע האַלטונג. עס איז בלויז א שאָד וואָס דו ביזט בלינד און דו זעהסט ניט דעם ריינעם אמת. — דו אליין זאָגסט מיר אז דיין פאָטער האָט אָנגענומען אונזער גלויבען. — האָט ער דאָס דען געטהאָן, ווייל ער איז דערצו געצוואונגען געוואָרען? אָדער ווייל ער האָט זיך איבערציינגט אז דער גלויבען פון מאַכמעד איז דער ריכטיגער.

שרה האָט א ווײַלע געשוויגען. זי ווייסט, אז אויב זי וועט זאָגען אז איהר פאָטער איז ניט ערנסט אין זיין נייעם גלויבען, וועט זי דאמיט ברייננגען אַן אומגליק אויףביידען, אויף איהר פאָטער און ברודער... ניין זי האָט קיין רעכט ניט עס צו טהאָן.

— נו, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט אויף מיין פראַגע? איז דען דיין פאָטער ניט געווען ערנסט ווען ער איז געוואָרען א מאַכמעדאַנער?

— איך ווייס ניט ווי ער איז געווען דאַן ווען ער האָט אומגעביטען זיין רעליגיע — האָט שרה געענטפערט. — איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז איך בין דאַמאָלט גאַנץ יונג געווען. אָבער יעצט ווייס איך, אז ער און מיין ברודער זיינען געטריי דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען און ביידע האָבען אָנגעווענדעט אַלעס וואָס איז געווען אין זייער מאַכט מיך צו באַוועגען, איך זאָל מיט מיין לייב און נשמה ווערען א געטרייע אָנהענגערין פון מאַכמעד'ן. זיי האָבען געזוכט מיך צו פאַרהייראַטען צו אל ערב'ן, האָפענדיג אז ווען איך וועל זיין צו איהם פערהייראַט וועל איך ווערען א מאַכמעדאַנערין, אָבער איך האָב דאָרטען אויף דעם מאָלצייט פאַר אַלעמען ערקלערט, אז איך וועל מיין גלויבען ניט בייטען און ביי דיזען בעשלוס וועל איך בלייבען!

— דו ביזט זעהר א בראַווע און מוטיגע מיידעל! — האָט אל מומען איהר געזאָגט. — עס איז בלויז א שאָד וואָס דו ווענדעסט אָן דיין בראַווקייט ניט אויף דעם ריכטיגען וועג. זעהסטו דען ניט, אז אללאה האָט אומגעביטען זיין נביא משה אויף מאַכמעד'ן? און די וועלכע גלויבען נאָך אין משה'ן ליידען יעצט זעהר פיעל צרות. זיי זיינען צווזעעהט און צושפּרייט, זיי זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, אומעטום ווערען

זיי געיאָגט און געפּלאָגט. אָבער מיר, מאַכמעדאַנער, זיינען יעצט דאָס בעליבסטע פאָלק פון אַללאה. ער האָט אונז זיין ברכה געגעבען דורך זיין הייליגען נביא מאַכמעד, און וואוהין מיר קעהרען זיך בעגליקען מיר. פילע קריסטליכע פעלקער האָבען מיר בעזיעגט. מיר וועלען ווערען די הערשער פון דער וועלט און דאַן וועלען אַלע פעלקער אנערקענען די גרויסקייט פון מאַכמעד'ן און זיי וועלען אָננעמען אונזער גלויבען און דינען אַללאה און זיין הייליגען נביא!

— דער גאָט פון ישראל, וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט און די מענשען און אַלעס וואָס געפינט זיך אויף דעם הימעל און דער ערד, וועט ניט אומבייטען זיין הייליגען נביא אויף אַ צווייטען. און אויב ער שטראָפט אונז אידען, איז ניט וויל מיר גלויבען ניט אין מאַכמעד'ן נאָר וויל אונזערע עלטערען האָבען געגען גאָט געזינדיגט. זיי האָבען ניט אָפּגעהיט זיין תורה. — לאַנג אָבער וועט ער אונז ניט שטראָפען. ער וועט אונז שיקען אַן אויסלייזער, וועלכער וועט אַלע אידען אויסלייזען פון גלות. דאַן וועלען אַלע אנערקענען די גרויסקייט און מאַכט פון דעם גאָט פון אונזערע אבות!

אַל מומען האָט איהר דורכגעדרונגען מיט זיינע שאַרפע בליקען. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע רייד פון אַזאַ יונגע מיידעל, אָבער אנשטאַט צו ווערען נאָך מעהר צאָרענדיג און אויפגערעגט, האָט ער גענומען ריידען מיט איהר נאָך צערטליכער.

— ווען דו וועסט זיך צוהערען צו מיינע רייד און טהאָן וואָס איך זאָג דיר, וועסטו געווינעןביידע וועלטען. איך בעוואונדער זעהר דיין מוטה און נאָך מעהר דיין שעהנקייט און קלוגהייט. — ווען דו וועסט אָננעהמען דעם גלויבען פון מאַכמעד'ן מיט דיין גאַנצען הארצען וועל איך ניט נאָר אָפּשאַפען דיין שטראָף פאַר דיינע זינד, נאָר איך וועל דיר בעלוינען.

— מיין בעלוינונג וועט זיין די שטראָף, וואָס איך וועל בעקומען — האָט שרה געענטפערט.

— דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגען! — האָט אַל מומען געזאָגט. — איך וועל דיר און דיין משפחה גליקליך מאַכען. איך וועל דיר אריינגעמען צו זיך אין פּאַלאַץ. — איך וועל דיר פאַר מיין פרוי נעמען און צוזאַמען מיט מיר וועסטו הערשען איבער די אַלע לענדער וואָס איך האָב מיט מיין שווערד איינגענומען.

— איך וויל אַליין בעסער שטאַרבען — האָט שרה קאַלטבלוטיג געזאָגט.

— איך וועל דיר באַצירען מיט גאָלד און דימענטען — האָט אַל מומען ווייטער גערעדט — דו וועסט ווערען מיין באַליבטעסטע פרוי און זיך מיט מיר טיילען די הערשאַפט! איך וועל אַלע דיינע פאַרלאַנגען באַפרידיגען!

— דו האַלסט זיך פאַר דעם אויסדערוועהלטען פון מאַכמעד'ן — האָט שרה זיך צו איהם אָפּגערופען — און דו ווילסט פון זיין ערפאַהרונג גאָרניט לערנען!

— וואָס מיינסטו? — האָט ער זי געפרעגט.

— האָסטו דען פאַרגעסען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מאַכמעד'ן, ווען ער האָט גענומען אין געפאַנגשאַפט אַ שעהנע אידישע פרוי און זיך אין איהר פאַרליעבט. ער האָט זי פאַר זיין פרוי געמאַכט, אָבער זי האָט

געזוכט זיך נוקם צו זיין אַן איהם פאַר דער פאַרגאָסענער בלוט פון איהרע ברידער און זי האָט אריינגעטהאָן סם אין זיין שפייז און ער האָט נאָך אַ האָר זיין לעבען פאַרלאָרען... און דאָס איז, ווייל טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך ערקלעהרט פאַר אַ געטליכען מאַן, האָט ער אָבער געהאַט אַלע מענשליכע שוואַכקייטען און איז נאָך אַ האָר געפאַלען אַ קרבן פון אַ שעהנער פרוי.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז אַללאה האָט איהם גערעטעט ! — האָט ער אויסגערופען — ער איז פון דעם ניט געשטאָרבען.

— דאָס גליק האָט־איהם פיליכט דאַן געשפּילט, פונדעסטוועגען, ווי מען האָט מיר דערצעהלט, איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרען פון דעם... און דו ווילסט אויך אויף זיך אַן אונגליק ברייִנגען.

— איך ווייס, אַז דו ביזט ניט פעהיג צו באַגעהן אַזאַ פאַרברעכען געגען מיר. אויסער דעם וועל איך שוין זעהן, אַז מיינע שפּייזען זאָלען צוגעגרייט ווערען פון אַן אַנדער פּערזאָן. איך בין זיכער, אַז נאָכדעם ווי דו וועסט תשובה טהאָן און אָננעהמען דעם גלויבען פון מאַכמעד'ן, וועסטו צו מיר אַ געטרייע פרוי זיין !

— און איך זאָג דיר, אַז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך אויך זוכען זיך נוקם צו זיין אָן דיר פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון מיינע ברידער, וועמען דו האָסט מיט דיין שווערד אַזוי און'רחמנות'דיג געמאָרדעט.

אבד אל מומען איז געוואָרען אויפגערעגט. זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, אַז אַזאַ יונג מיידעל זאָל זיין אַזוי פאַר'עקשן'ט.

— איך וועל דיין עקשנות צוברעכען ! — האָט ער אויסגערופען מיט כעס — איך וועל דיר פאַרשפּאַרען אין געפענגענים ביז וואַנען דו וועסט קומען צו דיין שכל... ווען דו וועסט קענען אורטיילען צווישען גוט און שלעכט, צווישען ליכטיגקייט און פינסטערניס. דאָרט, אין געפענגענים, וועסטו צייט האָבען זיך צו באַזינען און ווען דו וועסט באַשליסען אָנצו־נעהמען מיין אָנבאָט, וועל איך דיר אַלעם מוחל זיין !

— יענער טאָג וועט קיינמאָל ניט קומען ! — האָט שרה אויסגערופען

— איך האָף, אַז דו וועסט טהאָן צו מיר ווי דו האָסט געטהאָן צו מיינע אַנדערע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען דעם גלויבען פון מאַכמעד'ן.

אל מומען האָט געביסען זיינע ליפּען פון כעס. ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסען וואָס צו טהאָן. זי האָט געווים פאַרדינט דעם טויט. אויסער דעם וואָס זי האָט פאַרשוועכט דעם נאָמען פון מאַכמעד'ן, האָט זי צו איהם אַזוי חוצפה'דיג גערעדט. יע, ער וועט איהר באַווייזען, אַז זי וועט שטאַרבען פאַר איהרע זינד. ער האָט צוגערופען זיינע באַאַמטע און זיך אָפּגערופען :

— פיהרט זי צו דער תליה !

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף שרה'ס ליפּען. זי האָט אַ הויב געטהאָן איהר קאָפּ מיט שטאָלץ און געווען גרייט צו געהן אויף קידוש השם !

אל מומען האָט קוק געטהאָן אויף איהרע אויגען, וואָס האָבען מיט

פאַראַכטונג געקוקט אויף איהם. ווי צוויי גליהענדע קויהלען האָבען זיי אויסגעזעהן. זיין האַרץ האָט אין איהם אַ צאַפּעל געטהאָן... זי איז אין זיינע אויגען נאָך שעהנער געווען, און זיין לוסט זי צו באַזיצען איז ביי איהם נאָך שטאַרקער געוואָרען. ניין, זי מוז געהערען צו איהם, ער וועט זי הייסען פאַרשפּאַרען אין געפענגעניס און דערווייל זעהן פיליכט וועט איהר פאָטער און ברודער אויף איהר ווירקען זי זאָל איהר עקשנות אויפגעבען.

— ניין, ניט צו דער תליה פיהרט זי! — האָט אל מומן אַ בעפעהל געגעבען צו זיינע מעאַמטע — פאַרשפּאַרט זי אין געפענגעניס! דאָרטען וועט זי צוריק קריגען איהר פאַרשטאַנד!

די בעאַמטע האָבען אוועקגעפיהרט שרה'ן אין געפענגעניס. זי איז געגאַנגען שווייגענדיג און האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון אויפרעגונג.

אל מומען איז אַ ווייל גענבליבען אליין אין זיין פּאַלאַץ, פאַר זיינע אויגען האָט נאָך געשוועבט דער געשטאַלט פון דער באַצויבערענדער שעהנ־הייט. אין זיינע אויערען האָבען נאָך געקלונגען איהרע קלוגע שטאָלצע רייד. ער האָט זי ליעב בעקומען פון דער ערשטער רגע ווען מען האָט זי צו איהם געבראַכט. ווי קומען די פרויען פון זיין האַרעם צו איהר? זי וואָלט פערשיינען זיין האַרעם און וואָלט אַריינגעבראַכט ליכט אין זיין האַרץ. ער האָט נאָך אַזאַ זעלטענע שעהנע מיידעל ניט געזעהן. ער האָט גענומען טראַכטען ווי אַזוי ער זאָל קענען ווירקען אויף איהר זי זאָל תשובה טהאָן... ערשט דאַן וועט זי שוין געהערען צו איהם.

אבו אל מאעלי, שרה'ס ברודער, און אל ערב זיינען צוגעקומען צו דעם פּאַלאַץ פון אל־מומען, ווייל זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז אהין האָט מען זי אוועקגעפיהרט.

— אָט וועסט דאָ צוואַרטען און איך אליין וועל זיך לאָזען מעלדען צום הערשער! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען צו אל מאעלי'ן — אל מומען איז צו מיר זעהר גנעדיג. איך האָב אָנגעשריבען אַ ליעד לכבוד זיין איינ־נעהמען קראַדאַווא און מיין פאָטער האָט עס צו איהם געבראַכט, און ווען ער האָט עס דורכגעלייענט, איז עס איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. ער האָט מיך געשיקט רופען און מיר בעדאַנקט פאַר דעם. און יעצט וועל איך עס איהם דערמאָהנען און פערלאַנגען פון איהם ער זאָל שרה'ן ניט בעשטראָפען.

— איך האָף, אַז דו וועסט בעגליקען! — האָט אלמעאלי יאוש'דיג זיין קאָפּ געשאָקעלט.

אל ערב האָט זיך געלאָזט מעלדען פאַר אל־מומען און ער האָט איהם ערלויבט אַריינצוקומען צו איהם.

— מעכטיגער הערשער, זיי געבענשט צו אללאה און צו זיין הייליגען נביא מאַכמעד! — האָט אל ערב זיך פערנייגט, ווען ער איז צוגעקומען נאָהענט צו איהם.

— דו ביזט דאָך דער יונגער דיכטער פון קאַרדאַווא, אל ערב, דער זוהן פון אבן מישע?

— יע, גנעדיגער האַר, איך בין עס!

— און עס איז געווען אין דיין פאָטער'ס הויז אַז שרה, די טאָכטער

פון אהרן האָט געלעסטערט אַללאה׳ן און ערקלעהרט, אַז זי וועט בלייבען געטריי דעם אידישען גאָט!

— יא, מיין האַר, אָבער זי האָט עס ניט געמיינט. זי איז לעצטענס געווען קראַנק און צושטרייט. איך בין זיכער, אַז זי האָט חרטה און זי וועט תשובה טהאָן! זי האָט אַרויסגערעדט איהרע רייד אין אַ צייט פון אויפרעגונג!

— פון וואַנען ביזטו עס אַזוי זיכער, אַז זי האָט חרטה? — האָט אל־מומען זיך צו איהם געווענדעט.

— איהר ברודער האָט מיר געזאָגט. ער קען זיין שוועסטער זעהר גוט און ער האָט פערשטאַנען פאַרוואָס זי האָט עס פּלוצלונג געטהאָן.

— און דו גלויבסט, אַז דיר וועט געלינגען זי צו בעוועגען זי זאָל תשובה טהאָן?

— געוויס! זי איז מיין כלה. מיר האָבען געזאָלט בעשטימען דעם טאָג פון אונזער חתונה, און ווען איך וועל זי בעטען, אַז זי זאָל ערקלעהרען פאַר דיר, מעכטיגער הערשער, אַז זי האָט חרטה אויף דעם וואָס זי האָט גערעדט, וועט זי עס טהאָן!

— אויב דו וועסט קענען איהר בעאיינפלוסען חרטה צו האָבען אויף איהרע רייד און פערשפּרעכען, אַז זי וועט ווערען אַ געטרייע מאַכמעדאַנערין דאַן וועל איך זי נאָך אַמאָל אויסהערען!

— אה, איך דאַנק דיר, גנעדיגער הערשער! — האָט זיך אל ערב פאַר־נייגט, — אויב דו וועסט מיר ערלויבען זי צו זעהן, וועל איך זי בעאיינפלוסען.

— זי איז אין געפענגניס און אויב דו ווילסט וועל איך דיר געבען ערלויבניש זי צו זעהן! — האָט אל מומען געזאָגט.

— איך וועל דיין גנאַדע ניט פערגעסען!

אל מומען האָט צוגערופען איינעם פון זיינע בעאַמטע און ער האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— געה מיט אל ערב׳ן צום געפענגעניס, וואו שרה געפינט זיך און וואַרט דאָרטען צו ביז וואַנען ער וועט פאַרטיג ווערען. און אויב דו וועסט הערען, אַז שרה שטימט איין מיט איהם און זי פערשפּרעכט איהם חרטה צו האָבען, דאַן זאָלסטו זאָגען דעם אויפזעהער פון געפענגעניס, אַז ער קען זי לאָזען געהן מיט איהם צו מיר.

אל ערב איז אַפילו ניט איבעריגס געווען צופרידען פון דעם, דאָס אימיצער וועט אַנוועזענד זיין ווען ער וועט מיט איהר ריידען, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט טהאָן דערצו. ער איז מיט יענעם געגאַנגען און ביידע זיינען אַריינגעקומען אין געפענגניס וואו שרה איז געזעסען.

— אָה, מיין ליעבע שרה! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען צו איהר

— איך בין זעהר דערשלאָגען דיך צו געפינען אין אַזאַ לאַגע. איך בין געקומען דיך צו העלפען. איך בין נאַר־וואָס געווען ביי אונזער גנעדיגען הערשער און ער האָט מיך ערלויבט זיך צו זעהן מיט דיר. איך ווייס אַז דו האָסט זיך ניט געפיהלט איבעריגס גוט און דיינע רייד זיינען געווען אַן אויסברוך פון ערשיטערענדע נערווען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז יעצט ווען דו האָסט זיך עמוואָס בערוהיגט וועסטו זיך באַזינען און מיר זאָגען, אַז דו האָסט חרטה אויף דיינע רייד. דער הערשער האָט מיר

געזאָגט, אַז אויב דו וועסט ערקלעהרען, אַז דו ווילסט תשובה טהאָן, וועט ער דיך ערלויבען צו קומען צו איהם, און דאַן וועט ער דיך מעגליך אין גאַנצען בעפרייען.

— איך האָב קיין חרטה ניט אויף מיינע רייד! — האָט שרה איהם געענטפערט — איך וועל זיי ווידערהאָלען אפילו פאַר דעם הערשער.

— אה, ווייסטו דען ניט וואָס דו טוסט צו זיך און צו מיר? — האָט אל ערב געזאָגט.

— איך ווייס וואָס איך טהו צו זיך, אָבער צו דיר טוה איך גאָרניט, דו וועסט ניט דאַרפען ליידען פאַר מיינע זינד.

— אַלע אין קאָרדאָווא האָבען אונז ביידען פאַררעכענט פאַר חתן־כלה! און יעצט האָסטו מיר אָנגעטהאָן אַזאַ גרויסע שאַנדע!

— איך האָב דיר קיינמאָל ניט פערשפּראָכען צו ווערען דיין כלה! און דו האָסט זיך ניט מיט וואָס צו שעהמען!

— איך בעט דיר, שרה, זיי ניט פער'עקשנ'ט. איך בין גרייט דיר מוחל צו זיין, און אפילו ווען דו ווילסט עס ניט טהאָן צוליעב מיר, דאַרפסטו אין זינען האָבען דיין פאָטער און ברודער. דו ווייסט דאָך, אַז זיי זיינען גע־טרייע מאַכמעדאַנער און דיין אָפענע ערקלעהרונג וועט זיי ברייגנען פיעל שאָדען.

— יעדער מענטש דאַרף בעשטראָפט ווערען פאַר זיין אייגען זינד! קיינער דאַרף ניט געהאַלטען ווערען פעראַנטוואָרטליך פאַר די זינד פון אַ צווייטען.

— אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרלייקענען, אַז אַ פאָטער און אַ ברודער ווערען בעטראַכט פעראַנטוואָרטליך. איך בעט דיר, שרה, בעזין זיך און קום מיט מיר און דו וועסט ערקלעהרען דעם הערשער, אַז דו האָסט חרטה און דו ווילסט תשובה טהאָן.

— איך וויל קיין ליגען איהם ניט זאָגען! איך האָב זיך געפיהלט זעהר גליקליך ווען איך האָב די געלעגענהייט געקראָגען עפענטליך אַרויסצוקומען מיט דעם אמת, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק געפייניגט זינט די גזרה איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דעם הערשער פון די אַלמוהאַדען, און יעצט פערלאַנגסטו פון מיר, אַז איך זאָל דעם אמת אויף שקר פערבייטען און ווידער געפייניגט ווערען. ניין, איך וועל בעסער שטאַרבען איידער צו פאַר־לייקענען מיין גאָט, דעם גאָט פון מיינע אבות!

— דו ביזט נאָך גאָר יונג און דו ביזט ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר דיינע רייד! — האָט אל ערב געזאָגט. — איך בין געקומען דיך צו העלפען, און ווי איך זעה ווילסטו מיין הילף ניט האָבען.

— איך זוך נאָר די הילף פון גאָט, דעם גאָט פון ישראל.

— עס וועט קומען אַ צייט אַז דו וועסט זיך אַרומזעהן, אַז איך בין דיין איינציגער פריינד, וואָס זוכט דיין טובה! איך האָב דיך ליעב באַקומען ווען מיר זיינען ביידע נאָך קינדער געווען. געדענקסטו ווען איך האָב זיך צושלאָגען מיט משה'ן, דעם זוהן פון מימון, און ווען דו ביזט נאָר צוגע־קומען צו מיר, האָב איך איהם אָפּגעלאָזען. ווייסטו פאַרוואָס איך האָב עס געטהאָן, ווייל איך האָב שוין דאַן דיך ליעב געהאַט. שפּעטער האָב איך

מיין לעבען אין געפאהר געשטעלט און געלאָזט וויסען דעם דין רבי מימון, אַז מען וועט פאַרברענען די שוהלען, און די אידען האָבען דערווייליע גע-קענט ארויסראַטעווען אַלע ספרי תורה'ס. דאָס האָב איך אויך געטהאָן צוליעב דיר, ווייל איך האָב דיך ליעב געהאַט. דיר איז גוט בעקאַנט, אַז מיין פאָטער איז אַ וויכטיגער בעאַמטער פון דעם הערשער, און אויך צו מיר וואַרט דער הערשער אַרויס פיעל גנאַדע.

— איך האָב עס אַלעס געוואוסט, אָבער איך האָב דיך ניט ליעב געהאַט. איך וועל קיינמאָל ניט אויפגעבען מיין גלויבען.

— דיין פאָטער און ברודער האָבען עס געטהאָן, פאַרוואָס זאָלסטו עס ניט קענען טהאָן. דאַרפען דען קינדער ניט געהן אין די פוס-טריט פון זייערע עלטערען?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך בין ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיי און זיי זיינען ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר מיר!

— וואָס זאָל איך זאָגען דעם הערשער ווען ער וועט מיר פרעגען אויב איך האָב ביי דיר גע'פּועל'ט דו זאָלסט תשובה טהאָן?

— זאָג איהם דעם אמת!

— אויב אַזוי האָב איך מעהר ניט וואָס צו ריידען מיט דיר! — האָט אל ערב געזאָגט און ער האָט פאַרלאָזען דעם געפענגנים צוזאַמען מיט דעם בעאַמטען.

ער איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ און זיך אַ נייג געטהאָן.

— איך זעה, אַז דו קומסט אַליין, — האָט אל מומען מיט אַ שמייכעל געזאָגט — זי האָט זיך צו דיינע רייד ניט געוואָלט צוהערען!

— ניין! — האָט ער טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ.

— דו האָסט מיר געזאָגט, אַז זי איז דיין כלה און דו וועסט איהר בעאיינפלוסען זי זאָל תשובה טהאָן.

אל ערב האָט אַרונטערגעלאָזען זיין קאָפּ.

— איך קען ניט באַגרייפען וואָס מיט איהר האָט פּלוצלונג געשעהן, איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך וועל מיט איהר ריידען וועט זי זיך ענדערען.

ביזטו זיכער, אַז זי האָט דיך ליעב? — האָט אל-מומען איהם געפרעגט.

— ניין, יעצט וויים איך אַז זי האָט מיך ניט ליעב!

— זי האָט דיך ניט ליעב?

— יע, אַזוי האָט זי מיר דייטליך נאָר-וואָס געזאָגט.

— נו, יעצט איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס זי האָט אַזוי געהאַנדעלט אין דיין הויז. זי האָט עס בענוצט אַלס אַ מיטעל ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון דיר.

— איך, אָבער, מיין האַר, האָב זי ניט געצוואונגען.

— מעגליך, אַז איהר פאָטער האָט זי געצוואונגען און זי האָט עס גע-טאָן, כדי דו זאָלסט זי אויפהערען צו בעלעסטיגען.

— גנעדיגער הערשער, איך וואָלט געטהאָן אַלעס וואָס עס איז מעגליך כדי צו געווינען איהר ליעבע, אָבער דערווייל וויים איך ניט וואָס צו טהאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען.

— אויב זי האט דיר ניט ליעב און וויל צו דיינע רייד זיך ניט צוהערען, וועט זי דאך געוויס פאלגען די עצה פון איהר ברודער. פארוואס איז ער ניט געקומען צו מיר בעטען פאר זיין שוועסטער'ס לעבען?

— איהר ברודער איז מיט מיר אהער געקומען, ערווארט איין דרויסען נעבען פאלאץ. ער האט געמיינט, אז דער הערשער וועט מיר גיכער ערלויבען זיך צו זעהן מיט מיין שוועסטער.

— זאל ער אריינקומען. איך וועל מיט איהם ריידען! — האט אל מומען געזאגט — דו וועסט איהם הייסען אריינקומען און אליין וועסטו געהן אהיים. ער וועט דיר שוין לאזען וויסען שפעטער, אויב ער האט דורכגעפיהרט דאס, וואס דו האסט ניט בעוויזען דורכצופיהרען. איך וועל איהם גוט אויספארשען און זעהן אויף ווי ווייט ער און זיין פאטער זיינען געטרייע מאכמעדאנער.

אל ערב איז ארויס פון פאלאץ און ער האט געטראפען שרה'ס ברודער ווארטענדיג אויף איהם.

— נו, וואס? — האט ער איהם אומגעדולדיג געפרעגט.

— איך האב גארניט געקענט אויפטהאן, — האט אל ערב געענטפערט.

— דער הערשער איז געווען זעהר גנעדיג צו מיר און האט מיר ערלויבט זיך צו זעהן מיט איהר אין געפענגניש. ער האט מיר אויך אנגעדייט, אז אויב איך וועל זי בעאיינפלוסען תשובה צו טהאן, וואלט ער זי, פיליי‌כט, אינגאנצען באפרייט. איך בין צו איהר צוגעקומען און גערעדט מיט איהר, אומזיסט איז מיין מיה. זי איז זעהר פאר'עקשנ'ענט. זי האט גאר קיין חרטה ניט. איך האב זיך געשעהמט פאר דעם הערשער. איך האב איהם געזאגט, אז זי איז מיין כלה און צום סוף מאכען מיינע רייד אויף איהם קיין ווירקונג ניט. אל מומען האט מיר געהייסען דיך אריינשיקען צו איהם אין פאלאץ. ער וויל מיט דיר רעדען וועגען דיין שוועסטער. ער גלויבט, אז דו, אלס איהר ברודער, וועסטו קענען זי בעאיינפלוסען. דו פארשטעהסט, פאר איהר פארברעכען האט זי פארדינט דעם טויט, אבער דער הערשער האט מיט איהר איינזעהעניש צוליעב מיר און צוליעב מיין פאטער. ווי איך פארשטעה, וואלט ער געווען ווילינג איהר צו פארגעבען, אויב זי וועט תשובה טהאן און חרטה האבען אויף איהרע רייד. אבער אויב זי וועט בלייבען פאר־עקשנ'ט, האב איך מורא,, אז זי וועט איהר לעבען פארשפיעלען.

אלמעאלי איז צוגעקומען צום אריינגאנג פון פאלאץ און געזאגט צו די וועכטער, אז דער הערשער האט איהם איינגעלאדען צו זיך. מען האט איהם באלד אריינגעלאזט אינווייניג און ער האט זיך פארנייגט פאר אלמומען.

— דו ביזט עס דער ברודער פון שרה'ן?

— יא, גנעדיגער האר!

— ווייסטו, אז זי איז באגאנגען א פארברעכען, פאר וועלכען זי פארדינט טויט־שטראף?

— יע, מיין האר! איך וויים. אבער איך וויים אויך, אז מיין שוועסטער שרה איז נאך גאר יונג און זי איז נאך ניט אינגאנצען פאראנטווארטליך פאר איהרע רייה. איך גלויב, אז מיט דער צייט וועט זי זיך ארומזעהן,

אז זי האָט זיך באַנאַרישט און זי וועט תשובה טהאָן מיט איהר גאַנצען האַרצען.

— איך האָב שוין מיט איהר גערעדט. אָבער אזא עקשנות האָב איך נאָך ביי קיין פרוי ניט באַמערקט. ווען איך האָב זי דערזעהן און וויסענדיג אז פאַר איהר פאַרברעכען וועט זי באַקומען טויט־שטראָף, האָב איך אויף איהר רחמנות געקראָגען. איך האָב מיט איהר גערעדט און אויסגעפונען, אז אויסער איהר באַצויבערענדער שעהנקייט באַזיצט זי פאַרשטאַנד. איז זי מיר זעהר געפעלען געוואָרען. איך האָב ווירקליך אזא זעלטענע שעהנהייט נאָך ניט געזעהן צווישען די פיעלע פרויען און מיידלאַך פון מיינע לענדער... איך האָב זי געוואָלט נעהמען פאַר מיין פרוי. איך האָב איהר אפילו פאַרשפּראָכען צו טיילען מיט איהר מיין הערשאַפט, אָבער זי האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען צו מיינע רייד. זי האַלט זיך פעסט אָן איהר רעליגיע און זאָגט, אז זי וועט ניט צוריקציהען איהרע רייד, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט ביי דעם מאָלצייט פון אבן מישע. אל ערב איז צו מיר געקומען און געזאָגט, אז ער וועט אויף איהר ווירקען, אָבער, ווי עס וועיזט אויס, האָט זי זיך צו איהם אויך ניט צוגעהערט. ער האָט מיר געזאָגט, אז זי איז זיין כלה און איך האָב איהם ערלויבט צו קומען צו איהר אין געפענגעניש און מיט איהר רעדען. אָבער ווי איך פאַרשטעה, האָט זי איהם ניט ליעב. און איך פאַרדעכטיג, אז זי האָט אבזיכטליך אזוי געהאַנדעלט, כדי זי זאָל ניט זיין געצוואונגען מיט איהם צו הייראַטען. הא, זאָג מיר, בין איך גערעכט?

— יע, גנעדיגער הערשער! איך האָב עס אויך אזוי פאַרשטאַנען. איך האָב שוין פון לאַנג געוואוסט, אז זי האָט אל ערב'ן ניט ליעב, אָבער מיין פאָטער האָט זי געצוואונגען. דעריבער האָט זי עס געטהאָן אזוי, ניט באַגרייפענדיג, אז דאָס קען איהר נאָך קאָסטען איהר לעבען.

— איך האָף, אז אל ערב ווייסט, אז זי האָט איהם ניט ליעב? ! זאָל ער נאָכהער ניט זאָגען, אז איך האָב זי פון איהם אוועקגענומען!

— אויב ער ווייסט נאָך ניט, וועל איך עס איהם זאָגען! — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אז דיין שוועסטער האָט מיין האַרץ געוואונען אזוי שנעל ווי איך האָב אויף איהר א קוק געטהאָן! — האָט אל מומען געזאָגט. — און איך בין גרייט זי גליקליך צו מאַכען, אויב זי וועט נאָר תשובה טהאָן און ווערען א געטרייע מאַכמעדאַנערין. איך וועל אויך דיך און דיין פאָטער דערהויבען צו הויכע עמטער.

— מעכטיגער הערשער! — האָט אבו אלמאעלי אויסגערופען, — איך נעהם זיך אונטער זי צו באַאיינפלוסען. מיין שוועסטער האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו מיינע רייד. איך ווייס אָבער, אז איך בין געגען איהר באַגאַנגען אַן עולה מיט דעם, וואָס איך האָב פּרובירט זי צורעדען, אז זי זאָל צושטימען צו ווערען אל-ערב'ס כלה. יעצט אָבער וועל איך שוין וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן.

— איך וועל דיר ערלויבען זיך צו זעהן מיט דיין שוועסטער און דו וועסט פּרובירען רעדען מיט איהר.

— איך ווייס נישט, אויב מיט'ן ערשטען באזוך וועל איך קענען ביי איהר פועל'ן, — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען, — אָבער איך בין איבערציינט, אז איך וועל זי באאיינפלוסען. איך וועל איהר זאָגען וועגען דעם גרויסען גליק, וואָס איהר שטעהט פאָר און אויב זי וועט זיך היינט צו מיר ניט צוהערען, וועט עס זיין צוליעב דעם, וואָס זי איז נאָך אלץ אויפגערעגט און צורודערט.

— געה גלייך צו דיין שוועסטער און דו וועסט זיך אומקעהרען צוריק צו מיר. איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען ווי דו האָסט אויסגעמאכט.

אל מומען האָט געשיקט איינעם פון די בעאַמטע אָנזאָגען דעם וועכטער פון געפענגעניש, אז ער זאָל איהם אריינלאָזען צו שרה'ן אין קאמער.

אין א ווײלע ארום איז שוין אלמאעלי געווען נעבען שרה'ן.

— אה, מיין טייערע שוועסטער! — איז ער איהר אויפ'ן האלז געפאלען און גענומען זי קושען.

— בין איך נאָך אלץ טייער צו דיר, נאָכדעם ווי איך האָב אויף דיר און אויפ'ן פאָטער אזוי פיעל שאנדע געבראכט? — האָט שרה געפרעגט און אין איהר שטימע איז געווען פארביטערונג.

— אה, שרה! דו ביזט מיר יעצט טייערער פון מיין אייגען לעבען. דו האָסט מיינע אויגען געעפענט. איך האָב געוואָלט דיר נאָכטהאָן און אויך ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט, אז איך בין א געטרייער איד. אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאלטען מיט'ן געדאנק, אז פיעלייכט איז נאָך פאראן א וועג ווי אזוי דיך צו ראטעווען. איך האָב געוואוסט, אז אויב איך וועל גלייך אויך טהאָן ווי דו, וועלען מיר ביידע פארלירען אונזערע לעבענס.

שרה האָט אָנגעקוקט איהר ברודער מיט ערשטוינונג.

— דו מיינסט, אז דו וועלסט אויך צוריק ווערען א איד?

— יע! איך וויל בעסער ארומוואנדערען ווי די משפחה פון רבי מימון, איידער צו לעבען אין רוהיגקייט און אין לוקסוס און זיין פאלש צו זיך און צו אלע, וואָס איז מיר טייער.

נו, און דער פאָטער? — האָט שרה איהם געפרעגט.

— איך ווייס ניט. איך האָב מיט אונזער פאָטער וועגען דעם ניט גערעדט. ער איז אליין אוועק אהיים א דערשלאָגענער, א פארשעהמטער.

— איך באַדויער זעהר, וואָס איך האָב איהם אזוי פיעל עגמת נפש פארשאפט.

— ניין, מיין שוועסטער! דו דארפסט עס ניט באַדויערען. פריהער אָדער שפּעטער וועט זיך אונזער פאָטער ארומזעהן, אז ער איז באגאנגען אַן אומרעכט געגען זיין גאָט און פאָלק. ער וועט זיין צופרידען צו וויסען, אז מיר, זיינע קינדער, האָבען אמווניגסטען זיך אין צייט ארומגעזעהן. יע, איך בין גרייט צו געהן מיט דיר אויף קידוש השם... איך פיהל, אז פון היינטיגען פריהמאָרגען, ווען איך האָב דיינע בראווע ווערטער געהערט, בין איך אינגאנצען אנדערש געוואָרען. דו ביזט אין מיינע אויגען געשטיגען. ווי א געטליכער מלאך האָב איך דיך געזעהן. איך האָב געזעהן, אז דו ווילסט זיך מקריב זיין אויף קידוש השם און איך בעשלאָסען צו טהאָן אלץ אין

מיין מעגליכקייט דיך צו רעטען. איך בין דעריבער גלייך אוועק צו אלערב׳ן און איהם געזאָגט, אַז דו האָסט עס ניט געמיינט.

— ער איז ביי מיר נאַר־וואָס געווען! — האָט שרה געזאָגט.

— איך ווייס! איך בין מיט איהם מיטגעגאַנגען. איך האָב געוואוסט, אַז איהם וועט ניט זיין שווער צו קריגען צוטריט צו דעם הערשער אל מומען, און פיעלייכט וועל איך צוליעב איהם קענען האָבען די מעגליכקייט זיך מיט דיר צו זעהן... אַזוי איז טאַקע געווען. דער הערשער האָט נאָך מיר געשיקט און מיט מיר אַ ווייילע גערעדט.

— און וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט געפונען חן אין זיינע אויגען און אַז ער וועט דיך נעהמען פאַר זיין פרוי און אַז ער איז וויליג אַפילו צו טיילען מיט דיר זיין הערשאַפט. דו דאַרפסט בלויז תשובה טהאָן און חרטה האָבען אויף דיינע רייד.

— אָה, יעצט פאַרשטעה איך! דו ביזט עס צו מיר געקומין מיך צו באַאיינפלוסען, איך זאָל עס טהאָן. עס איז דאָך ווירקליך דאָס גרעסטע גליק פאַר אַ אידישע מיידעל!...

— אה, שרה! ווי קאָנסטו אַזוי רעדען צו מיר? אמת, איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז איך וועל זעהן אויף דיר צו ווירקען, אַז דו זאָלסט צוריק ווערען אַ געטרייע מאַכמעדאַנערין, אָבער דאָס האָב איך געטהאָן, כדי צו האָבען צוטריט צו דיר און מיר זאָלען ביידע קענען פּלאַנעווען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען און אַנטלויפען פון דאַנען. איך האָב זעהר פיעל פון דעם געטראַכט. או יעצט דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט גאָרניט זיין אַזוי שווער דאָס דורכצופיהרען. איך וועל דעם הערשער זאָגען, אַז דערווייל האָב איך נאָך ביי דער ניט גע׳פּועל׳ט. אַז עס וועט נעהמען עטליכע טעג. איך וועל מיט דיר אַזוי פיעל איינ׳טענה׳ן, אַז דו וועסט זיך אונטערגעבען. און דאַן וועל איך זעהן אויסאַרבייטען אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטלויפען מיט דיר. איך וועל מוזען פריהער האָבען פרייען צוטריט צו דיר. קיינער וועט מיר ניט דאַרפען שטערען אַריינצוקומען צו דיר. דעריבער האָב איך איהם געזאָגט, אַז דו וועסט זיך צוהערען צו מיינע רייד און אויב ניט גלייך, וועט מיר נעהמען עטליכע טעג, ביז וואַנען איך וועל אויף דיר ווירקען. איך וועל דערווייל בעטראַכטען עפּעס אַ פּלאַן ווי אַזוי מיר ביידע זאָלען קאָנען אַנטלויפען. געוועהנליך, וועט קיינער דערפון ניט וויסען. איך וועל אַפילו דעם פאָטער פון דעם גאָרניט דערצעהלען, ווייל ער קען ניט באַגרייפען ווי אַזוי אימיצער קען זיך מקריב זיין פאַר זיין רעליגיע. איך ווייס, אַז ווען ער וועט אויסגעפינען, אַז דער הערשער וויל דיך מאַכען פאַר זיין פרוי וועט ער נאָך מעהר צושטעהן צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך אונטערגעבען.

— אָה, מיין ליעבער ברודער! — האָט שרה איהם געקושט. — איך בין גליקליך צו הערען פון דיר, אַז דו ביזט אין דיין האַרצען פאַרבליבען אַ איד און אַז דו וועסט בעסער אַרומוואַנדערען איבער פאַרשיעדענע לענדער, איידער זיך אינגאַנצען אָפּצוזאָגען פון אידישקייט. איך האָב אַ נייעם ברודער געפונען! איך קען יעצט שטאַרבען מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף מיינע ליפּען!

— ניט שטאַרבען, נאָר לעבען וועלען מיר ביידע, מיין ליעבע שוועס־טער! — האָט ער זי אַרומגענומען. — יעצט געה איך צוריק צום הערשער. איך וועל איהם זאָגען, אַז עס האַלט שוין ביים וועג און בלויז נאָך אַ פּאָר מאָל און דו וועסט טהאָן אַלעס, וואָס איך וועל דיר הייסען.

אלמאעלי איז צוריק אריין אין פּאַלאַץ און אל מומען האָט איהם מיט אומגעדולד געפרעגט:

— נו, וואָס האָסטו גע'פועל'ט ביי דיין שוועסטער?

— צום באַדויערען, נאָך ניט! — האָט ער געענטפערט — זי איז היינט שטאַרק אויפגערעגט און אָפּגעשוואַכט. איך האָף אָבער, אַז נאָך אַ פּאָר וויזיטען און איך וועל ביי איהר אַלעס פּועל'ן. זאָל זי בלייבען אומ־באַלעסטיגט פאַר אַ מאָג, אָדער צוויי. זי וועט זיך באַרוהיגען און דאַן וועל איך צו איהר קענען רעדען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז זי וועט זיך ענדערען.

— וואָס מעהר דיין שוועסטער איז פאַר'עקשנ'ט אַלץ שטאַרקער איז ביין וואונש זי צו באַזיצען! — האָט אבד אלמומען אויסגערופען — זי וועט אָבער פריהער מוזען עפענטליך ערקלערען, אַז זי טהוט תשובה, אַז פון איצט אָן וועט זי פאַרבלייבען אַ געטרייע מאַכמעדאַנערין.

— זי וועט טהאָן אַלץ וואָס איך וועל זי בעטען — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען— איך וויל בלויז אַז דער הערשער זאָל מיך ערלויבען זי צו זעהן צו יעדער צייט. די וועכטער פון געפענגענים דאַרפען וויסען, אַז זיי דאַרפען מיר ניט שטערען, דאַן וועט אַלץ רעכט ווערען.

— איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט, אַז זי זאָל דאַרפען זיצען נאָך אַ טאָג אין געפענגענים — האָט אל־מומען געזאָגט — איך וויל ניט, אַז דאָס זאָל זיך אָפּרופען שלעכט אויף איהר געזונט און שעהנקייט. פיליכט זאָל איך איהר דערווייל הייסען פערשליסען אין איינעם פון די צימערען פון מיין פּאַלאַץ. איך וועל זעהן, אַז איינע פון די פרויען פון מיין הארעם זאָל איהר צוזעהן.

אלמאעלי'ס הארץ איז איינגעפאַלען ווען ער האָט געהערט די רייד פון דעם הערשער. אויב ער וועט זי האַלטען פאַרשפּאַרט אין אַ צימער פון פּאַלאַץ, דאַן וועט ווען זיין גאַנצען פּלאַן גאָרניט ווערען. פון דעם הער־שער'ס פּאַלאַץ וועט אינגאַנצען זיין אונמעגליך צו אַנטלויפען.

— גנעדיגער הערשער — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען — מיין עצה איז, אַז זי זאָל פאַרבלייבען אין געפענגענים. דאָרט וועט פאַר מיר אַ סך גרינגער זיין צו צוברעכען איהר עקשנות. עס וועט איהר גאָרניט שאַדען, אַז זי וועט זיין אַ פּאָר טעג אין געפענגנים. דאָרט וועט זי האָבען געגוג צייט זיך צו באַדענקען. אָבער אַזוי שנעל ווי זי וועט זעהן, אַז זי ווערט איבערגעפיהרט אין פּאַלאַץ וועט זי זיך נאָך מעהר פאַר'עקשנ'ען. איך קען מיין שוועסטער זעהר גוט. איך וועל צו איהר קומען מאָרגען אין אָוונד און וועל מיט איהר ווייטער ריידען. און מעגליך, אַז איך וועל וואַרטען נאָך אַ טאָג. דאַרף איך זיך פריהער מעלדען צום הערשער, איידער מען וועט מיר צולאָזען צו מיין שוועסטער?

— ניין, איך וועל אָנזאָגען דעם וועכטער פון געפענגניס, אז ער זאָל דיר צו איהר צולאָזען צו יעדער צייט — האָט אל־מומען געזאָגט.

אלמעאלע האָט איהם באדאנקט און פארלאָזען דעם פאלאץ. ער איז אוועק צו זיך א היים. ער האָט דאָרטען געטראָפען זיין פאָטער א פאר־טרויערטען און דערשלאָגענעם.

— נו, מיין זוהן, וואָס זאָגסטו אויף דעם וואָס פאר אן אומגליק דיין שוועסטער האָט אויף אונז אלעמען געבראכט.

— איך האָב פון דעם א סך געטראכט, פאָטער, און איך בין דערווייל ניט געקומען צום באשלוס צו זאָגען, אז זי איז אינגאנצען אומגערעכט. ביי איהר איז דאָס אידענטהום טייערער פון לעבען. א באווייז איז, אז זי איז גרייט זיך מקריב צו זיין צוליעב דעם.

— וואָס רעדסטו, מיין זוהן! ווי זי האָט געפיהלט וועגען דעם האָט זי אזוי ניט באדארפט האנדלען. זי האָט דאָך אויף אונז אייביגע שאנדע געבראכט, און ווער וויים אויב די מאכמעדאנער וועלען זיך מיט אונז אויך ניט אָפּרעכענען פאר דעם. זיי האָבען דורך דעם פארלארען זייער גאנצען צוטרוי צו אונז. זיי וועלען איצט אונזביידען אויך פארדעכטיגען, אז אין אונזערע הערצער זיינען מיר געטריי דעם אידענטהום.

— וועגען דעם דארפסטו זיך ניט זאָרגען, גאָטער. שרה האָט דעם גאנצען שולד אויף זיך גענומען. זי האָט געזאָגט פאר'ן הערשער, אז דו און איך זיינען געטרייע מאכמאדאנער. עס פארשטעהט זיך, אז מען וועט א פאָטער ניט באשטראָפען פאר די זינד פון זיין טאָכטער און א ברודער פאר די זינד פון זיין שוועסטער.

— אל־ערב איז נאָר וואָס ביי מיר געווען — האָט אהרן זיך אָפּגע־רופען — ער איז געווען זעהר אויפגערעגט און פארביטערט. איך זאָג דיר מיין זוהן,, אז ער איז א דימענטענער יונגערמאן. אן אנדערער אויף זיין פלאץ וואָלט מעהר אויף שרה'ן ניט געוואָלט א קוק טאָן. א קליינינגקייט אזא באליידיגונג, אזא פאטש אין פנים! ער וואָלט דאָך באדארפט זוכען נקמה צו נעמען אָן איהר, און אָנשטאט דעם איז ער געלאָפען צום הערשער זיך איינצושטעלען פאר איהר און בעטען ער זאָל זי מוחל זיין! ווער וואָלט עס אזוי געהאנדעלט! און מיין טאָכטער ווי נאריש און אומפאר־שטענדליך זי איז! אזא גליק האָט זי פון איהרע הענט ארויסגעלאָזען. וועלכע מיידעל פון קאָרדאָווא וואָלט זיך ניט געשעצט גליקליך, ווען זי וואָלט אויס־געפונען, אז אל־ערב, דער דיכטער פון קאָרדאָווא, וועמעס פאָטער איז איי־נער פון די וויכטיגסטע בעאמטע פון הערשער, וויל זי פאר זיין פרוי נעמען! ער באזיצט אלע מעלות וואָס א יונג מיידעל קאָן זיך נאָר ווינשען, ער איז רייך, געלערענט, געאכטעט און געשיצט ביי יעדען. אפילו דער הערשער אליין האלט זעהר שטארק פון איהם. און זי, שרה, נאָך ניט גענוג וואָס איהר געפעלט ניט דער שדוך, האָט זי איהם אזוי פארשעהמט און באליידיגט, און ער איז נאָך איצט וויליג זי מוחל צו זיין און נעמען פאר זיין פרוי!

— פארגעס ניט, פאָטער, אז שרה איז די שעהנסטע מיידעל אין קאר־דאווא — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען — און אזוי שנעל ווי דער הער־

שער אליין האט זי דערזעהן, איז ער פארצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט, אז ער האט אויך חשק זי פאר זיין פרוי צו נעמען.

— וואס רעדסטו, מיין זוהן, דער הערשער אל־מומען וויל זי נעמען פאר זיין פרוי ?!

— יע, איך קום עס איצט פון זיין פאלאץ! ער איז איינפאך פארכאפט געוואָרען פון איהר און ער האט מיר געזאגט, אז אזוי שנעל ווי זי וועט תשובה טהאן און אנערקענען מאכמעד'ן אלס דעם נביא פון אללאה, וועט ער זי נעמען פאר זיין פרוי און זיך טיילען זיין הערשאפט מיט איהר.

— ביזטו זיכער, אז דער הערשער איז געווען ערנסט.

— געווים בין איך זיכער. ער האט דאך מיך געשיקט צו רעדען צו איהר אין געפענגניס. ער וויל, אז איך זאל אויף איהר ווירקען זי זאל תשובה טאן. ער וואלט זי גענומען פאר זיין פרוי דעם זעלבען טאג!

— איך קען מיינע אויערען ניט גלויבען! — האט אהרן אויסגערופען מיט באגייסטערונג — אזא גליק! אזא גליק! א קלייניגקייט צו זיין דער שוועער פון דעם הערשער. צו וואהנען אין פאלאץ! נו, האסטו שוין גערעדט מיט דיין שוועסטער וועגען דעם?

— יע, איך האב מיט איהר גערעדט.

— און וואס האט זי אויף דעם געזאגט?

— זי האט מיר געגעבען דעם זעלבען ענטפער, אז זי וועט בעסער שטארבען א אידישע טאכטער איידער צו פארראטהען דעם גאט פון ישראל און לעבען א פאלשען לעבען אין פאלאצען.

— אה, עס איז דאך אונמעגליך זי זאל זיין אזוי נאריש און אומפארשטענדליך! — האט אהרן אויסגערופען — איך וועל אליין מיט איהר ריידען! ווי קאן זי דורכלאזען דעם גרעסטען גליק אין דער וועלט! איך וועל איהר עס ערקלעהרען. זי וועט מיר מוזען פאלגען!

— אומזיסט וועט דיין מיה זיין, פאטער! — האט אלמאעלי זיך אפגערופען. שרה איז אינגאנצען אנדערש ווי מיר זיינען. אין דעם האב איך זיך איבערצייגט היינט אין דער פריה, ווען זי האט אזוי בראוו פאר אלעמען ערקלעהרט, אז זי וועט שטארבען פאר איהר רעליגיע. זי האט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן ווי א מלאך פון גאט. איך האב איהר מקנא געווען. און איך האב אנגעהויבען צו פיהלען די פוסטקייט פון מיין נשמה און אויך פון דיין נשמה. מיר זיינען גרייט צו פארקויפען אונזערע נשמות פאר א צייטווייליגען פארגעניגען, פאר א חיי שעה. אה, פאטער! איך וויל, אז דו זאלסט זיך אויך אין דעם ארייננטראכטען. דאן וועסטו זיך ארומזעהן וואס פאר א טייערע און נאבעלע נשמה שרה באזיצט.

— וואס רעדסטו, מיין זוהן! ביזטו אויך פון זינען געריהרט?! — האט אהרן אויסגערופען — ווייסטו דען ניט, אז דורך דעם וואס מיר האבען ארויסגערעדט מיט אונזערע ליפען, אז מחמד איז דער אמת'ער נביא, האבען מיר שוין פארלוירען אונזער חלק פון עולם הבא. מיר קענען שוין אלץ איינס מעהר ניט פאררעכענט ווערען פאר אידען, איז אומווייניגסטען זיינען מיר בארעכטיגט צו געניסען פון דער וועלט. און איצט, ווען אזא

געלעגענהייט קומט צו אונזערע הענט, איז ביי דיר רעכט, אַז מיר זאָלען עס דורכלאָזען!

— אָבער פאָטער, מיר גלויבט זיך ניט, אַז אַ איד, וואָס איז געצוואונגען אָנצונעמען אַן אַנדער גלויבען און אין זיין האַרצען בלייבט ער געטריי זיין אידישע אמונה, אַז ער זאָל דורכדעם ווערען אויסגעשלאָסען פון אידישען פאָלק אויף אייביג!

— איך האָב עס אַליין געהערט פון אַ אידען אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ גרויסער רב האָט אַזוי ער־קלערט. און איצט זעהסטו, אַז צוריק צום אידענטהום קענען מיר ניט געהן. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָלען מיר ניט געניסען פון דער וועלט. בפרט, ווען אַזאַ גרויסער גליק קומט אונז אַנטקעגען! מיין זוהן, איך וועל אַליין געהן צו שרה'ן. איך וועל קריגען פון הערשער ערלויבעניש זיך צו זעהן מיט איהר און איך וועל שוין זעהן, אַז זי זאָל טאָן ווי איך היים איהר!

אלמאעלי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז אומזיסט וועלען זיין זיינע רייד צו זיין פאָטער. ער וועט זיך ניט ענדערען. ער וועט קיינמאָל ניט קענען באַגרייפען אַז עס איז פאַראַן אַזעלכע זאַכען פאַר וואָס אַ מענש וועט זיך לאָזען בעסער מקריב זיין... ער זעהט, אַז זיין פאָטער איז ניט ערצויגען גע־וואָרען אין אַזאַ גייסט. און ניט ער און ניט שרה וועלען איהם קענען איבערצייגען אין דעם.. דעריבער האָט ער בעשלאָסען מיט'ן פאָטער קיין וואָרט ניט צו רעדען וועגען זיין פּלאַן אַרויסצוראַטעווען זיין שוועסטער און צוזאַמען מיט איהר אַנטלויפען פון קאַרדאַווא. ניין, ער טאָר דערפון ניט וויסען, ווייל ער קען נאָך אינגאַנצען קאַליע מאַכען זיין פּלאַן.

— איך האָב מיט שרה'ן גערעדט און איך פערשטעה איהרע געפיהלען. ווען דו וועסט צו איהר קומען און רעדען וועגען דעם, וועט זי נאָך ווערען מעהר איינגע'עקשנ'ט! — האָט אלמאעלע זיך צו איהם אָפּגערופען. — אַ טאָג אָדער צוויי וועט זי זיך אַליין אַרומזעהן. איך האָב דעם הערשער פערשפּראָכען זיך מיט איהר דורכצורעדען. איך וועל פאַר איהר פאַרשטע־לען דעם גרויסען גליק, וואָס עס שטעהט איהר פאָר, ווען זי וועט צושטימען צו הייראַטען דעם הערשער.

— אויף אַזאַ גליק האָב איך זיך קיינמאָל ניט געריכט! — האָט אהרן אויסגערופען. — ביי מיר איז פריהער אויסגעקומען, אַז אויב זי וועט הייראַטען על ערב'ן, וועט עס זיין איינע פון די גרעסטע גליקען פאַר אונז אַלעמען. איך בעט דיך, מיין זוהן טהו אַלעס, וואָס מעגליך, און זעה זי זאָל צוריק צום שכל קומען און חרטה האָבען אויף איהרע נאַרישע רייד. קענסטו דען באַגרייפען, וואָס עס מיינט פאַר אונז אַלעמען צו ווערען אַזוי ענג פאַרבונדען מיט דעם מעכטיגען הערשער פון די אלמוהאַדען?!

— איך וועל אַלעס טהאָן! — האָט אלמאעלי געזאָגט. — אָבער דו דאַרפסט זעהר פאָרזיכטיג זיין און קיין וואָרט וועגען דעם ניט רעדען מיט אל ערב'ן. ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז דער הערשער וויל הייראַטען מיט זיין כלה, וועט ער זעהן אַלעס קאַליע מאַכען.

— געוויס וועל איך איהם גאָרניט דערצעהלען. ער וועט שוין נאָכהער

אליין אויסגעפינען — האָט אהרן זיך אָפּגערופען. — זאָל ער און זיין פאָטער אבן מישע, זעהן, וואָס פאַר א טאָכטער איך האָב! ווי איך פאַרשטעה, איז אבן מישע אזוי אין כעס אויף שרה'ן, אז ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אז זיין זוהן זאָל ווייטער האָבען צו טהאָן מיט איהר. אר ערב האָט מיר געזאָגט, אז מיט גרויסע שוועריגקייטען איז איהם גע־לונגען צו קריגען ערלויבעניש פון זיין פאָטער ער זאָל געהן פאַר איהר זיך משתדל זיין פאַר דעם הערשער. עס איז זעהר א מאָדנער צופאַל. דאָ קומט אל ערב בעטען דעם הערשער ער זאָל פאַרגעבען זיין כלה און זי ניט טויטען, און אין דער זעלבער צייט פלאַנעוועט דער הערשער אליין מיט איהר חתונה צו האָבען. וועט ער דאָס זיין ענטוישט, ווען ער וועט עס אויסגעפינען!

— יעצט וועל איך אוועקגעהן צו אל ערב'ן, — האָט אלמעאלי געזאָגט.

— דו ווילסט דאָך, אז ער זאָל דערפון ניט וויסען? — האָט אהרן אויסגערופען.

— איך האָב איהם אָבער פאַרשפּראָכען, אז איך וועל קומען און איהם איבערגעבען ווי איך האָב אויסגעמאַכט. און איך מוז מיין וואָרט האַלטען.

— דו דאַרפסט אָבער זיין זעהר פאָרזיכטיג, אז ער זאָל זיך גאָרניט אָנשטויסען, ווייל איך האָב מורא, אז ער וועט נאָך קאַליע מאַכען.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר! — האָט אלמעאלי געזאָגט און איז ארויס פון הויז.

זיין הארץ איז איהם געווען פאַרביטערט. ער זעהט דאָך, אז זיין פאָטער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדערען. ער און זיין שוועסטער וועלען זיין געצוואונגען אויף אייביג זיך צו שיידען פון איהם, ווייל זיי באַלאַנגען צום אידישען פאָלק און זיינען גרייט צו ליידען און אויסוואַנדערען צוליעב זייער אידישקייט און ער, זייער פאָטער, וויל הנאה האָבען פון דער וועלט און וועט שוין קיינמאָל זיך ניט צוריקקערען צום אידענטום.

אלמאעלי איז אוועק צו אבן מישע אין הויז. ער האָט שוין דאָרט געטראָפען אל ערב'ן וואַרטענדיג אויף איהם.

— נו, וואָס הערט זיך? — איז איהם על ערב אנטקעגענגעקומען.

— איך האָב מיט דיר זעהר פיעל צו רעדען, אל ערב — האָט אלמאעלי געזאָגט. — קום ארויס און מיר וועלעןביידע א ווייליע שפּאַצירען.

אל ערב איז ארויס פון הויז. זיי האָבען אוועקגעשפּאַצירט אין פעלד, וואו קיינער האָט זיי ניט געקענט הערען.

— יעצט דערצעהל מיר ווי דו האָסט אויסגעמאַכט! — האָט אל ערב זיך צו איהם געווענדט. — האָסטו גערעדט מיט שרה'ן? וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— איך האָב איין זאַך אויסגעפונען פון איהר, אז זי האָט דיך ליעב... עס איז געווען מיט איהר, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, זי איז געווען זעהר אויפגעטרייסעלט און צערודערט. זי איז קיינמאָל ניט געווען אויף אזא שמחה, וואו זי האָט געזעהן אזוי פיעל אומבאַקאַנטע מענשען. דאָס

איז געווען זעהר א נערוועזער אויסברוך. און ווי איך פארשטעה פון איהרע רייד, האט זי שטארק חרטה אויף דעם. אין א טאג ארום אדער צוויי וועט זי צו זיך קומען!

— דיינע רייד מאכען מיר גליקליך! — האט אל ערב זיך אפגערופען.

— יעצט זעה איך, אז עס איז נאך פאר מיר פאראן א האפענונג, אז זי וועט געהערען צו מיר! ווען דו וואלסט געוואוסט ווי שטארק ליעב איך האב דיין שוועסטער! זינט איך בין א יונגער אינגעל געווען האב איך זי ליעב באקומען. איך געדענק, אז איך פלעג אפשטיהן פיעלע שטונדען, באהאלטען הינטער א בוים, וואס איז געווען ניט ווייט פון דיין פאטער'ס הויז, און ווארטען אויף א געלעגענהייט צו כאפען א בליק אויף דיין שעהנער שוועסטער. איך געדענק, אז זי האט געהאט א פריינדין שפרה, די שוועסטער פון משה'ן און זי פלעגט שטענדיג געהן צו איהר אהיים. איך פלעג ווערען שרעקליך איפערזיכטיג, ווייל איך האב געוואוסט, אז שפרה'ס ברודער, משה, איז זעהר געלערענט און קלוג און אז אלע אידישע מוטערס פלעגען זיך מיט איהם בענשען. און איך האב מורא געהאט אז שרה געהט אהין אזוי אפט צוליעב משה'ן און מיין קנאה איז געווען אזוי גרויס, אז איך בין געווען גרייט צו שלאגען משה'ן, כאטש ער האט מיר קיינמאל קיין בייז ניט געטהאן. ווען איך נעהם זיך יעצט דערמאנען ווי געלערענט און קלוג משה איז געווען, פארדריסט מיך, וואס ער איז ניט פארבליבען אין קארדאווא. איך וויים, אז איך וואלט אין איהם געפונען זעהר א גוטען חבר און פון איהם זעהר פיעל געלערענט. ווען איך טראכט פון דעם, זעה איך איין ווי נאריש איך בין געווען צו באשולדיגען דעם קלוגען משה'ן, אז ער רויבט פון מיר אוועק דיין שוועסטער. ווי איך האב זיך שפעטער דערוואוסט, האט ער כמעט קיינמאל ניט גערעדט צו איהר. ער איז געווען פארטהאן אין זיין לערנען. איך בין ווירקליך זעהר גליקליך צו הערען פון דיין מויל, אז זי האט מיך אויך ליעב! עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ווען זי וועט זיך בארוהיגען, וועט זי פאר אלעמען ארויסווייזען איהר חרטה און תשובה טהאן. זי וועט ווערען א געטריייע מאכמעדאנערין און דער הערשער וועט זי באפרייען און דאן וועלען מיר באשטימען דעם טאג פון אונזער חתונה.

— וועגען דעם בין איך צו דיר יעצט געקומען. אין דער צייט, וואס איך האב געגלויבט, אז אלעם וועט זיך אויסגלייכען און איך וועל שוין פועל'ן ביי איהר, איז יעצט אויף אונזער וועג אוועקגעלייגט געווארען אן אנדער שטרויכלונג, וואס איך האב מורא, וועט מאכען א סוף צו אלע אונזערע האפענונגען.

— וואס איז געשעהן? — האט אל ערב אויסגערופען מיט שרעק.

— עס איז געשעהן גאר א קלייניגקייט! — ווען די בעאמטע האבען פארגעבראכט שרה'ן פאר דעם הערשער, ער זאל באשטימען איהר שטראף, האט ער אנשטאט זי צו באשטראפען, זיך גאר פארליעבט אין איהר. יע, פון דעם ערשטען אויגענבליק האט זיך אל מומען פארליעבט אין שרה'ן

און ער האָט איהר גלייך געזאָגט. ער האָט איהר פערשפּראָכען צו מאַכען פאַר זיין פרוי און מיט איהר טיילען זיין הערשאַפט, אויב זי וועט תשובה טהאָן און אָננעהמען דעם גלויבען פון מאַכמעד. ער האָט מיט איהר א היבשע צייט אַזוי איינגע'טענה'ט.

— און וואָס האָט איהם שרה געענטפערט? — איז אל ערב אומגעדולדיג געוואָרען.

— דו קאָנסט דאָך אַליין פאַרשטעהן, וואָס איהר ענטפער איז געוועו,

— האָט אלמאעלי איהם געענטפערט, — אַז ער האָט געהייסען זי פאַרשפּאַרען אין געפענגניש. ווען זי וואָלט צוגעשטימט, וואָלט זי יעצט געוועזן אין זיין פּאַלאַץ, אנשטאַט אין געפענגניש.

— און וואָס וועט יעצט זיין?

— איך זעה קיין אויסוועג ניט! אויב זי וועט ניט אָננעהמען זיין פאָרשלאַג, וועט ער זי געוויס בעשטראָפען מיט טויט־שטראָף.

— אַזוי צי אַזוי איז פאַר מיר קיין האָפענונג ניט פערבליבען! — האָט אל ערב טרויעריג געזאָגט. — אויב זי וועט איינשטימען, וועט זי ווערען דעם הערשער'ס פרוי, און אויב ניט, וועט זי געטויט ווערען.

— איך האָ במיט איהר וועגען דעם גערעדט.

— און וואָס איז איהר באַשלוס?

— צו קיין בעשלוס איז זי נאָך דערהוייל ניט געקומען. אָבער איין זאך האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט בעסער געשטאָרבען, איידער צו ווערען די פרוי פון דעם הערשער... עס איז מעגליך, אַז זיצענדיג אין געפענגניש איז זי ערשט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי האָט דיר ליעב... יע, פאַר דיר וואָלט איהר קיין זאַך ניט געוועזן צו שווער צו טהאָן און דו מעגסט וויסען זיין, אַז אויב שרה וועט אַרויסווייזען עקשנות און ניט וועלען זיך אומקעהרען צו דעם גלויבען פון מאַכמעד, וועט זי עס טהאָן צוליעב דעם, וואָס זי וועט וועלען דורכדעם פאַרמיידען צו ווערען אל מומענ'ס פרוי.

— אָבער וואָס בלייבט אונז צו טהאָן? — האָט אל ערב זיך געווענדעט צו איהם און אין זיין שטימע איז געוועזן אומעט און יאוש.

— מיר מוזען זי אַרויסראַטעווען פון געפענגניש!

— ווי אַזוי?

— איך האָב וועגען דעם שוין געטראַכט. איך האָב א פּלאַן. פאַרשטעהסטו? דער הערשער איז זעהר פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל מיין שוועסטער באַאיינפלוסען זי זאָל אָננעהמען זיין פאָרשלאַג. פאַר דיעזען צוויק האָט ער מיר ערלויבט צו קומען צו איהר אין געפענגניש צו יעדער צייט. ער האָט אָנגעזאָגט די וועכטער, אַז זיי זאָלען מיך צו איהר צולאָזען צו יעדער צייט און זיי זאָלען מיר קיינע שוועריגקייטען ניט מאַכען. און יעצט, אויב דו ביזט וויליג מיר צו העלפען, האָב איך א פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען שרה'ן פון גיפענגניש.

— איך בין גרייט דיר מיט אַלעם צו העלפען! אָבער דערביי וואָלט איך ניט געוואָלט ריזיקירען מיט מיין לעבען!

— די גאַנצע ריזיגע פּאַלט אויף מיר. קיינער וועט דיך ניט באַשול־דיגען אין דעם.

— און וואָס איז דיין פּלאַן?

— מיין פּלאַן איז, אַז דו זאָלסט מיר מיטגעבען איינעם פון דיינע בעסטע פערד. איך וועל ביינאַכט צוקומען צום געפענגעניש און דעם פערד האַלטען צוגעגרייט ניט ווייט פון דאָרט. איך וועל אַריינקומען אין געפענגעניש און דערנאָך וועל איך זאָגען די וועכטער, אַז מיין שוועסטער שטימט צו צו די רייד פון הערשער און אַז איך וויל זי ברייגגען אין פּאַלאַץ אַריין. דער וועכטער וועט דאָך מיר ניט שטערען און דאַן וועל איך נעהמען שרה׳ן און אַנשטאַט צו געהן אין פּאַלאַץ אַריין, וועל איך זי אַרויפזעצען אויף דיין פערד און ביידע צוזאַמען וועלען מיר אַוועקרייטען פון קאַרדאַוואַ. און איידער דער הערשער וועט זיך דערפון דערוויסען, וועלען מיר שוין זיין גאַנץ ווייט פון דאַנען.

— אָבער ווי אַזוי וועל איך וויסען, וואוהין איהר זייט אַנטלאָפען? — האָט אל ערב איהם געפרעגט.

— דאָס קענען מיר יעצט אָפּמאַכען. וואָס איז דיין מיינונג, וואו איז דער בעסטער פּלאַץ, וואו דו זאָלסט זיך מיט איהר קענען טרעפען און ניט מורא האָבען, אַז דער הערשער זאָל שרה׳ן קענען שלעכטעס טהאָן?

אל ערב האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטהאָן און נאַכהער זיך אָפּגערופען:

— יע, איך האָב אַ פּלאַץ! דו און דיין שוועסטער זאָלען אַנטלויפען נאָך מאַראָקאָ, אין דער שטאָט פעץ. דאָרט האָב איך אַ פעטער. איך וועל דיר אָנשרייבען זיין נאָמען און ווען איהר וועט אַהין אָנקומען זאָלסטו איהם אויפזוכען, דו וועסט איהם קענען אָנפאַרטרויען דעם סוד. דו וועסט איהם זאָגען, אַז שרה איז מיין כלה און ער וועט אייך ביידען זעהר פיין אויפנעה־מען. איהר וועט זיך אויפהאַלטען אין זיין הויז ביז וואַנען איך וועל אַהין קומען.

— דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן־ — האָט אלמאַעלי געזאָגט. — און ווען וועסטו אַהין אָנקומען?

— עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך וועל מוזען אָפּוואַרטען איינינע מאָנאַ־טען, ביז וואַנען דער צאָרן פון הערשער וועט איינגעשטילט ווערען. איך וועל דאַרפען אַזוי האַנדלען, כדי ער זאָל קיין פערדאַכט ניט האָבען אויף מיר, אַז איך האָב געהאַט עפּעס צו טהאָן דערמיט. איך וועל אפילו עס ניט זאָגען פאַר מיין פאָטער.

— ניט נאָר זאָלסטו פאַר דיין פאָטער גאָרניט זאָגען, נאָר דו דאַרפסט זיך אפילו פאַר מיין פאָטער ניט אַרויסרעדען, ווייל דו קענסט דאָך פאַר־שטעהן, אַז ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז דער הערשער האָט זיך אין שרה׳ן פאַרליעבט, איז ער אַליין זעהר נייגעריג, אַז זי זאָל ווערען זיין פרוי, און דעריבער וועט זיין אַ סך בעסער, אַז אויך ער וועט גאָרניט וויסען פון אונזער פּלאַן.

— איך וועל זיין זעהר פאָרזיכטיג, — האָט אל ערב געזאָגט, — אין

א קורצע צייט ארום, וועל איך זאָגען מיין פּאָטער, אז איך האָב א פּערלאַנג אפּצופאָהרען פון קאָרדאַוואָ און אַרומוואַנדערען אין מאַראַקאָ. ער ווייס, אז שוין פון לאַנג האָב איך אזא חשק און ער וועט גאָרניט פּאַרדעכטיגען. יעצט האָף איך, אז דיר וועט געלינגען דורכצופיהרען דיין פּלאַן ארויס־צוראַטעווען שרה'ן! יעדענפאַלס וויל איך דיר בעטען, אז אין פאַל דיר וועט זיך ניט איינגעבען און מען וועט דיך און שרה'ן כאַפּען, זאָלסטו מיך ניט ארויסגעבען. ווען מען וועט דיר פרעגען אויב איך האָב דיר געהאָלפען, זאָלסטו זאָגען, אז ניין, און וועטען דעם פערד וועסטו דאַרפען זאָגען, אז דו האָסט איהם פון מיר גע'גנב'עט... אויב מען וועט דיר כאַפּען, וועסטו דאָך אַליין־איינס ניט האָבען וואָס צו פאַרלירען, און דעריבער פאַרלאַנג איך פון דיר, אז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, זאָלסטו מיר אין דעם ניט אריינ־מישען

אַלמאַעלי האָט איהם פערשפּראָכען. נאַכהער איז ער אַוועק און צוגע־גרייט שפּייז און א לאָגעל וואַסער. ער האָט צוגעוואַרט ביז עס וועט טונקעל ווערען. דאַן איז ער אַוועק צו אל ערב'ן, וועלכער האָט שוין אויף איהם געוואַרט מיט'ן פערד.

— איידער איך גיעב דיר מיין פערד וויל איך, אז דו זאָלסט מיר שווערען אין נאָמען פון אללאה און זיין נביא מאַכמעד, אז אויב דו וועסט דורכפאַלען, זאָלסוט מיין נאָמען ני טדערמאָנען! איך וויל מיט גאָרניט ריזיקירען.

אַלמאַעלי האָט געטהאָן זיין פערלאַנג און ער האָט איהם צוגעשוואָרען. אל ערב האָט אָנגעשריבען דעם נאָמען פון זיין פעטער פון פעץ און ער האָט איהם איבערגעגעבען.

— ווען דיר וועט געלינגען צו ברייננען דיין שוועסטער אין פעץ, וועט זי מעהר ניט דאַרפען מורא האָבען. דאָרטען וועט אַל־מומען קיין שליטה ניט האָבען, ער וועט אפילו ניט וויסען וואו זי געפינט זיך. געה אין נאָמען פון אללאה און בעגליק דיין וועג.

אַלמאַעלי האָט איהם בעדאַנקט. ער האָט גענומען דעם פערד און איז אַוועקגעריטען צו דער ריכטונג פון דעם פּאַלאַץ פון דעם הערשער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א זייטיגען וועג און האָט ארויפגעטהאָן די שפּייז און דעם לאָגעל וואַסער אויף דעם פערד און איהם צוגעבונדען צו א בוים. ער האָט ארויפגעטהאָן א טאָרבע מיט גערשטען איבער דעם פערד'ס קאָפּ, ער זאָל זיין פאַרנומען אין עסען און זאָל ניט הירזשען, נאַכהער האָט ער זיך אַוועקגלאָזען צום געפענגעניס, וואָס איז געווען ניט וויט פון דער הינטערשטער טייל פון פּאַלאַץ.

ער האָט געזאָגט דעם וועכטער, אז דער הערשער האָט איהם געשיקט זיך דורכריידען מיט זיין שוועסטער און אויב זי וועט חרטה האָבען אויף איהרע זינד, זאָל ער זי ברייננען צו איהם אין פּאַלאַץ.

דער וועכטער האָט גאָרניט פּאַרדעכטיגט, ווייל אל מומען האָט איהם אָנגעזאָגט ער זאָל ערלויבען אַלמאַעלי'ן אריינקומען אין געפענגעניס צו

זיין שוועסטער צו יעדער צייט. ער האָט פאַר איהם אויפגעעפענט די טיהר פון געפענגעניס.

אלמאעלי איז אריינגעקומען אינוויינינג.

— שרה! — האָט ער אויסגערופען.

—אה, מיין טייערער ברודער! — איז זי צו איהם צוגעלאָפען — ווי שוידערליך דאָ איז צו זיין אליין אין דער פינסטער. א גרויל געהט דורך מיין לייב ווען איך דערהער א שאָרך!

— בערוהיג זיך מיין שוועסטער! — האָט ער זי געקושט — איך וועל דיך פון דאַנען באלד בעפרייען. איך האָב שוין אויסגעארבייט א פלאַן. איך האָב גענומען אל ערב'ס בעסטען פערד.

— ווייס דען אל ערב פון דיין פלאַן? — האָט שרה איהם געפרעגט.

— איך האָב זיך ניט געקענט העלפען, איך האָב בעדאַרפט איהם דערצעהלען, ווייל איך האָב געוואָלט זיך בענוצען מיט זיין פערד, אָבער דו דאַרפסט פון דעם קיין אנגסט ניט האָבען. איך האָף, אַז ער וועט דיך שוין מעהר ניט זעהן.

— אָבער ווי אזוי האָסטו געקענט פון איהם נעהמען זיין פערד, דאָס וועט דאָך מיינען, אַז דו האָסט איהם אָפּגענאַרט?

— איך האָב ביים פאָטער אין מאַנטעל אריינגעלעגט א בריעף, וואו איך בעט איהם, אַז ער זאָל אויסגעפינען די ווערדע פון אל ערב'ס פערד און איהם בעצאָהלען. מיט איהם האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז אויב אונז וועט געלינגען צו אנטלויפען פון קאַרדאָווא, וועלען מיר געהן אין פעץ, ווייל דאָרטען געפינט זיך זיינען א פעטער. אָבער אנשטאַט צו געהן אהין וועלען מיר, אויב מעגליץ, אנטלויפען נאָך מצרים, איך האָב געהערט, אַז דאָרטען לעבען די אידען זעהר פריי אונטער דער הערשאַפט פון די גוטע כאַליפען. און זאָל ער אונז זוכען אין פעץ.

— ניין, דו האָסט אָבער קיין רעכט ניט געהאַט, מיין ברודער, איהם אזוי אָפּצונאַרען — האָט זי געזאָגט.

— ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דיין לעבען איז דאַן ניט קיין פראַגע פון רעכט און אומרעכט! איך ווייס, אַז ער האָט דיך ליעב, אָבער ער ציטערט פאַר זיין הויט. ער האָט זיך מעהר ליעב און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אין פאַל, אַז מען וועט אונז כאַפּען זאָל איך איהם שווערען איהם ניט אריינצומישען אין דעם! פון דעם זעהסטו, אַז ער וואָלט זיין לעבען קיינמאָל פאַר דיר ניט איינגעשטעלט, און דעריבער האָט ער ניט פאַרדיענט אַז מיר זאָלען האָבען מיט איהם איינזעהעניש. ווען איך וואָלט צו איהם ניט געקומען וואָלט ביי איהם געווען רעכט, אַז דו זאָלסט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט.

— איך בין גרייט מיט דיר צו געהן! — האָט שרה אויסגערופין — אָבער איך האָב מורא פאַר דיר, איך האָב דאָך אַלץ איינס גאָרניט צו פאַרלירען, אָבער דו, טאָמער כאַפּט מען אונז, וועסטו פערלירען דיין לעבען.

— לאָמירביידע מתפלל זיין צו גאָט, אַז ער זאָל אונז באַשייצען. אָבער

אויב מיר זיינען ניט ווירדיג, אַז ער זאָל אונז באַשיצען, וועל איך בעסער שטאַרבען צוזאַמען מיט דיר! און יעצט וויל איך אַ ווײַלע צואוואַרטען, עס זאָל אויסקומען פּאַר׳ן וועכטער, אַז עס נעהמט מיר לאַנג דיר איבער־צורײַדען, דו זאָלסט תשובה טהאָן, און נאָכהער וועלען מיר ביידע אַרויס־קומען, און זיך צוזאַמען זעצען אויף דעם פערד, און איידער דער וועכטער וועט זיך אַרומזעהן וועלען מיר שוין זיין אויסער דער שטאָדט. איך האָב מיטגענומען אַ סומע געלט וואָס איך האָף, אַז עס וועט אונז קלעקען ביז וואַנען מיר וועלען דערגרייכען מצרים. און ווען מיר וועלען שוין זיין דאָרטען וועלען מיר ניט פאַרלאָרען געהן, ווײַל אין מצרים געפינען זיך פיעלע אידען.

— אַה, מיין האַרץ געהט מיר אויס פאַר׳ן פאָטער! — האָט שׂרה זיך אָפּגערופען, און די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט — ער וועט דאָך בלייבען אַליין, עלענד.

איך האָב מיט׳ן פאָטער זעהר פיעל גערעדט, אָבער איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדערען. ער האָט בײַ זיך בעשלאָסען צו געניסען פון דער וועלט און ער ווייס אַז בלויז ווען ער וועט פערבלייבען אַ געטרייער מאַכמעדאַנער וועט ער געניסען פון אַלעם. איך האָב אין דעם בריעף וואָס איך האָב צו איהם געשריבען, אין גאַנצען ריין־געוואַשען אונזער פאָטער. איך האָב אַלעם אויף זיך גענומען. און אויב עס וועט זיך געפינען אימיצער וואָס וועט איהם וועלען בעשולדיגען אין העלפען אונז אַנטלויפען, וועט ער קענען צייגען מיין בריעף און דאָס וועט פון איהם דעם שולד אַרונטערנעהמען.

— ווי אַזוי קען עס אונזער פאָטער זיין אַזוי בלינד און ניט זעהן דעם אמת? איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט אין גאַנצען פערלאָזען דעם יודענטום און ווערען אַ מאַכמעדאַנער. איך ווייס, אַז פיעלע אידען פאַר ווערמען עס איז געווען אוממעגליך אויסצוואַנדערען, האָבען אָנגענומען דעם גלויבען פון מאַכמעד, אָבער זיי האָבען עס געטהאָן לפנים וועגען, אין זייערע הערצער זיינען זיי געבליבען געטריי דעם אי־דישען גאָט.

— אין גאַנצען איז עס ניט זיין שולד, — האָט ער געזאָגט — זינט ער האָט געהערט פון איינעם, אַז דער וועלכער האָט זיך גע׳שמד׳ט אפילו געצוואונגענערהייט קען זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען צום אידישען פאָלק, גלויבט ער, אַז עס איז שוין פאַר איהם אַלץ איינס קיין האָפענונג ניטאָ, אַז ער האָט שוין יענע וועלט פערלאָרען, דעריבער זוכט ער אַמווייניגסטען צו געניסען פון דער וועלט... איך האָף נאָר, אַז עס וועט קומען אַ צייט און די רבנים, די פיהרער פון אידישען פאָלק, וועלען אַרויסקומען און דערקלעהרען, אַז די וועלכע זיינען געוועזען געצוואונגען איבערצוגעהן צו אַ צווייטען גלויבען, האָבען אַ רעכט זיך צוריקצוקעהרען צום יודענטהום, און זיי וועלען ניט פאַרלירען זייער חלק פון עולם הבא, דאַן וועלען פיעלע אידען זיך אומקעהרען צו זייער גלויבען.

אלמאעלי האָט אָנגענומען זיין שוועסטער פאַר איהר האַנט און זיך אָפּגערופען:

— יעצט קום שרה, — דו האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקען, גאָט וועט אונז העלפען.

זיי זיינען ביידע ארויס פון געפענגעניס, און אלמאעלי מיט א שמיי־כעל אויף זיין פּנים האָט זיך געווענדעט צום וועכטער:

— געבענשט זאָל זיין אללאה און זיין נביא מאכמעד! מיר איז גע־לונגען איבערצורייידען מיין שוועסטער, און יעצט וועל איך זי ברייינגען צו אונזער הערשער, ווייל אזוי האָט ער פון מיר פערלאַנגט, אזוי שנעל ווי זי וועט תשובה טהאָן זאָל איך זי ברייינגען צו איהם. קום, מיין ליעבע שוועסטער, אל־מומען, דער מעכטיגער הערשער, וועט דיר אלעס מוחל זיין — האָט ער געזאָגט אזוי, אז דער וועכטער זאָל הערען.

א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף דעם וועכטער'ס פּנים, ער האָט שוין געוואוסט פון דעם, אז אל מומען וויל זי מאַכען פאַר זיין פרוי און דאָס האָט ער איהר ברודער געשיקט ער זאָל אויף איהר ווירקען, זי זאָל תשובה טהאָן. יעצט, ווייזט אויס, האָט זי זיך אונטערגעגעבען. ער האָט זיי נאָכגעפּאָלגט מיט זיינע אויגען. ער האָט געזעהן ווי זיי פארנעהמען זיך צום פּאַלאַץ... באַלד אָבער האָט ער ביי דער שיין פון דער לבנה באַמערקט, אז אנשטאַט צוצוגעהן צום טויער פון פּאַלאַץ, פארנעהמט ער זיך מיט איהר אין אַן אנדער ריכטונג. דאָס איז איהם שוין אויסגעקומען עפּעס פּאַרדעכטיג. ער האָט מיט שטילע לאַנגזאַמע טריט גענומען זיי נאָכגעהן.

אלמאעלי איז מיט שרה'ן צוגעקומען צום פערד. ער האָט איהם שנעל אָפּגעבונדען. דאַן האָט ער זיך איינגעבויגען און שרה האָט זיך אויף איהם אוועקגעשטעלט און איז אַרויף אויפ'ן פערד. אלמאעלי האָט זיך א הויב זיך א הויב געטהאָן און זיך געזעצט פאַראויס האַלטענדיג דעם פערד פאַר'ן צוים.

— האַלט זיך אָן אין מיר זעהר שטאַרק! האָט ער זיין שוועסטער געזאָגט.

— אָה, איהר פאררעטער!! וואָס טהוט איהר?! — האָט זיך צו זיי דערטראָגען דעם וועכטער'ס שטימע. און באַלד האָבען זיי איהם באַמערקט ווי ער לויפט צו זיי מיט זיין בלויזען שווערד.

אלמאעלי האָט א קלאַפּ געטהאָן דעם פערד מיט זיין פוס. שרה האָט זיך איינגעקלאַמערט אין איהר ברודער מיט איהרע הענט. דער פערד האָט גענומען שנעל לויפען... און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט אָפּגע־הילכט די האַלב־הייזעריגע שטימע פון דעם וועכטער.

ווען דער וועכטער האָט געזעהן, אז זיי זיינען אנטלאָפען אויפ'ן פערד, איז ער א ווייילע געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. באַלד אָבער האָט ער זיך ארומגעזעהן, אז דער הערשער וועט איהם נאָך בעשולדיגען אין דעם אנטלויפען פון שרה'ן, האָט ער זיך שנעל אומגעקעהרט און איז געלאָפען צום טויער פון פּאַלאַץ שרייענדיג:

— זיי זיינען אַנטלאָפען - שנעלער זאָגט אָן אונזער הערשער, מען וועט זיי נאָך קענען דעריאָגען.

— וואָס האָט פּאַסירט?! — האָבען איהם די וועכטער פון פּאַלאַץ ארומגערינגעלט.

— די אַרעסטירטע לעסטערין פון מאַכמעד'ן איז אַנטלאָפען מיט איהר ברודער! לאָזט מיר גיכער צו צום הערשער!!

זיי האָבען איהם אַריינגעלאָזען אין פּאַלאַץ, און ער איז גלייך צוגעקומען צו אַל־מומען און איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד.

— מעכטיגער הערשער! זי איז אַנטלאָפען! שרה איז פון געפענגנים אַנטלאָפען!

— וואָס?! — איז אַל מומען אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ — שרה איז פון געפענגנים אַנטלאָפען — דו אומווירדיגער קנעכט, אַזוי האָסטו בעוואַכט דעם געפענגנים!

— עס איז ניט מיין שולד, אָה, גנעדיגער הערשער! איהר ברודער האָט מיך אָפּגענאַרט. דער הערשער האָט דאָך אָנגעזאָגט אַריינצולאָזען איהר ברודער אין געפענגנים צו יעדער צייט, און ווען ער איז מיט איהר ארויסגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיין שוועסטער מהוט תשובה און ער פיהרט זי צום הערשער. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט זי צופיהרען צום פּאַלאַץ, פונדעסטוועגען האָב איך זיי נאָכגעקוקט, און ווען איך האָב בעמערקט, אַז ער פיהרט זי אין אַן אַנדער ריכטונג, האָב איך אַרויסגעצויגען מיין שווערד און גענומען זיי נאָכלויפען. אָבער איידער איך האָב בעוויזען צוצוקומען צו זיי, זיינען שוין ביידע געזעסען אויף דעם פערד, וועלכער איז געשטאַנען צוגעגרייט פאַר זיי און ווי פייל אויסען בויגען — האָט ער גענומען טרייבען דעם פערד... איך האָב געזעהן, אַז איך אַליין וועל גאָרניט קענען טהאָן, האָב איך זיך גלייך אומגעקעהרט איבערצוגעבען מיין האַר וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— אָה, שנעלער! זאָל מען נעהמען אַלע פערד און זיך נאָכיאָגען נאָך זיי! — האָט דער הערשער געגעבען אַ באַפעהל.

זיין באַפעהל איז בליץ־שנעל באַקאַנט געוואָרען איבער'ן פּאַלאַץ און אין אַ ווייל̇ע אַרום זיינען שוין דרייסיג רייטער געזעסען אויף זייערע פערד, מיט בלויזע שווערדען און שפּיזען. דער וועכטער האָט געריטען פאָראויס, זיי צו צייגען דעם וועג, וואוהין אַלמאַעלי און זיין שוועסטער האָבען זיך פאַרנומען.

דער הימעל איז געווען באַשטערנט. אַ האַלבע לבנה האָט געשוועבט איבער איהם. די רייטער האָבען זיך צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען. זיי האָבען געטריבען זייערע פערד זעהר שנעל און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ריכטונגען. ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי אַזוי אַרומגעריטען. איינִיגע האָבען אַפילו דורכגעשניטען דעם וואַלד און אין דער פירכטליכער שטילקייט פון דער נאַכט האָבען זיי מיט אָפענע אויערען זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך.

— וואָס וועל איך יעצט טהאָן? — האָט דער וועכטער פון געפענגענים גענומען יאָמערען. — דער הערשער וועט מיר מיט טויט באַשטראָפען פאַר דעם, און איך שווער ביי אַללאה, אַז עס איז ניט מיין שולד!

— אונזער הערשער האָט ליעב צו טהאָן גערעכטיגקייט, און אויב דו וועסט איהם קענען איבערצייגען, אַז דו ביזט אין דעם ניט שולדיג, וועט ער דיר מוחל זיין! — האָט איהם אַ רייטער געטרייסט.

---

אַל מומען איז געוועזן אַזוי צעָרענדיג און אויפגערעגט פון דער געשעהעניש, אַז ער איז אַפילו ניט געגאַנגען שלאָפען. ער האָט אַרומגעשפּרייזט איבער זיין צימער הין און צוריק מיט גרויס אומגעדולד און געוואַרט אויף דעם צוריקקעהר פון די רייטער. ערשט יעצט האָט ער געפיהלט ווי שטאַרק עס איז זיין פאַרלאַנג צו באַשיצען די וואונדערשעהנע און פאַר.עקש'ענטע שרה. זי מוז געהערען צו איהם, זיין בלוט האָט אין איהם געקאָכט און געזאָטען. איהר באַצויבערענדע געשטאַלט האָט געשוועבט פאַרביי זיינע אויגען. איהר אַנגענעהמע זיסע שטימע האָט געקלונגען אין זיינע אויערען. ער האָט געפיהלט ווי אַ גרויסער אומשעצבאַרער אוצר האָט זיך פון זיינע הענט אַרויסגעגליטשט... איהר ברודער האָט איהם אָפּגענאַרט און בעטראָגען ער וועט איהם ניט שענקען. ער וועט איהם לאָזען הענגען און זי, זיין שוועסטער, וועט שוין פערבלייבען אין זיין האַרעם. ער וועט האַלטען אַן אויג אויף איהר. דאָרטען וועט מען זי שוין צווינגען צו אַנערקענען מאַכמעד'ן.

ער איז יעדע ווייל'ע צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסען צו זעהן אויב זיינע רייטער קעהרען זיך אום. ער האָט געביסען זיינע ליפּען פון אויפרעגונג. פאַרוואָס קומען זיי ניט?! דאַרף עס אַזוי לאַנג נעהמען זיי צו כאַפּען? דרייסיג רייטער האָט ער אַרויסגעשיקט. זיי וועלען זיי געוויס כאַפּען. געוויס מוזען זיי אַרומרינגלען די אַנטלאָפענע!

דער מאָרגענשטערען האָט זיך באַוויזען. אַ שטראַהל ליכט האָט גענומען אַרויסשפּאַרען פון מזרח. די רייטער זיינען נאָך אַלץ ניטאָ! ער האָט שוין מעהר ניט געקענט איינשטעהן אין זיין צימער. ער האָט אַרויפגעצויגען זיין אויבער־בגד און איז אַרויס אין דרויסען.

די בעאַמטע און וועכטער זיינען שוין אַרום איהם געשטאַנען גרייט אויסצופאָלגען אַלע זיינע בעפעהלען.

— פאַרוואָס האָבען די רייטער זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט? — האָט ער נערוועאיש אויסגערופען. — עס האָט דאָך בלויז געדויערט איינינע מינוטען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַנטלאָפען. זיי האָבען זיי געמוזט אַניאָגען!

— מעכטיגער הערשער! — האָט איין בעאַמטער זיך פאַרנייגט פאַר איהם. — מעגליך, אַז אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט איז זיי געלונגען זיך ערגעץ צו באַהאַלטען און די רייטער וואַרטען געוויס ביז וואַנען עס וועט אָנהויבען צו טאָגען, כדי זיי צו כאַפּען.

— ווי אַזוי קענען זיי זיך אויסבעהאַלטען, ווען זיי האָבען מיט זיך געהאַט אַ פערד? סיידען זיי האָבען איבערגעלאָזט דאָס פערד און אַליין

זיך בעהאַלטען זיי וועלען מוזען אויפגעזוכט ווערען! איך וועל אַרויסשיקען אַן אַרמעע זיי צו זוכען" — האָט ער געשטורעמט.

עס איז שוין געוואָרען גוט ליכטיג. פיעלע פון די בעאַמטע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויף פון פּאַלאַץ צו זעהן אויב די רייטער קומען שוין אָן. אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי צוריקגעקומען אין הויף אַריין און האָבען אויסגערופען:

— זיי קומען אָן! די רייטער קעהרען זיך צוריק!

— מיט די געפאַנגענע? — האָט אַל מומען געפרעגט.

— דאָס ווייסען מיר נאָך ניט. פון וויטען האָבען מיר בעמערקט, אַז זיי קומען אָן פון טהאָל און מיר זיינען גלייך געקומען דיר אָנזאָגען.

אַל מומען איז שנעל אַרויס פון הויף און איז די רייטער אַנטקעגענגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען צוגעריטען גאַנץ נאָהענט און האָבען איהם דערזעהן, זיינען זיי אַרונטער פון די פערד און מיט טרויעריגע פּנים'ער זיך פאַרנייגט.

— וואו זיינען די געפאַנגענע? — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און זיין פּנים איז רויט געוואָרען פון כעס.

— גרויסער הערשער! מיר האָבען זיי אַרומגעזוכט אומעטום. אויף די בערג און אין די טהאָלען. אפילו אין וואַלד האָבען מיר זיי געזוכט און מיר האָבען קיין שפּור פון זיי ניט געפונען! — האָט איינער פון די רייטער זיך אָפּגערופען.

— זיי מוזען געכאַפּט ווערען! — האָט אַל מומען זיך צעשריען. — זיי האָבען אַזוי שנעל ניט געקענט פאַרלאָזען קאָרדאָווא. געוויס באַהאַלטען זיי זיך ערגעץ!

אַל מומען האָט גלייך צו זיך פאַררופען איינעם פון זיינע גענעראַלען און האָט איהם בעפוילען צו נעהמען זיין אַרמעע און זיך אַרויסלאָזען זוכען די אַנטלאָפענע.

— אויב איהר וועט זיי ניט געפינען אין שטאָדט, זאָלט איהר זיך אַרויסלאָזען אויף אַלע וועגען הינטער דער שטאָדט! — האָט ער איהם אָנגעזאָגט.

ביז נאָך האַלבען טאָג האָבער די סאָלדאַטען זיי געזוכט אין און אַרום דער שטאָדט, ביז וואַנען זיי זיינען מיעד געוואָרען זוכענדיג און דער גענעראַל האָט זיך אומגעקעהרט און באַריכטעט צו אַל מומען, אַז אומזיסט איז געוועזן זייער מיה. זיי זיינען ווי אין וואַסער אַריין.

— עס איז גאַנץ מעגליך, אַז זיי בעהאַלטען זיך אויס אין שטאָדט! — האָט דער גענעראַל אויסגערופען. — געוויס האָבען זיי זייערע פריינד און נאָהענטע אין דעם אַרויסגעהאָלפען. יעצט מוזען זיי זיך בעהאַלטען ערגעץ אין אַ הויז אין שטאָדט. מיט דער האָפענונג, אַז ווען עס וועלען פאַראיבערגעהן עטליכע טעג און דער געיעג נאָך זיי וועט אויפהערען, וועלען זיי דאָן אַנטלויפען פון קאָרדאָווא.

— זאָל מען גלייך אַוועקגעהן צו אהרנ'ען און זוכען אין זיין הויז! —

האָט אַל מומען בעפוילען. — און ווען איהר וועט זיי דאָרטען ניט געפינען, זאָל איהר אַלצאיינס איהם אַרעסטירען, ווייל געוויס האָט ער זיי געהאָלפען פּלאַנעווען צו אַנטלויפען און ער וועט דערפאַר בעשטראָפט ווערען. מעגליך, אַז ער ווייסט וואוהין זיי זיינען אַנטלאָפען. ער וועט אַליין מוזען אייך פיהרען צו יענעם פּלאַץ.

---

אהרן איז געוואָרען זעהר אומרוהיג יענע נאַכט. זיין זוהן האָט איהם דערצעהלט, אַז ער וועט זיך דורכרעדען מיט שרה'ן און זי באַאיינפלוסען ביז וואַנען זי וועט זיך אונטערגעבען און ערקלעהרען דעם הערשער, אַז זי האָט חרטה. און דאָ האָט ער זיך נאָך ניט אומגעקעהרט. איז עס מעגליך, אַז זי האָט גלייך צוגעשטימט און ביידע האָבען גענעכטיגט אין דעם פּאַלאַץ פון הערשער? ער איז געווען זיכער, אַז באַלד, באַלד וועט זיך זיין זוהן צוריקקעהרען און איהם אָנזאָגען די גוטע בשורה, אַז דער הערשער האָט בעשטימט דעם טאָג פון זיין חתונה מיט זיין טאָכטער. ווען אָבער דער פריהמאָרגען איז פאַראיבער און אלמאעלי איז נאָך אַלץ ניט געקומען, האָט ער בעשלאָסען אַוועקצוגעהן צו אַל ערב'ן און איהם פרעגען, פיעלייכט ווייסט ער פאַרוואָס זיין זוהן איז ניט געקומען נעכטיגען. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען זיך ניט וויסענדיג מאַכען פון דעם, וואָס דער הערשער האָט זיך פערליעבט אין שרה'ן. ער האָט אָנגעזאָגט דער דינסט, אַז אויב אלמאעלי וועט זיך צוריקקעהרען, זאָל זי איהם זאָגען, אַז ער איז אַוועק צו אַל ערב'ן.

קורץ נאָכדעם ווי אהרן האָט זיין הויז פערלאָזען, זיינען, אַהין אַריינגעקומען זעקס בעאַמטע און זיך געווענדעט צו דער צעשראָקענער דינסט:

— וואו איז אלמאעלי?

די דינסט איז געוואָרען נאָך מעהר דערשראָקען און צעטומעלט. זי האָט זיי אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— וואו בעהאַלט זיך אלמאעלי און זיין שוועסטער? — האָבען זיי זי גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער.

— איך וויים ניט! — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמעלט.

— מען קען זעהן פון איהר פנים, אַז זי ווייסט יאָ, וואו זיי געפינען זיך! — האָט אַ בעאַמטער אויסגערופען. — לאָמיר אַ זוך טהאָן אין הויז.

איינער האָט געהיט די דינסט זי זאָל ניט אַנטלויפען פון הויז און די איבעריגע האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן איבער'ן הויז זוכען.

זיי האָבען געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון יעדען צימער. זיי זיינען אַרויף אויפ'ן בוידעם און אַרונטער אין קעלער, און ווען זיי האָבען דאָרט קיינעם ניט געפונען, האָבען זיי ווייטער גענומען די דינסט אויף אַ קרייץ־פאַרהער, זי זאָל זיי אויסזאָגען, וואו זיי געפינען זיך.

די אַראַבישע דינסט האָט געשוואוירען ביי אַללאה'ן און מאַכמעד'ן, אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען.

— דאַן וואו איז דיין האַר? — האָט זיך איינער צו איהר אָפּגערופען.

— מיין האַר איז אַוועק זוכען זיין זוהן אין דעם הויז פון אבן מישע.

— אה, יעצט פערשטעה איך שוין! — האָט איינער פון די בעאמטע אויסגערופען — שרה איז דאָך געווען פאַררעכענט פאַר דיר כלה פון אל־ערב און עס איז דאָך געווען איז זיין פאָטער'ס הויז, וואו זי האָט געלעס־מערט אונזער נביא. געוויס זיינען זיי אַנטלאָפען אהין און אל ערב בעהאַלט זיי אויס. לאָמיר גלייך אהין געהן.

ווען אהרן איז אַריינגעקומען צו אבן מישע אין הויז, האָט ער אפילו ניט געענטפערט אויף זיין בעגריסונג. אבן מישע האָט אהרנ'ען ניט געקענט מוחל זיי פאַר דער שאַנדע און באַליידיגונג, וואָס זיין טאָכטער האָט איהם פעראורזאַכט אין דער צייט פון דעם מאָלצייט. אל ערב איז אָבער צו איהם צוגעקומען און איהם פריינטליך באַגריסט.

— מיין זוהן האָט לעצטע נאַכט ניט גענעכטיגט אין מיין הויז און איך בין געוואָרען זעהר אומרוהיג, ווייל דאָס טרעפט דאָס ערשטע מאָל. איך ווייס ניט, וואו ער געפינט זיך. בין איך געקומען צו דיר, פיעלייכט ווייסטו וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

— איך ווייס אויך ניט! — האָט אל ערב געזאָגט. — ער איז אפילו געווען דאָ לעצטען אָוונט און ער האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל איהם העלפען דאַטעווען זיין שוועסטער, אָבער איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך בין שוין געווען ביים הערשער און זיך אויך מיט איהר דורכגערעדט און אַזוי ווי זי איז אַלץ געבליעבען פאַר'עקשנ'ט, וויל איך פון איהר מעהר ניט וויסען! איך האָב מיט אהם קיין סך ניט גערעדט. איך בין גלייך אַריין אין הויז, אָבער ווען איך בין אַריין אין שטאַהל, היינט אין דער פריה, האָב איך בעמערקט, אַז מיין בעסט פערד פעהלט־

— וואָה? — האָט אבן מישע אויסגירופען. — אונזער בעסט פערד פעהלט און דו האַסט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג מיר עס צו דערצעהלען?

— איך האָב ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך זאָרגען אומזיסט! — האָט אל ערב זיך פערענטפערט. — איך האָב גלייך פאַרדעכטיגט, אַז אַלמאַעלי האָט אונזער פערד גענומען. אָבער אַזוי ווי איך ווייס, אַז ער איז ניט קיין גנב, וועט ער איהם געוויס באַלד אָפּברייגגען.

—דאָס איז א חוצפּה! — האָט זיך אבן מישע געקאָכט. — איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט מעהר ניט האָבען צו טהאָן מיט איהם. און מיט זיין שוועסטער. מיר האָבען שוין גענוג געהאַט אויסצושטעהן פון זיי!

— איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוקלעהרען! — האָט אהרן געצויי־גען מיט זיינע אַקסלען. — סיידען דער הערשער האָט אויך מיין זוהן אין געפענגענים פאַרשפּאַרט?!

— דאָרט בעלאַנגען דיינע קינדער! — האָט אבן מישע מיט צאָרג געזאָגט — זי האָט געלעסטערט אונזער נביא, און ער איז א גנב!

— אָה, פּאָטער, איך בין זיכער אַז ער וועט דעם פערד צוריקברייגגען.

— אפילו ווען ער זאָל איהם צוריקברייגגען וועט ער אין ביינע אויגען פעררעכענט ווערען פאַר אַ גנב! און איך זאָג דיר אָן נאָכאַמאָל, מיין זוהן,

אַז איך וויל ניט דאָס ער זאָל מיין שוועל אַריבערטרעטען און דו שלאָג שרה'ן אין גאַנצען אַרוים פון דיינע געדאַנקען!

— דו וועסט נאָך אַמאָל הרטה האָבען אויף דיינע רייד! — האָט אהרן שוין אויסגערופען מיט אויפרעגונג. מעגליך אַז מיין טאָכטער האָט פערלאָרען איהר חן אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון דיין זוהן, אָבער דערפאַר האָט זי געפונען חן אין די אויגען פון הערשער! יאָ, איך האָב אפילו גערעכענט עס צו האַלטען בסוד, אָבער איך זעה דיין פאָטער בעליידיגט אַזוי שטאַרק מיין טאָכטער און זוהן וויל איך איהם וואָרענען אַז ער זאָל וויסען זיין דאָס ער רעדט שלעכטעס אויף די צוקונפטיגע הערשערין פון די אַלמוהאדען!

— הי ביזט פון זינען געווירהט!—האָט אבן מישע זיך צו איהם אָפגערופען.

— איך בין ביי מיין קלאָהרען פערשטאַנד. יעצט מעגט איהר ביידע וויסען אַז דער הערשער אַל מומען האָט זיך פערליבט אין מיין טאָכטער אין דעם ערשטען אויגענבליק, ווען זי איז פאַר איהם געבראַכט געוואָרען. ער האָט בלויז פון איהר פערלאַנגט זי זאָל חרטה האָבען אויף איהרע רייד און זי זאָל תשובה טהאָן. און דעריבער האָט ער דיך, אַל־ערב צו איהר געשיקט דו זאָלסט אויף איהר ווירקען, און ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז דיינע רייד בעאיינפלוסען זי ניט מעהר, האָט דער הערשער דיר געהייסען אַריינשיקען מיין זוהן. ער האָט געוואוסט אַז די רייד פון אַ ברודער וועלען ווירקען אויף איהר אַ סך מעהר ווי די רייד פון אַ פרעמדען. יאָ, מיין זוהן האָט מיט איהר גערעדט דעמזעלבען טאָג, אָבער זי איז נאָך געווען זעהר אויפגערעגט און נערוועאיש און זי האָט ניט געקענט געבען קיין בעשטימטען ענטפער און דערפאַר איז מיין זוהן אוועק לעצטען אָבענד צו איהר נאָך אַמאָל. איך בין זיכער אַז זיינע רייד האָבען געווירקט און מיין טאָכטער האָט שוין לעצטע נאַכט איבערגענעכטיגט אין פאַלאַץ. יאָ, מיין זוהן האָט דאָרטען אויך געמוזט נעכטיגען. ביי מיר איז שוין מעהר קיין צווייפעל ניט אין דעם... איך בין שוין מעהר ניט בעזאָרגט וועגען איהם, און דו אבן מישע, איך האָב דיר פון שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ פריינד, אָבער יעצט זעה איך אַז דו ביזט געווען פאַלש צו מיר! און דערפאַר וועסטו טאַקע שטאַרק חרטה האָבען אויף אַלע דיינע רייד וואָס דו האָסט נאָר וואָס גערעדט געגען מיין טאָכטער און זוהן. דו וואַגסט איהם צו רופען אַ גנב!

— ער האָט גענומען מיין פערד אָהן אונזער וויסען! — האָט אבן מישע אויסגערופען מיט עטוואָס אַ ווייכערע שטימע. די רייד פון אהרן האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. עס איז גאַנץ מעגליך אַז ער זאָגט דעם אמת, זיין טאָכטער שרה איז דאָך ווירקליך אַ זעלטענע שעהנהייט און דער הערשער האָט זיך אין איהר פיליכט פערליעבט, און וועט זי נאָך מאַכען פאַר דער הערשערין, דאַן וועט ער דערהויבען אהרנ'ען און זיין זוהן אַלמאַעלי'ן און זיי ווילען זיך נאָך מיט איהם אָפרעכענען.

— אויב איך בין געווען צו איילינג מיט מיינע רייד, האָף איך אַז דו

וועסט מיר אין נאָמען פון מאַכמעד, מוחל זיין — האָט זיך אבן מישע אָפּגערופן. דו וועסט מיר פערשטעהן. דו אַליין ביזט דאָך אַ פּאָטער, און דיין האַרץ וואָלט דיר אויך שטאַרק וועה געטהאָן אויב דיין זוהן וואָלט אויף אַזאַ אופן בעליידיגט געוואָרען, און דערצו נאָך וואָלסטו אויסגעפונען אַז דיין בעסטער פערד איז ניטאָ אין שטאַהל!

— איך בין דיר מוחל מיט מיין גאַנצען האַרצען — האָט אהרן אָנגענומען אבן מישע'ס האַנד — דו מעגסט רוהיג זיין אַז איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טהאָן, ווען מיין טאָכטער זאָל ווערען די הערשערין וועל איך מיט אַלע מיינע אַמאָליגע גוטע פריינד טהאָן בלויז גוטעס, דו דאַרפסט ניט פערגעסען, אַז דיין זוהן איז געווען פעררעכענט פאַר מיין פריינד זינט ער איז נאָך גאָר אַ איינגעל געווען. דו געדענקסט, אל ערב, ווען דו פלעגסט קומען צו מיר אין געשעפט און דאָרטען אָפּשטעהן אַ גאַנצען טאָג מיט דער האָפענונג טאָמער וועט אָנקומען מיין טעכטעריל שרה און דו וועסט קענען וואַרפען אַ בליק אויף איהר? און וויפיעל מאָל פלעג איך דיר טרעפען אין דרויסען שטעהענדיג הינטער אַ בוים ניט ווייט פון מיין הויז און וואַרטען ביז וואַנען שרה וועט אַרויסקומען. ניט איינמאָל האָב איך בעמערקט, איך האָב געזעהן ווי דו בעגלייטעסט זי מיט דיינע בליקען... יאָ, איך בין זיכער אַז דו וועסט אַמאָל ווערען מיין איידעם. גלויב מיר, אבן מישע, אַז אפילו דאַן, איידער דער הערשער אל מומען איז געקומען אין קאָרדאָווא, און מיר זיינען געווען גלויביגע אידען, האָב איך שוין געטראַכט פון דיין זוהן אַלס חתן פאַר מיין טאָכטער, אָבער וואָס קענען מיר טהאָן יעצט, עס איז געווים אַזוי בעשערט, אַזוי איז דער ווילען פון אונזער הייליגען נביא מאַכמעד אַז מיין שרה זאָל ווערען די הערשערין פון די אַלמוהאַדען.

— אָבער פאַרוואָס זאָל ער דאַרפען נעמען מיין בעסטען פערד! — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופין.

— דאָס קען איך אויך ניט פערשטעהן! — האָט אהרן געצויגען זיינע שולטערען. מעגליך אַז איהר ביידע מאַכט אַ טעות, ער האָט דעם פערד ניט גענומען, זאָג מיר אל ערב ווי אַזוי ביזטו זיכער אַז מיין זוהן האָט לעצטע נאַכט גענומען דיין פערד?

— הע... איך בין זיכער, ווייל ער איז אָנגעקומען גראַדע דאַן, ווען איך האָב דעם פערד אין שטאַהל געפיהרט, ער האָט פאַר מיר זעהר שטאַרק געלויט דעם פערד און נאָך געזאָגט אַז ווען דער פערד וואָלט געווען זיינער וואָלט ער זיך אויף איהר דורכגעריטען... און יעצט אַז איך בין אַרויס אין דער פריה און געפונען דעם שטאַל אָפען און דער פערד איז ניטאָ, האָב איך גלייך פעשטאַנען אַז אַלמאַעלי האָט איהם געבאָרגט אָהן מיין וויסען... איך בעשולדיג איהם ניט אַז ער האָט איהם גע'גנב'עט, איך וואונדער זיך נאָר פאַר וואָס ער האָט איהם נאָך אַלץ ניט צוריקגעבראַכט.

עס איז גאַנץ מעגליך אַז דיין זוהן איז לעצטען אָבענד געווען צו מיעד צו געהן צופוס צו דעם פּאַלאַץ, האָט ער געבאָרגט דעם פערד, מיט דעם

געדאַנק אַז ער וועט זיך באַלד אומקעהרען און צוריקברייננגען אונזער פערד, נאָר אַזוי ווי ער איז פערהאַלטען געוואָרען ביים הערשער אין פּאַלאַץ, האָט ער עס ניט געטהאָן.

— יאָ, דאָס איז גאַנץ מעגליך! — האָט אהרן צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. אָבער איך קען פּאָרט ניט פערשטעהן ווי אַזוי מיין זוהן זאָל אפילו באָרגען יענעמס אַ זאַך אָהן דעם וויסען פון אייגענטהימער. אָט וועל איך גלייך אַריבערגעהן אין פּאַלאַץ און אויסגעפינען אַלעס וואָס דאָרט האָט פּאַסירט.

אהרן האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן פון הויז, אָבער פּלוצלונג האָט זיך די טהיר אַן עפען געטהאָן און זעקס בעאַמטע זיינען אַריין אין הויז.

— וואו זיינען אלמאעלי און שרה? — האָט איינער פון די בעאַמטע אויסגערופען.

— אַ שטילקייט האָט געהערשט אין הויז. אהרן, אבן מישע און זיין זוהן האָבען געקוקט אויף די בעאַמטע מיט גרויס ערשטוינונג.

— איהר בעהאַלט זיי דאָ אין הויז! — האָט אַ צווייטער בעאַמטער אויסגעשריען — שנעלער גיט זיי אַרויס, אַז ניט וועט איהר אַלע בעקומען אייער שטראָף.

— מיין האַר! האָט זיך אַל ערב געווענדעט צו די בעאַמטע — מיר פערשטעהען אַפילו ניט וואָס דאָ קומט פאָר, ווי קומט איהר צו פאָדערען פון אונז אַז מיר זאָלען אַרויסגעבען שרה'ן אין דיר צייט ווען זי געפינט זיך אין געפענגענים.

— דו מאַכטס זיך ניט וויסענדיג! — האָט דער ערשטער בעאַמטער זיך אַ קרים געטהאָן, מיר אַלע ווייסען אַז שרה איז געווען פערדעכענט פאַר דיין כלה און ווען איהר ברודער האָט אָפּגענאַרט דעם וועכטער און איז מיט איהר פון געפענגענים אַנטלאָפען, זיינען זייביידע געקומען דאָ אין הויז צו זוכען שוץ. אַ בעווייז האָבען מיר אַז מיר האָבען דאָ אויך איהר פּאָזער נעטראָפען, געוויס געפינען זיי זיך אין דעם הויז און וואָס שנעלער איהר וועט זיי הייסען אַרויסקומען פון זייער בעהעלטעניש אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אייך אַלעמען! ווארום אויב מיר וועלען זיך נעהמען זוכען זיי און דאָן זיי געפינען, וועט איהר אַלע אַרעסטירט ווערען. איך וועל אייך בריינגען פאַר דעם הערשער און איהר וועט בעשטראָפט ווערען פאַר אויס־בעהאַלטען אַנטלאָפענע פון דעם געפענגענים.

— ווי אַזוי וואַגסטו אונז צו באַשולדיגען אין אַזאַ זאַך! — האָט אבן מישע מיט צאָרן געזאָגט — וואָס מיינסטו? איך וועל אין ביין הויז בע־שיצען אַ גנב און אַ לעסטערין פון מאַכמעד'ן?

אהרן איז געשטאַנען אין מיטען צימער, זיין פנים איז טויט בלאַס געוועזן, ער האָט בעגריפען, וואָס דאָ קומט פאָר. איז עס מעגליך אַז ער איז ענטלאָפען מיט שרה'ן פון געפענגענים, ניין, עס איז אוממעגליך! פאַר־וואָס זאָל ער טהאָן אַזאַ זאַך, דער הערשער האָט דאָך געוואָלט זי נעהמען פאַר זיין פרוי... דאָ איז געוויס פאָרגעקומען אַ טעות!

די בעאַמטע האָבען דערווייל נאָך ניט פערלאָרען קיין צייט, זיי האָבען זיך גענומען צום זוכען, אין אַלע צימערען פון הויז הבען זיי געזוכט, אונטער די בעטען און אין די אַלמערס.

—יעצט פערשטעה איך שוין פאַרוואָס אלמאעלי האָט גע'גנב'עט מיין בעסטען פערד! — האָט אבן מישע אויסגערופען, און זיין צאָרן איז נאָך גרעסער געוואָרען — ער האָט איהם גע'גנב'עט כדי ער זאָל קענען אנט־לויפען מיט זיין שוועסטער פון געפענגענים! אָה, אַזאַ טהייערען פערד! איך האָב דאָך אָביר דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט איהם איבער אונזער שוועל ניט אַריבערלאָזען.

— ווער האָט עס געקענט טראַכטען פון דעם אַז ער וועט גנב'ענען אונזער פערד? — האָט אַל ערב געזאָגט.

— אָה, מיין זוהן, מיין טאָכטער! — האָט אהרן אָנגעהויבען צו יאָמערען, וואו זייט איהר? וואָס האָט אַזוינס מיט אייך פּאַסירט? אה, פאַרוואָס זייט איהר ענטלאָפען! דער הערשער האָט דאָך זי געוואָלט נעמען פאַר זיין פרוי!...

איינער פון די בעאַמטע וועלכער איז פערבליבען אין הויז, אין דער צייט ווען די איבעריגע זיינען ארויס זיי זוכען אין די שטאַהלען און אין אַנדערע פּלעצער פון הויף, האָט דערהערט ווי אהרן יאָמערט, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— אויב עס זאָל זיך אַרויסצייגען אַז דיין זוהן האָט עס געטהאָן אָהן דיין וויסען, וועסטו ווירקליך האָבען אויף וואָס צו קלאָגען און יאָמערען. איך האָב אַליין געהערט פון דעם הערשער'ס מויל, אַז ער האָט געהאַט בדעה צו מאַכען דיין טאָכטער פאַר זיין פרוי, און דאַן וואָלסטו און דיין זוהן אויך גענאָסען פון דעם גליק, דיין טאָכטער איז דעם הערשער זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען, ווייל ער האָט נאָך אַזאַ שעהנע מיידעל ניט געזעהן. יעצט אָבער איז דער הערשער אַזוי אויפגעבראַכט און צאָרענדיג, אַז איך פערזיכער דיר אַז אויב מען וועט זיי בניידען כאַפּען וועלען זיי גלייך געהאָנגען ווערען!

— נו, עס איז אַזוי בעשערט אַז דיין טאָכטער זאָל ווערען די הער־שערין פון די אַלמעהאדען! — האָט אבן מישע נאָכגעקרימט אהרנ'ען. ער איז מיר נאָך מוחל! ער האָט אַזעלכע זינדיגע קינדער, אַ טאָכטער וואָס איז אומגלויביג, אַ זוהן, וועלכער איז אַ פערד גנב און דערצו בעטריגען זיי און נאַרען אָפּ די וועכטער פון געפענגנים און אַנטלויפען, און ער קומט נאָך צו מיר און זאָגט מיר אַז ער וועט מיר מוחל זיין! אַרויס פון מיין הויז, איך וויל דיין פּנים מעהר ניט אָנקוקען! — האָט ער זין געווענדט צו אהרן'ען. איך וועל בלויז וועלען זעהן ווי דיין זוהן און טאָכטער הענגען!

מיט וואַקלענדע טריט, האָט אהרן גענומען פערלאָזען דאָס הויז, אָבער די בעאַמטע, וועלכע האָבען זיך נאָר וואָס אומגעקעהרט, האָבען זיך אָפּגערופען:

— אמת, מיר האָבען זיי ניט געפונען, אָבער מיר דוכט זיך אַז איהר

ווייסט עפעס וועגען זיי, און דעריבער וועט איהר אלע מוזען מיט אונז געהן צום הערשער, פאר אן אויספארשונג.

אבן מישע, זיין זוהן און אהרן זיינען געגאנגען מיט די בעאמטע צו דעם פאלאץ פון אל מומען. מען האט זיי אריינגעפיהרט צום הערשער און ער האט זיי גענומען אויף א קרייץ־פארהער:

— ווייסטו וואו דיין זוהן און טאכטער געפינען זיך יעצט? — האט אל מומען געפרעגט אהרן'ען.

— ניין, אלמעכטיגער הערשער! — האט ער טרויעריג געשאקעלט מיט זיין קאפ — ביז היינט בין איך געווען דער גליקליכסטער פאטער, וויל מיין זוהן האט מיר דערצעהלט, אז מיין טאכטער האט געפונען חן אין די אויגען פון הערשער. יעצט אבער בין איך דער אומגליקליכסטער פאטער. איך האב פערלארען מיינע ביידע קינדער אין איין טאג!

— האסטו דען ניט געוואוסט אז זיין פלאנעווען צו אנטלויפען?

— מיין זוהן האט מיר לעצטען אווענד געזאגט, אז ער געהט זיך זעהן מיט שרה'ן און איהר בעאיינפלוסען זי זאל תשובה טהאן.

— איך גלויב דיר ניט! — האט אל מומען אויסגערופען — דו אליין האסט איהם דיין פערד געגעבען זיי זאלען קינען אנטלויפען!

— אה, גנעדיגער הערשער, איך האב קיינמאל קיין פערד ניט געהאט.

— מעכטיגער הערשער! — האט אבן מישע אויסגערופען — דער פערד איז געווען מיינער!

— אהא, איך פארשטעה, דו האסט געוואלט ארויסראטעווען דיין זוהן'ס כלה, האסטו איהם דיין פערד דערצו געגעבען.

— ניין, ער האט מיין פערד גע'גנב'עט! — האט אבן מישע געזאגט, און אין זיין שטימע איז געווען פארביטערונג — אויסער דעם וואס אלמאעלי איז א בעטריגער און פאררעטער פון דעם הערשער איז ער א גנב! ער האט איהם לעצטע נאכט פון מיין שטאהל ארויסגע'גנב'עט!

— מיין זוהן איז ניט קיין גנב! — האט אהרן אויסגערופען.

— האסטו איהם געגעבען דעם פערד? — האט אל מומען זיך גע־וועדנעט צו אל ערב'ן.

— ניין, ווירדיגער הערשער! — האט אל ערב געזאגט — ער איז געווען אין אווענד ארום מיין הויז און ווען ער האט דערזעהן ווי איך פיהר דעם פערד אין שטאהל, האט ער מיר געגעבען אנצוהערעניש אז ער וואלט זעהר געוואלט זיך דורכרייטען אויף איהם. איך האב איהם אבער ענטזאגט, איז ער געוויס געקומען שפעטער און איהם אליין פון שטאהל ארויסגענומען. היינט אין דער פריה האב איך זיך געכאפט אז דער פערד איז אין שטאהל ניטא!

— איך גלויב אייך קיינעם ניט! — האט דער הערשער אויסגערופען. איך פערדעכטיג אז איהר האט אלע איהם ארויסגעהאלפען און איהר ווייסט אפילו וואו זיי געפינען זיך יעצט!

— איך שווער ביי אללאה! — האט אבן מישע זיך א נייג געטהאן — אז איך ווייס פון גארניט!

— איך גלויב אייך קיינעם ניט, און די שבועות וועלען אייך ניט העלפען! — האָט אל מומען אויסגערופען — איהר וועט אלע פערשפּאַרט ווערען אין דעם זעלבען געפענגענים וואו שרה איז געווען, ביז וואַנען איהר וועט מיר אויסזאָגען וואו זיי באַהאַלטען זיך אויס!

— גנעדיגער הערשער, איך און מיין זוהן זיינען אומשולדיג, אה, ווען איך זאָל נאָר וויסען וואו זיי געפינען זיך, וואָל איך געווען דער ערשטער צו זאָגען. איך וואָלט מיט גרויס פערגעניגען צוגעקוקט ווי אזוי ביידע הענגען. אָבער מיר האָבען ניט קיין אהנונג! ער איז דער איינציגער שולדיגער און איך בין זיכער אַז ער וויים וואו זיינע קינדער געפינען זיך יעצט, אָבער ער זאָגט ניט אוים, ווייל ער האָט מורא זיי זאָלען ניט בע־שטראָפט ווערען.

— איך שווער ביי מאַכמעד'ן אַז איך וויים ניט! — האָט אהרן אויסגערופען.

— אין געפענגנים זאָל מען זיי אוועקפיהרען! — האָט אל מומען באַפוילען.

עס האָבען ניט געהאָלפען זייערע טענות, די וועכטער זיינען געקומען און האָבען אבן מישע'ן, זיין זוהן און אהרן'ען פאַרשפּאַרט אין איין קאַמער פון געפענגנים.

## קאַפּיטעל זעקס

די ערשטע צייט ווען רבי מימון און זיין משפּחה זיינען אָנגעקומען אין פעז, מאַראָקאָ, האָבען זיי זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. די צרות וואָס זיי האָבען זיך אָנגעליטען דורך די צעהן יאָהר ארומוואַנדערונג אין פערשידענע שטעדט פון שפּאַניען, האָבען זיי געלערענט ווי אזוי זיך אויסצוהיטען.

אין אַ שטילע, זייטיגע גאַס האָט רבי מימון זיך באַזעצט מיט זיין משפּחה. ער און זיין אינגערער זוהן, דוד, האָבען פאָרגעזעצט זייער האַנדעל מיט די קאָסטבאַרע שטיינער. און פון דעם האָבען זיי געצויגען חיונה.

משה האָט נאָך מיט מעהר פלייס זיך איבערגעגעבען צום לערנען.

דאָס ארומוואָגלען פון שטאָדט צו שטאָדט האָט משה'ן ניט אָפּגער־צויגען פון זיינע לימודים. זיין פאָטער האָט געזעהן אז איהם זאָל גאָרניט פעהלען. ער האָט איהם געהאָלפען און ערמוטיגט אין לערנען. און אזוי ווי אין זייער וואַנדערען האָבען זיי ניט געקענט מיטנעהמען פיעלע ספרים, איז משה געווען געצוואונגען זיך צו פאַרלאָזען אויף זיין זכרון.

אין יענער צייט איז נאָך דער תלמוד ניט געווען אין גאַנצען פער־שטענדליך, ווייל עס זיינען נאָך ניט געווען די פאַרשידענע פרושים וואָס האָבען ערקלעהרט און אויסגעטייטשט די שווערע שטעלען פון תלמוד בבלי. משה האָט זיך גענומען אן אויפגאַבע צו מאַכען אַ פרוש אויף דער גמרא. מיט גרויס התמדה האָט ער שטודירט די ווערק פון די גאונים. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַלע שריפטען וואָס זיין פאָטער האָט פאַרצייכענט, און

אויך די נאָטיצען וואָס זיין פאָטער'ס לעהרער, רבי יוסף אבן מיגש האָט איבערגעלאָזען. ער האָט יעדעס וואָרט געוועגען און געמאָסטען, דאַן האָט ער זיין אייגענע מיינונג צוגעגעבען, און אַזוי האָט ער, איידער ער האָט דערגרייכט דעם צוואַנציגסטען יאָהר, שוין פערענדיגט זיינע באורים אויף פיעלע מסכתות (גמרות).

דאַן איז משה'ן געקומען אין געדאַנק צו מאַכען אַ פרוש אויף משניות, ווייל ביז יענער צייט האָט קיינער ניט פערשטאַנען די משנה כל זמן ער האָט ניט נאָכגעפאָלגט די גמרא וואָס קומט און רעדט אַרום די משנה מיט פערשידענע פלפולים און אַפילו ווען מען לערענט שוין דורך די גמרא פון יעדער משנה קען מען אויך ניט קומען צו קיין באַשלום וועגען די הלכה. און איידער זיי זיינען אָנגעקומען אין פעז האָט שוין משה פאַרענדיגט זיין פרוש אויף משניות, וואָס האָט בעוויזען וואָס פאַר אַ גרויסער גאון און געלעהרטער משה איז.

---

נאָכדעם ווי ס'איז אוועק אַ שטיקעל צייט און די משפחה פון מימון האָבען געפיהלט מעהר אָדער ווייניגער זיכער, האָט זיך רבי מימון געלאָזט דערקענען צו דעם באַווּבאַוסטען גאון און רבי פבון די אידען אין פעז, רבי יהודה הכהן אבן שושן, פון וועמענס גרויסקייט זיי האָבען נאָך געהערט וואַנדערענדיג אין שפּאַניען.

רבי יהודה הכהן האָט אויפגענומען רבי מימון און משה'ן מיט פיעל באַגייסטערונג. צו זיינע אויערען האָט נאָך פריהער דערגרייכט די לויב־געזאַנגען וועגען דער גרויסקייט פון דעם יונגען לייכטענדען שטערען משה בן מימון. און יעצט ווען ער האָט איהם געזעהן פנים אל פנים און פון זיין מויל געהערט זיינע טיעפע געדאַנקען און האָט דורכגעקוקט זיינע ווערק האָט ער זיך אָפּגערופען:

— מיין זוהן, דו ביזט מיין רבי און דער רבי פון כל ישראל. דו ביזט דער ליכטיגער שטערען וואָס האָט זיך דורכגעריסען דעם פאַרוואָלקענדען אידישען הימעל און די ליכט וועט בעלויכטען דעם וועג צו אונזערע ברי־דער אין גלות.

פון דאַן אָן האָט ער איהם גערופען רבי משה בן מימון, און ווען רבי יהודה הכהן פלעגט ריידען מיט אַנדערע געלערענטע וועגען איהם, פלעגט ער איהם אָנרופען רמב"ם.

דורך רבי יהודה הכהן האָט רבי משה געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט פיעלע אַראַבישע געלערנטע, פילאָזאָפען, פּאָעטען און דאָק־טוירים, וועלכע פלעגען גאַנץ אָפט בעזוכען אבן שושן'ס הויז און מיט איהם פערברענגען אין פערשיעדענע דיסקוסיעס.

יעצט האָט זיך פאַר רבי משה'ן געעפענט נאָך אַ נייע פעלד פון ווי־סענשאַפט. ער איז געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט מיט די דאָקטוירים, און פון זיי האָט ער געלערענט חכמת הרפואה.

רבי משה האָט גערעדט אַראַביש אַזוי אויסגעצייכענט און פליסיג, אַז עס איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען צו טראַכטען וועגען דעם אַז ער איז

קיין אראבער. און עס איז זעלבסטפארשטענדליך, רבי משה, וויסענדיג וואס פאר א געפאהרען עס דראהען די אידען פון פעז, אויב מען וועט דערגעהן אז זיי זיינען געטרייע אידען, איז געווען זעהר פארזיכטיג ניט צו געבען זיי די מינדעסטע אנדייטונג אז ער איז א איד.

רבי משה איז שנעל זעהר בעליעבט און געאכטעט געווארען ביי אלע געלערנטע און גרויסע לייט פון פעז. זיי האבען בעוואונדערט זיין טיעפען לאגישען מוח. ער האט גאנץ שנעל ארויסגעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען אין זיין שטודיום פון מעדיצין. ער האט אין משך פון א קורצע צייט באוויזען אנצושרייבען א בוך איבער פערשיעדענע קראנקהייטען און ווי אזוי זיי צו קורירען. דאס בוך האט ארויסגערופען די גרעסטע באוואונדערונג, און איז באלד פון אלע דאקטוירים אנערקענט געווארען אלס איינע פון די וויכטיגסטע ווערק איבער חכמת הרפואה.

טראץ דעם וואס רבי משה'ס פריינד און פארהערער זיינען געווארען מעהר מיט יעדען טאג, איז איהם דאך געלונגען צו פארבארגען פון זיי זיין רעליגיע. ווען איהם איז אויסגעקומען צו ריידען מיט זיינע אראבישע פריינד וועגען רעליגיע, האט ער געוואוסט ווי אויסצוהיטען זיך אז ער זאל אויף זיך קיין פארדאכט ניט ארויסרופען.

רבי משה האט ניט אויפגעהערט צו לערנען און שטודירען אידישקייט און אלגעמיינע וויסענשאפט. אין אווענד פלעגט ער מיט זיין פאטער אוועקגעהן צו רבי יהודה אבן שושן אין הויז און דארטען פלעגען זיי פארברענגען אין לערנען די תורה און דעם תלמוד, און בייטאג פלעגט ער זיך אפגעבען אין שטודירען מעדיצין.

באלד איז ער אין גאנץ פעז בעריהמט געווארין אלס א גרויסער דאקטאר, פיעלע פון די הויכע בעאמטע און רייכע פון שטאדט האבען זיך באנוצט מיט איהם, ווען איביצער פון זייער משפחה איז קראנק געווארען. ער האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל קענטעניש אין קורירען די קראנקע אז די דאקטוירים וועלכע האבין שוין פראקטיצירט מעדיצין פאר פיעלע יאהרען האבען איינפאך געשטוינט.

אין יענער צייט האט אין פעז אויסגעבראכען אן עפידימיע אויף אויגען קראנקהייט, און רבי משה האט ערפונדען א מעדיצין וואס האט טויזענדע געהאלפען, און דאס האט איהם נאך מעהר בעליעבט געמאכט ביי יעדען איינעם וועלכער איז מיט איהם געקומען אין פערבינדונג.

צו איהם אין הויז פלעגען גאנץ אפט ארייגקומען פילאזאפען, פאעטען, סיי רייכע און סיי ארימע. ביי איהם איז קיין אונטערשייד ניט געווען, פארקעהרט, ווען דער געלעהרטער איז געווען ארים פלעגט ער איהם נאך מעהר מקרב זיין. איינינע אפילו האט ער געשטיצט מיט וויעפיעל ער האט געקענט.

גאנץ אפטע אריינגעהער צו רבי משה'ן זיינען הויפטזעכליך געווען צוויי פון זיינע בעסטע פריינד, איינער אן אראבישער פאעט, סאיד, וועלכער איז געווען גאנץ רייך און דער צווייטער איז אן ארימער אידישער פילאזאף וועמענס נאמען איז געווען אברהם. פארשטעהט זיך אז דער ריי־

בער אראבער האָט ניט געוואוסט, אז ער איז אַ איד.

ווען זיי פלעגען אַלע דריי צוזאמענקומען, פלעגען זיי גאנץ אָפט פיהרען ויכוחים ביז שפעט אין דער נאכט.

דער אָרימער פילאָזאָף פלעגט זיך שטענדיג בעקלאָגען אויף זיין ביטערען מזל.

— צו וואָס איך זאָל זיך ניט נעהמען, איז דער מזל געגען מיר — האָט ער זיך גאנץ אָפט בעקלאָגט פאַר רבי משה'ן און סאיד'ן. ווען איך קריג דאָס געלט און בעשליס צו געהן יענעם טאָג האנדלען, פאנגט אָן צו רעגענען. און ווען די זון שיינט האָב איך מעהר קיין געלט ניט. טאָמער דערלאנגט מען מיר אַ מאָלצייט וואָס איך וואָלט גערען געגעסען, איז ווי נאָר איך נעהם די לעפעל אין האנט, פאלט אין מיין זופּ אריין אַ פליג און מאכט מיר מיאוס דאָס עסען.

— דאָס דערמאָנט מיר וואָס מיינער אַ פריינד האָט מיר אמאָל דער־צעהלט וועגין דעם אידישען דיכטער אבן עזרא! — האָט סאיד זיך אָפּגע־רופען מיט אַ שמייכעל — ער האָט פערפאסט אַ ליעד וואו ער בעקלאָגט זיך אויך אויף זיין מזל און זאָגט: „ווען ער וואָלט געהאנדעלט מיט ליכט, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אויפהערען צו שיינען, און אויב ער וואָלט געווען אַ סוחר פון תכריכים, וואָלט קיינמאָל קיינער ניט געשטאָרבען. אָבער די מעגסט וויסען זיין, מיין פריינד, אַז עס איז ניטאָ אזא זאך ווי מזל. יעדער איינער באזיצט געוויסע פעהיגקייטען און דורך דעם ערווערבט ער זיך רייכטום.

— און איך גלויב אין מזל! — האָט אברהם געזאָגט — איך האָב גענוג ערפאהרונג אין דעם, און איך בין איבערצייגט אַז מזל שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מענשענס לעבען. איך בין איינער אַן אומגליקליכער וועלכער איז אין גאנצען געבוירען געוואָרען אָהן מזל! איך האָב שוין מעהר קיין האָפנונג ניט, אַז מיין מזל וועט מיר ווען עס איז באגליקען. איך בין געבוירען געוואָרען אָרעם און אזוי וועל איך אָפּלעבען מיין גאנצען לעבען, אין אָרימקייט און אין נויט.

דער רייכער אראבער האָט אפילו שוין איינינגע מאָל געמאכט אַ פּאַרזוך איהם צו געבען עטוואָס געלט, אָבער האָט געזאָגט אַז ער וואָלט בעסער אויסגעהן פון הונגער איידער צו נעהמען צדקה.

דער רמב"ם האָט איהם אויך געוואָלט מיט עפּעס מהנה זיין, אָבער אברהם האָט געוואָהנט איינזאם אין אַ האַלב איינגעפאלענע הייזעל, וואָס איז געשטאנען הינטער דער שטאָדט. זעהר זעלטען פלעגט מען אין יענעם געגענד זעהן אימיצען פארבייגעהענדיג. אברהם איז געווען אומפארהייראט. דאָס האָט ער אויך צוגעשריבען צו זיין ביטערען מזל, ווייל ער איז געווען אזוי אָרים אַז קיין מיידעל האָט מיט איהם ניט געוואָלט הייראטען. און דאָס האָט נאָך זיין לעבען געמאכט מעהר ביטער. ער פלעגט ארומגעהן פאראומערט און פארטרויערט און זיין איינציגע טרייסט איז געווען, וואָס ער פלעגט קענען קומען צו רבי משה'ן אין הויז און דאָרטען פארברענגען מיט איהם איז פארשידענע אינטערעסאנטע געשפּרעכען. ער האָט פאר רבי

משה׳ן און סאיד׳ן ארויסגעבראכט זיינע פילאָזאָפּישע געדאנקען און מיט דורשט געשלונגען די קלוגע טיפזיניגע רייד פון רבבי משה׳ן.

קורץ נאָכדעם ווי די אויגען קראנקהייט עפּידעמיע האָט אויפגעהערט, האָט אברהם דערפיהלט אַז זיינע אויגען פאנגען איהם וועה צו טהאָן. ער איז געזעססען ביים רמב"ם אין הויז און געהאלטען אין מיטען א געשפרעך מיט איהם און סאיד׳ן, ווען ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען פיהלען דעם וועהטאָג און ער האָט זיך גענומען ווייטער באקלאָגען.

— זעהט איהר שוין וואָס פאר א שלימזל איך בין, אז ווען די עפּידעמיע איז שוין לאנג פאַראיבער און אלעמענס אויגען זיינען אויסגעהיילט געוואָרען, פאנג איך ערשט אָן פיהלען אז מיינע אויגען טהוען מיר וועה!

רבי משה איז צו איהם צוגעגאנגען און באטראכט זיינע אויגען און ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ.

— יע, דיינע אויגען צייגען ארויס סימנים פון קראנקהייט, אָבער עס איז ניט געפעהרליך אויב דו וועסט אויספאָלגען מיין עצה און זיך אוועקלייגען אין בעט פאר איניגע טעג און האלטען דיינע אויגען פערבונדען.

— יעצט זעהסטו אז דו האָסט מזל! — האָט סאיד צו איהר געזאָגט — דו ביזט קראנק געוואָרען אויף דיינע אויגען אין דעם הויז פון דעם דאָקטאָר.

— יע, אויב קראנק ווערען איז מזל, דאן האָב איך עס! — האָט אברהם געזאָגט, מיין איינציגער פארגעניגען און מיין איינזאמקייט איז צו קומען אהער, יעצט האָט מיין שלימזל דאָס אויך פון מיר אוועקגענומען. אפילו ווען עס זאָל זיין בלויז צייטווייליג, ווי אזוי וועל איך קענען אריבערטראָגען דעם אומעט און איינזאמקייט די עטליכע טעג.

רבי משה האָט איהם מיטגעגעבען א שמירעכץ און איהם געהייסען גלייך געהן אהיים, און עס ארומשמירען זיינע אויגען און זיי פארבאנדעזשירען און דעם באנדאזש ניט רונטערנעהמען פר איניגע טעג.

— איך וועל דיר באזוכען אין צוויי טעג ארום און זעהן ווי דיינע אויגען קוקען אויס — האָט ער איהם געזאָגט — אָבער דו דארפסט דעם באנדאזש ניט ארונטערנעהמען ביז וואנען איך וועל דיר ערלויבען, און אויב דו וועסט מיר ניט פאָלגען, וועט זיין א געפאהר, אז דו וועסט אין גאנצען בלינד ווערען.

אברהם איז געגאנגען אהיים און געטהאָן וואָס רבי משה האָט איהם געהייסען, ער האָט אָנגעגרייט שפּייז און וואסער און האָט ארומגעשמירט די אויגען און זיי פארבאנדאזשירט.

אין צוויי טעג ארום האָט דער רמב"ם בעזוכט זיין קראנקען פריינד.

אברהם האָט זיך שטארק דערפרעהט מיט זיין קומען. ער האָט זיך געפיהלט אזוי עלענד און איינזאם, און אויסער דעם האָט ער זיך געשראָקען טאָמער וועט ער ווערען בלינד.

רבי משה האָט ארונטערגענומען דעם באנדאזש פון זיינע אויגען און האָט זיי גוט בעטראכט.

— דער געפאהר איז פאָראיבער! — האָט ער געזאָגט צו אברהם׳ן —

אין דריי טעג אַרום וועסטו מעגען גיין וואוהין דו וועסט וועלען.

ער האָט צוריק אַרויפגעלעגט דעם באַנדאַזש אויף זיינע אויגען. רבי משה האָט בעטראַכט די אָרימע וואָהנונג פון זיין פריינד, דעם געלערנטען פילאָזאָף, ער האָט געזעהן ווי די אָרימקייט און נויטה קוקט אַרויס פון יעדען ווינקעלע, און זיין האַרץ האָט איהם וועה געטהאָן.

ווען דער רמב"ם האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים און איז אַריין אין צימער, האָט ער שוין דאָרטען געטראָפען זיין רייכען פריינד סאַיד וואַר־טענדיג אויף איהם.

— איך קום יעצט פון אַ בעזוך צו אונזער פריינד אברהם — האָט ער געזאָגט בעגריסענדיג איהם.

— און וואָס מאַכט ער?

— ער וועט זיין געזונד. ער האָט געטהאָן וואָס איך האָב איהם אָנגע־זאָגט און ער האָט פאַרמיטען אַ גרויס געפאַר.

— נו, יעצט זעהסטו, ער האָט דאָך פאָרט מזל! — האָט סאַיד געזאָגט און ער האָלט זיך נאָר אין בעקלאָגען אויף זיין מזל.

— ווען דו וואָלסט געזעהן ווי ער לעבט, זיין וואָהנונג איז האַלב איינ־געפאַלען און צובראָכען, אין אַ רעגענדיגען טאָג רינט אַריין דער רעגען אויף זיין בעט און טיש. דער דלות הערשט אין אַלע ווינקעלעך פון זיין הויז. ווען דו וואָלסט געזעהן זיין עלענדקייט און זיין איינזאַמקייט, גלויב איך, אַז דו וואָלסט צוגעגעבען, אַז ער האָט קיין מזל ניט.

— אָבער וואָס קענען מיר טהאָן פאַר איהם? — האָט סאַיד געזאָגט

— איך האָב איהם שוין איינמאָל אָנגעבאָטען געלט, האָט ער זיך ענטזאָגט. איך האָב איהם געוואָלט אָפּגעבען איינע פון מיינע הייזער, ער זאָל דאָרט וואָהנען, האָט ער מיר ענטזאָגט.

— יע איך ווייס, אַז ער איז ביי זיך זעהר שטאָלץ און וועט קיינמאָל ניט איינשטימען צו נעהמען מתנות.

— זאָג מיר, זיינען פאַראַנען איניגע וועגען וואָס פיהרען צו זיין הויז?

— האָט סאַיד געפרעגט רבי משה'ן.

— ניין, בלויז איין שמאָלער וועג!

— און ווען ער פערלאָזט זיין הויז צו גיין אַהער מוז ער גיין אויף דיזען וועג?

— יאָ, דאָס איז דער איינציגער אויסגעטראָטענער וועג!

— וואָהנען אין יענעם געגענד נאָך מענשען, וועלכע באַנוצען זיך מיט דעם זעלבען וועג?

— פאַר אַ גרויסען שטח אַרום וואָהנט קיינער ניט און איך האָב ניט באַמערקט, אַז אימיצער זאָל דאָרט גיין.

— ווען ערוואַרטסטו איהם ער זאָל צו דיר קומען אויף דעם דריי־טען טאָג?

— איך ווייס ווי אַנגסטליך און נייגעריג ער איז צו קומען נאָך עטליכע טעג פון איינזאַמקייט, אַז איך גלויב, אַז ער וועט זיין הויז פאַרלאָזען גאַנץ

פריה. אבער, זאג מיר, מיין פריינד, צוליעב וואס פרעגסטו עס מיר?

— איך האב א פלאן! — האט סאיד אויסגערופען — איך האב א פלאן ווי צו העלפען אונזער ארימען פריינד, אז ער זאל אפילו קיין אהנונג ניט האבען, אז מיר האבען איהם געהאלפען.

— ווי אזוי? ! — האט דער רמב"ם געפרעגט.

— איך וועל נעהמען א פעקעל מיט גאלדענע מטבעות, און אין דעם טאג וואס אברהם דארף פארלאזען זיין הויז, וועל איך אויפשטעהן זעהר פריה, און אוועקלעגען דעם פעקעל גאלד פונקט אויף דעם וועג וואו ער דארף פארבייגעהן, אזוי אז ער וועט עס מוזען דערזעהן. ער וועט דעם פעקעל אויפהויבען און אזוי ווי אויף די מטבעות וועט קיינע סימנים ניט זיין, וועט ער דאס קענען האלטען פאר זיך. דאן וועט ער רייך ווערען און וועט זיך אויפהערען צו באקלאגען אויף זיין ביטערען מזל.

— עס איז א גוטער איינפאל! — האט רבי משה צוגעשטימט — אוי דו וועסט אוועקלעגען די געלט אויף דעם וועג ניט ווייט פון זיין הויז, וועט ער דאס מוזען באמערקען און אז דו וועסט גאנץ פריה עס אוועקלייגען וועסטו זיין זיכער, אז אימיצער אנדערש וועט עס ניט געפינען.

סאיד האט אזוי געטהאן. ער האט איינגעוויקעלט א הונדערט גאלדענע רענדלאך אין א פעקעל. ער איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה און אוועק צו דעם וועג וואס פיהרט צו אברהם'ס וואהנונג. פון ווייטען האט ער באמערקט זיין הויז. ער האט זיך גוט ארומגעקוקט אויב עס איז ניטא א צווייטע וועג וואו אברהם קען זיך פארנעהמען, און ווען ער האט זיך איבערציינגט, אז דאס איז דער איינציגער וועג האט ער דעם פעקעל געלט אוועקגעלעגט אזוי, אז ווען אברהם וועט פארבייגעהן וועט ער דאס מוזען באמערקען.

פון דארט איז ער גלייך אוועק צום רמב"ם אין הויז.

— איך האב אזוי געטהאן! — האט סאיד אויסגערופען — איך האב דאס פעקעל אוועקגעלעגט אזוי, אז ער וועט עס מוזען באמערקען, אפילו פון דערווייטענס. יעצט וועט ער שוין מעהר ניט זאגען, אז ער האט קיין מזל ניט.

ביידע, רבי משה און סאיד, האבען מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף אברהם'ס קומען. זיי האבען ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, און ווען זיי האבען איהם פון ווייטען דערזעהן אנקומענדיג האבען זיי זיך ביידע שטארק דערפרעהט. ער וועט זיי באלד דערצעהלען פון זיין גרויסען גליק און מזל. ער וועט שוין פאר זיי מודה זיין, אז דאס מזל האט פאר איהם א שיין געטהאן, אז ער וועט שוין מעהר ניט לליידען קיין נויט און ארימקייט.

— מיר וועלען דארפען זיין זעהר פארזיכטיג ווי מיר וועלען ריידען צו איהם — האט סאיד געזאגט — ער זאל ניט האבען דעם מינדעסטען פארדאכט, אז מיר האבען א האנט אין דעם.

ווען אברהם האט אריבערגעטראטען די שוועל פון רמב"ם'ס צימער, האבען איהם ביידע גאנץ פריינדליך באגריסט.

— איך בין זעהר צופרידען צו זעהן, אז דיינע אויגען זיינען אין גאנצען געזונט — האט סאיד איהם געדריקט זיין האנט.

רבי משה האט איהם דערלאנגט א שטוהל און זיך אבגערופען — יעצט מעג איך דיר אויסזאגען, אז עס איז געווען א גרויס געפאהר, אז דו זאלסט אין גאנצען בלינד ווערען.

— איך האב אויך אזוי געפיהלט — האט אברהם געזאגט, — איך וויים דאך וואס פאר א מזל איך האב... און ווער קען וויסען אויב דאס גופא איז ניט א סימן פון מיין שלעכטען מזל. מעגליך, אז ווען איך וואלט בלינד געווארען וואלטען מיינע אויגען ניט געזעהן מיינע ליידען — האט ער א שמייכעל געטהאן.

— אבער יעצט זעהסטו דאך זעהר גוט מיט דיינע אויגען! — האט איהם סאיד געפרעגט.

— געוויס, אזוי גוט ווי פריהער, איידער איך בין קראנק געווארען.

— און דו באקלאגסט זיך נאך אלץ איינס אויף דיין מזל? — האט דער רמב"ם איהם געזאגט.

— פארוואס ניט? האט אברהם געענטפערט — צו די זעהענדיגע אויגען האב איך דאך א מויל און א מאגען וואס מאנט עסען, און דער פערלאנג עפעס צו געניסען פון דער וועלט איז נאך ביי מיר ניט אפגע־שטארבען... איך וויים, אז איהר וועט מיר זאגען, אז איך דארף זיך שעצען גליקליך און זיך האלטען פאר דעם גרעסטען עושר, וואס איך האב דאס ליכט פון מיינע אויגען, — אזא זעלטענעם אוצר — ניט פארלארען, אבער דאס לעבען איז ניט אזוי... א מענש, וועלכער איז געזונט אויף אלע זיינע איברים, שעצט זיך דאך ניט גליקליך ווען איהם קומט אוים צו ליידען הונגער און נויט, ווען אין א קאלטען טאג, פארמאגט ער קיין ווארימען בגד ניט, וואס זאל האלטען זיין קערפער ווארעם...

סאיד און רבי משה האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען.

— זאג מיר, ווי לאנג איז עס אז דו האסט דיין הויז פארלאזען? — האט איהם סאיד א פרעג געטהאן.

— וואס הייסט, ווי לאנג? ניט לאנג, פילייכט א שטונדע.

— און דו האסט גארניט באמערקט?

— איך פארשטעה ניט וואס דו פרעגסט.

— ער מיינט, אז נאכדעם ווי דו ביזט אפגעלעגען אין דיין בעט מיט פארמאכטע אויגען, האסטו דען ניט באמערקט דעם גרויסען אונטערשיעד פון פינסטערניס ביז ליכטיגקייט?

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז עס איז פאר מיר געווען א פארגעניגען צו זעהן גאט'ס פראכטפולע וועלט, אבער זאגען, אז עס האט מיר זעהר גליקליך געמאכט, קען איך ניט, ווייל וואס קומט מיר ארויס ווען די וועלט איז אזוי שעהן און פרעכטיג, אז איך קען דערפון ניט געניסען. קען איך דען זאט מאכען מיין הונגער ווען איך זעטיג אן מיינע אויגען מיט דער וואונדערשעהנע פאנאראמע. ווען איך זאפ איין אין זיך די פרישע לופט

און דעם ריח פון די רופטענדע בלומען, דאן פיהל איך נאך שטארקער די שמערצען פון מיין הונגער. ווען איך זעה די זאַפטיגע צייטיגע פרוכט וואָס ווינקען צו מיר פון די ביימער... פיהל איך נאך מעהר מיין הילפלאָזיגקייט, ווייל איך קען דערפון ניט געניסען! אָה, יע, עס איז ביטער צו זיין אַן אָרימאַן און איידער געבאָרען צו ווערען אָהן מזל, זאָל מען שוין בעסער גאָרניט געבאָרען ווערען.

— רייד ניט אַזוי, מיין פריינד! — האָט סאיד געזאָגט — אַזוי לאַנג ווי דיינע אויגען זיינען געזונט און דו קענסט זעהן, קענסטו נאָך אַמאָל דערזעהן אַן אוצר, וואָס וועט דיר רייך מאַכען. איך וויים פון איינעם וועלכער איז אַמאָל געווען זעהר אָרים און ער האָט זעהר שטאַרק געליטען. ער איז געווען אַ בעל־משפחה מיט קליינע קינדער, וועלכע האָבען געהונגערט, און זיין פאַרצווייפלונג איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען. ער איז אַוועק צום טייך זיך צו דערטרינקען, אָבער ווי ער איז צוגעקומען צום טייך האָט ער באַמערקט ביים ברעג קליידער פון זעהר אַ רייכען מאַן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ רייכער מאַן איז אַריין זיך אָבבאָדען אין טייך. ער האָט זיך ארומגעקוקט און מיט זיינע אויגען געזוכט דעם רייכען מאַן, אָבער ער האָט אויף דעם טייך קיינעם ניט געזעהן. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז דעם אָוועגד, און ווען ער האָט געזעהן, אַז דער אייגענטהימער פון די קליידער קומט ניט ארויס, האָט ער פאַרשטאַנען אַז יענער האָט זיך דערטרונקען. ער האָט גלייך גענומען זוכען צווישען די קליידער און ער האָט דאָרטען געפונען אַ בייטעל מיט גאָלדענע רענדלעך. און אַזוי איז דער פאַרצווייפעלטער אָרימאַן וועלכער איז געגאַנגען מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען פון נויט און ליידען, איז פלוצלונג רייך געוואָרען.

— דאָס באַווייזט בלויז, אַז יענער האָט דאָך געהאַט מזל. אָבער איך בין זיכער, אַז מיט מיר וואָלט אַזאַ גליק קיינמאָל ניט פּאַסירט... איך וויים, אַז איך בין געבוירען געוואָרען אָהן מזל!

— זאָג מיר, אברהם! — האָט זיך רבי משה צו איהם געווענדעט — ווען דו האָסט פאַרלאָזען דיין הויז צו געהן צו מיר, ביזטו געגאַנגען דורך דעם אויסגעטראָטענעם וועג? ?

— געוויס. עס איז דער איינציגער וועג. די אַנדערע וועגען זיינען פול מיט דערנער און שטיינער, און איך מיט מיינע צוריסענע שיך און קליידער קען ניט בעהויפּטען צו געהן דאָרטען אפילו ווען עס זאָל פאַרקירצען דעם מהלך.

— און דו האָסט אויפ'ן וועג גאָרניט באַמערקט! איך מיין, דו האָסט קיינעם ניט געזעהן, און קיין זאַך אויפ'ן וועג ניט באַמערקט?

— ניין, אַזוי פריה, ווי איך בין ארויס, געהט אויף יענעם וועג קיינער ניט.

— דו ביסט געגאַנגען, הייסט עס, גלייך מיט דעם זעלבען וועג און המ...

— איך פאַרשטעה ניט פאַר וואָס איהר פרעגט מיר?... דער וועג איז

מיר גוט בעקאַנט, און וואָס פאַר אַן ענדערונג קען געשעהן דורך די עטליכע טעג וואָס איך בין געלעגען אין בעט. עס איז מיין גליק וואָס עס איז קיין רעגען ניט געגאַנגען דורך דער צייט, אַז ניט, וואָלטען מיינע פיס דורכגענעצט געוואָרען, ווייל מיינע שיך האָבען שוין געקראָגען אָפענע מיילער...

— וואַרט דאָ צו אַ ווייל! — האָט סאַיד זיך אָפּגערופען צו אברהם׳ן, — איך דאַרף ערגיץ צוגעהן, איך וועל זיך באַלד צוריקקעהרען, און דאַן וועלען מיר פאַרברייגגען אַלע דריי צוזאַמען.

דער רמב"ם האָט פאַרשטאַנען סאַיד׳ס כונה, און ער האָט פאַרהאַלטען אברהם׳ן פאַרברייגגענדיג מיט איהם אין אַ פילאָזאָפישען געשפּרעך.

סאַיד איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען אין דער ריכטונג וואו עס געפינט זיך דער וועג צו אברהם„ס הויז. וואָס נעהענטער ער איז צוגעקומען אַהין אַלץ שנעלער איז ער געגאַנגען. ער וועט אַמווייניגסטען צוריק נעהמען דעם פּעקעל געלט, פיליכט וועט זיך אַ צווייטען מאָל איהם בעסער איינגעבען. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פלוצלונג האָט ער דערזעהן ווי אַ פּאַסטוך יאָגט זיך נאָך אַ באָק וואָס איז אַנטלאָפען פון סטאַדע, און גראַדע האָט ער זיך פאַרנומען אויף דעם זעלבען וועג. סאַיד׳ס האַרץ האָט אין איהם שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט געהאָפט, אַז לויפענדיג וועט דער פּאַסטוך געוויס דעם פּעקעל ניט באַמערקען. ווי גרויס אָבער איז געווען זיין ערשטוינונג, ווען ער האָט דערזעהן פון ווייטען ווי דער פּאַסטוך שטעלט זיך אָפּ פּונקט אויפ׳ן פלאַץ וואו ער האָט גאַנץ פריה איבערגעלאָזען דעם פּעקעל מיט די גאָלדענע רענדלעך. דאַן עפענט ער עס אויף און נעהמט גלייך לויפען. סאַיד איז איהם נאָכגעלאָפען. ער האָט איהם געוואָלט זאָגען, אַז דאָס איז זיין געלט, אַז ער האָט עס פאַרלאָרען, אָבער איידער ער האָט איהם געקענט דערגרייכען, איז שוין דער פּאַסטוך פאַרשוואונדען.

סאַיד האָט זיך אומגעקעהרט אַן ענטוישטער. ער האָט בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז אברהם זאָל ניט האָבען באַמערקט דעם פּעקעל, ווען ער איז פריהער דורכגעגאַנגען דעם וועג. ער האָט אָבער באַשלאָסען אברהם׳ן ניט צו דערצעהלען וועגען דעם.

רבי משה האָט סאַיד׳ן באַמערקט אָנקומענדיג, האָט ער זיך ענטשולדיגט פאַר אברהם׳ן און איז איהם ענטקעגען געקומען.

— נו, וואָס, האָסטו דעם פּעקעל געפונען? — האָט דער רמב"ם געפרעגט סאַיד׳ן.

סאַיד האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס דאָ האָט פּאַסירט און ביידע האָבען געשטוינט ווי אַזוי עס איז געווען מעגליך פאַר אברהם׳ן צו פאַרזעהן דעם אוצר וואָס איז געלעגען בעפאָר זיינע אויגען.

זיי זיינען אריין אין הויז און ביידע האָבען זיך ניט וויסענדיג געמאַכט. זיי האָבען בענייט זייער געשפּרעך, סאַיד האָט געפרעגט אברהם׳ן ווי אַזוי ער האָט זיך געפיהלט די עטליכע טעג ווען ער איז געלעגען אין בעט מיט פאַרבאַנדאַזשירטע אויגען.

— איך האָב זיך געפיהלט זעהר שלעכט. איך האָב אַלץ געטראַכט טאָמער ווער איך בלינד. און מיין זאָרג איז ניט געווען אַזוי דעם פאַרלוסט פון מיין זעהונגס־קראַפט, ווי דאָס וואָס איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען איך וועל ווערען בלינד, וועל איך מעהר קיין מעגליכקייט ניט האָבען צו באַזוכען דיין הויז וואָס איז דאָס איינציגע גליק אין מיין לעבען... ווען איך קום דאָ אין דעם הויז און איך זעה זיך מיט אַזעלכע טייערע פריינד מיט וועמען איך קען אַזוי פאַרברייגגען, פאַרגעס איך אָן אַלע מיינע צרות.

— און דאָס איז געווען אַלעס וואָס דו האָסט געטראַכט? — האָט איהם סאַיד ווידער געפרעגט.

— יאָ, דאָס איז געווען די איינציגע זאַך וועגען וואָס איך האָב גע־זאָרגט אין פאַל איך וועל בלינד ווערען — האָט אברהם געענטפערט, — און מאָדנע: אַזוי שנעל ווי איך בין פון מיין הויז אַרויס, האָב איך דערפיהלט אַז דאָך האָב איך אַ שטיקעל מזל... ווייל איך האָב די מעג־ליכקייט צו זעהן דעם וועג וואָס פיהרט מיר צו דיין הויז — האָט ער זיך געווענדעט צום רמב"ם. איך האָב גענומען טראַכטען ווי אַזוי איך וואָלט געגאַנגען צו דיר, ווען איך וואָלט אין גאַנצען בלינד געוואָרען. איך האָב עס באַשלאָסען אויסצופּרובירען. און ווען איך בין שוין געווען אין דרויסען האָב איך צוגעמאַכט מיינע אויגען, און אַזוי אָפּגעגאַנגען דעם גאַנצען וועג מיט פאַרמאַכטע אויגען...

— ביזטו דאָך טאַקע אַ שלימזל! — האָבעןביידע דער רמב"ם און סאַיד מיט אַמאָל אויסגערופען שמייכלענדיג.

יע, געוויס בין איך אַ שלימזל! האָט אברהם מיטגעלאַכט, — ווי באַלד אַז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די אויגען זיינען מיר גאָר ניט נויטיג צו זעהן דעם וועג צו דיין הויז, בלייבט בלויז איבער אַז איך האָב ניט פאַרלאָרען מיין זעהונגס־קראַפט, כדי מיינע אויגען זאָלען קענען צוזעהן מיינע לײַדען און צרות. זיי זאָלען קענען זעהן אַז אויף דער וועלט געפינען זיך אַזויפיעל פרעכטיגע לוסטיגע זאַכען און איך קען דערפון ניט געניסען.

— יע, מיר ביידע גיבען צו, אַז דו ביזט אַ גרויסער שלימזל! — האָט סאַיד געזאָגט. די פּראָבע מיט פאַרמאַכען דיינע אויגען האָסטו אויסגעקליבען אין זעהר ניט קיין מזל'דיגער צייט.

— דיינע רייד זיינען צו מיר ווי אַ רעטעניש! — האָט אברהם זיך אָפּגערופען.

— איך מיין, אַז ווען דו פּרובירסט ניט צו געהן גראַדע היינט מיט פאַרמאַכטע אויגען, וואָלסטו פיליכט אויפ'ן וועג אָן אוצר דערזעהן. יע, דיין גאַנצען לעבען ביזטו געגאַנגען ביט אָפענע אויגען און אויפ'ן וועג האָט זיך דיר קיינמאָל קיין אוצר ניט געמאַכט, און אַז גאָט האָט דיר שוין באַגליקט, און אָן אוצר וואָס וואָלט דיך רייך געמאַכט דיין גאַנצען לעבען, איז געלעגען פאַר דיר צוגעגרייט אויף דיין וועג, פאַלט דיר גראַדע איין אַזאַ נאַרישער געדאַנק צו געהן דעם וועג מיט פאַרמאַכטע אויגען.

אברהם האָט געקוועטשט מיט זיינע פּלייצעס. ער האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס סאַיד ציעלט מיט זיינע רייד.

דאַן האָט סאיד דירצעהלט אברהם'ן אַלעס.

— און דו זעהסט דאָך, אַז אַנשטאט דו זאָלסט קריגען דעם אוצר וואָס איז אוועקגעלייגט געוואָרען פאַר דיר, האָט עס באַקומען אַ ווילד פרעמדער פאַסטוך — האָט סאיד פאַרענדיגט.

## קאַפּיטעל זיבען

אזוי שנעל ווי אלמאעלי און זיין שוועסטער שרה האָבען ביינאַכט פאַרלאָזען די שטאָדט קאָרדאָווא, אַנטלויפענדיג פון דעם הערשער אל־מומען, האָבען זיי זיך געפיהלט עטוואָס פרייער. כאָטש אין גאַנצען זיכער זיינען זיי נאָך ניט געווען, ווייל אל מומענ'ס הערשאַפט האָט זיך פאַר־שפּרייט ווייטער פון קאָרדאָווא, און די געפאַהר איז געווען גרויס, פּילייכט ווען מען זיי נאָכיאָגען און כאַפּען.

וואוהין זיי רייטען האָבען זיי אַליין ניט געוואוסט. אלמאעלי'ס איינ־ציגער ציעל איז געווען זיך וואָס מעהר צו דערווייטערען זיך פון קאָרדאָווא. ער האָט געטריבען דעם פערד וואָס שנעלער. שרה איז געזעסען הינטער איהם און מיט איהרע הענט האָט זי זיך שטאַרק אָנגעהאַלטען אָן איהר ברודער. איינינע מאָל האָט זיך דער פערד פאַר עפּעס דערשראָקען, האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעל געטאָן אויף זיינע הינטערשטע פיס און האָט נאָך אַ האָר זיי ביידען אומגעשליידערט, אָבער אלמאעלי האָט זיך ניט פאַר־לאָרען. ער האָט מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט געהאַלטען דעם פערד ביז וואַנען ער איז ווייטער געפלויגען.

די גאַנצע נאַכט האָבען זיי געריטען שווייגענדיג. זיי האָבען מורא געהאַט אויסצורעדען אַ וואָרט איינער צום צווייטען. ווען עס האָט אָנגע־פאַנגען צו ווערען ליכטיג, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ קליין טייכעל. דאָרטען האָט אלמאעלי אָנגעטרונקען דעם פערד און נאָכהער איהם צוגעבונדען צו אַ בוים און איהם זיין שפּייז געגעבען.

— געלויבט איז גאָט! — האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיין שוועסטער — מיר זיינען שוין גאַנץ ווייט פון קאָרדאָווא — דער געפאַהר איז נאָך אַלץ ניט פאַריבער, אָבער, מיר קענען האָפען, אַז גאָט וועט אונז אויך אויף ווייטער נישט פאַרלאָזען! מיר וועלען עפּעס צובייסען און פאָרטזעצען אונזער רייזע.

— אָבער וואוהין וועלען מיר געהן?? — האָט שרה איהם געפרעגט מיט אַ שוואַכע שטימע. זי איז געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט און צושראָקען.

— איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט פון דעם! — האָט אלמאעלי איהר געענטפערט — איין זאַך איז זיכער, אַז מיר מוזען אַנטלויפען פון שפּאַניע, ווייל איך ווייס, אַז אל מומען וועט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ־שטעלען אונז אויפצוזוכען. און אַנטלויפען נאָך מאַראָקאָ אין פעז, וואו פיעלע פון אונזערע ברידער געפינען זיך, קענען מיר ניט, צוליעב דעם וואָס אל ערב וועט דאָרט געוויס קומען דיר אויפזוכען.

— אָה, ניין, איך וויל זיין פּנים ניט אָנקוקען! — האָט שרה אויסגערופען.

— דאַן בלייבט פאַר אונז איבער איין וועג — צו אַנטלויפען נאָך מצרים. איך האָב געהערט, אַז דאָרטען געניסען די אידען אַלע פרייהייטען. דאָרט איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז מיר וועלען געפינען רוה. איך האָב מיט זיך גענומען גענוג געלט פאַר די הוצאות, און יעצט דאַרפען מיר זעהן צוצוקומען צו אַ האַפען און וואַרטען אויף אַ שיף וואָס וועט אונז פיהרען נאָך מצרים!

— איך בין שטאַרק באַזאָרגט וועגען אונזער פאָטער! — האָט שרה אויסגערופען — אויב אונז וועט געלינגען זיך צו ראַטעווען, ווער ווייס אויב אַל מומען וועט דעם גאַנצען שולד פון אונזער אַנטלויפען ניט אַרויפוואַרפען אויף אונזער פאָטער.

— דאָס האָב איך שוין באַזאָרגט מיט דעם בריעף וואָס איך האָב איבערגעלאָזען אין אַ קעשענע פון דעם פאָטער'ס בגד. ווען דער הערשער וועט איבערלייענען דעם בריעף, וועט ער זיך איבערצייגען, אַז אונזער פאָטער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטען פאַרדאַכט וועגען מיין פּלאַן צו אַנטלויפען צוזאַמען מיט דיר פון געפענגנים. איך האָב אפילו געזעהן ריינצוואַשען אַל ערב'ן מיט דעם וואָס איך האָב אָנגעדייטעט אין מיין בריעף, אַז דער פאָטער זאָל באַצאָהלען אַל ערב'ן פאַר זיין פערד וואָס איך האָב גענומען אָהן זיין וויסען... יע, איך בין זיכער, אַז קיינער פון זיי וועט ניט ליידען צוליעב אונז.

אַל מומען האָט פאַנאַנדערגעעפענט דעם פעקעל שפּייז און זיי האָבען זיך ביידע צוגעזעצט אויף דעם מיט טוי באַדעקטען גראָז. זיי האָבען שנעל צוגעביסען און געטרונקען פון דעם לאָגעל וואַסער וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט און גלייך נאָכדעם האָבען זיי זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם פערד און פאָרטגעזעצט די רייזע. אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט פיעלע רייזענדע ביי וועמען זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט וואו עס געפינט זיך דער נאָהענסטער האַפען.

— ווען דו וועסט רייזען אַזוי צוויי גאַנצע טעג אָהן אָפּשטעל, קענסטו דערגרייכען אַ האַפען! — האָט איהם איין סוחר געזאָגט — אָבער דו דאַרפסט וויסען, אַז דער וועג איז ניט קיין זיכערער. עס האָט שוין ניט איינמאָל פּאַסירט, אַז רויבער זאָלען באַפאַלען די דורכרייזענדע. ווען דו פאָלגסט מיך, וואָלסטו געוואַרט ביט דיין פרוי אויף מיר, ווייל איך רעכען אויך אָפּצורייזען אין יענעם געגענד, נאָר איך וואַרט אויף נאָך איינינגע סוחרים, ווייל צוזאַמען איז אַ סך זיכערער.

אַלמעאַלי האָט באַמערקט ווי דער אַראַבישער סוחר וואַרפט זיינע בליקען אויף זיין שוועסטער, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען זיי וועלען ניט וואַרטען אויף איהם.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין האַר! — האָט ער זיך אָפּגערופען צום סוחר, אָבער מיר איילען זיך און מיר וועלען ניט קענען וואַרטען אויף דיר.

— וואָס וועט ארויסקומען פון דיין איילען זיך, ווען רויבער וועלען דיך באַפאַלען און פון דיר אַוועקרויבען דיין שעהנע פרוי? פאָלג מיך, אויב דאָס לעבען און כבוד פון דיין פרוי איז דיר טייער, טו וואַרט ביז וואַנען מיר וועלען פאָהרען צוזאַמען.

— אללאה וועט אונז באַשיצען! — האָט זיך אלמאַעלי געמאַכט ווי ער איז אַ מאַכמעדאַנער און שנעל דעם פערד אַ טרייב געטאָן.

— דו ווייסט, מיין שוועסטער, אַז ווען איך האָב געהערט, אַז ער רופט דיך מיין „פרוי" איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז פיליכט זאָלען מיר פאַר יעדען איינעם זאָגען אַז מיר זיינען מאַן און פרוי?

— דאָס איז פונקט פאַרקעהרט ווי אברהם אבינו האָט געטהאָן — האָט שרה באַמערקט. — ווען ער האָט ארומגערייזט מיט זיין פרוי שרה צווישען פרעמדע מענשען, האָט ער באַשלאָסען צו זאָגען, אַז זי איז זיין שוועסטער, כדי זיך צו ראַטעווען.

— יע, דאַן איז געווען אַן אַנדער צייט — האָט אלמאַעלי געזאָגט. — דאַן ווען אברהם וואָלט געזאָגט, אַז שרה איז זיין פרוי, וואָלט מען איהם געטויטעט און זי צוגענומען. אָבער אין דער יעצטיגער צייט וועט אַן אראַבער ניט זוכען צו פאַרטשעפען אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַפילו ווי שעהן זי זאָל ניט זיין! איך בין זיכער,אַז ווען אָט דער זעלבער סוחר וואָלט געוואוסט אַז דו ביזט מיין שוועסטער, וואָלט ער אונז שוין ניט אָפּגעלאָזען.

— דאָס ווענדט זיך אין ווען מען טרעפט אָן! — האָט שרה געזאָגט. —עס זיינען פאַראַן זעהר פיעל פאַרדאָרבענע מענשין, וועלכע וועלען קיין אונטערשייד ניט מאַכען, און דעריבער שרעקט מיך שטאַרק מיין הארץ. איך קען זעהן די געפאַהרען וואָס אונז וועט פּאָרקומען אויס־צושטעהן אין וועג.

— מיר וועלען דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג ביז וואַנען מיר וועלען צוקומען צום האַפען. אָבער אַזוי שנעל ווי מיר קריגען אַ שיף, האָבען מיר זיך ניט וואָס צו שרעקען. דאָרט וועט מען אונז ניט באַלעסטיגען, און אין מצרים קענען מיר שוין קריגען שוץ פון דעם דאָרטיגען הערשער.

באַלד האָט אלמאַעלי איינגעזעהן, אַז פאָרטצוזעצען זייער רייזע אויף דעם זעלבען אופן פאַר נאָך צוויי טעג וועט זיין פאַר זיי אונמעגליך. שרה איז שוין געוואָרען גאַנץ מיעד און אויך ער האָט שוין אָנגעהויבען פיהלען, אַז ער איז ערשעפּט און זיי וועלען זיך ניט קענען פאַרמעסטען צו רייטען אַזוי נאָך צוויי פולע טעג, אַפילו ווען זיי זאָלען זיך אָפּשטעלען צוביס־לאַכווייז, וועלען זיי אויסגעמאַטערט ווערען.

— דו ווייסט,שרה ! — האָט ער זיך אָפּגערופען, — אַז מיך פאַר־דריסט שוין וואָס איך האָב ניט אָנגענומען דעם סוחר'ס פאָרשלאַג צו וואַרטען אויף איהם. נאָך אַלעמען, וועלען זיך דאָך געפינען נאָך מענשען, און אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך גערעכנט פאַרשטעלען פאַר מאַכמעדאַנער, וואָלטען זיי אונז קיין שלעכטעס ניט געטהאָן, בפרט ווען זיי וואָלטען געמיינט אַז דו ביזט מיין פרוי.

— און פאַרוואָס ביזטו טאַקע ניט איבערגעבליבען וואַרטען?

— איך האָב באַמערקט ווי דער סוחר וואַרפט זיינע אויגען אויף דיר, האָב איך זיך געשראָקען ער זאָל דיר ניט וועלען שלעכטס טהאָן. אָבער דאָס אַליין וואָס ער האָט קיין פאַרזוכען ניט געמאַכט אונז צו פאַרהאַלטען און געלאָזען געהן ווייטער, איז אַ סימן אַז ער איז ניט קיין פאַרדאָרבענער מענש און אַז ער וואַרט באמת אויף די אַנדערע סוחרים. איך גלויב, אַז מיר זאָלען זיך אומקעהרען צו איהם און זאָגען אַז מיר האָבען באַשלאָסען זיך אָנצושליסען אין זיין קאָמפּאַניע.

— און מיר דוכט זיך, אַז ווי באַלד מיר האָבען זיך ענטזאַגט, דאַרפען מיר מעהר צו איהם זיך ניט צוריקקעהרען. ער וועט פון אונז חוזק מאַכען!

— זעהסטו, דאָס אַרט מיך גראַדע ניט! זאָל ער אָפּ'חוזק'ען פון אונז, אַבי ער וועט אונז צורוה לאָזען. איך זעה, אַז ער האָט פאָרט רעכט, דער וועג שיינט צו זיין ניט קיין איבעריגס זיכערער, און וואָס וועלען מיר טהאָן אויב רויבער וועלען אונז באַפאַלען?

— טו ווי דו פאַרשטעהסט, מיין ברודער! — האָט שרה זיך אין גאַנצען פאַרלאָזען אויף איהם. — דו האָסט מיין לעבען געראַטעוועט און דו ווייסט וואָס איז בעסער.

אַלמאַעלי האָט אַ קערעווע געטהאָן דעם פערד אויף צוריק און ער איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו דער סוחר האָט געהאַט אויפגעשטעלט זיין געצעלט. ער איז שנעל אַרונטער פון פערד און דערנאָך געהאָלפען זיין שוועסטער אַרונטערצונידערען.

דער סוחר איז אַרויס פון זיין געצעלט און ווען ער האָט זיי דערזעהן, האָט זיך אַ שמייכעל באַוויזען אויף זיינע ליפּען.

— ווי איך זעה, האָסטו געביטען דיין באַשלוס! — האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען.

אַלמאַעלי איז צו איהם צוגעגאַנגען עטוואָס נעהענטער און געזאָגט:

— אַללאַ האָט מיר דעם ריכטיגען געדאַנק געגעבען. איך האָב איינגעזעהן, אַז דו האָסט רעכט. דער וועג איז אונז אומבאַקאַנט און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבענע מענשען לויערען דאָרטען אויף יעדען דורכרייזענדען. און דו שיינסט מיר צו זיין זעהר עהרליך און גנעדיג, דעריבער האָב איך באַשלאָסען זיך אומצוקעהרען צו דיר מיט מיין פרוי, און אויב מיר וועלען דיר ניט פּאַלען צו לאַסט, וועלען מיר דאָ בלייבען וואַרטען ביז וואַנען די איבעריגע סוכרים וועלען אָנקומען און דאַן וועלען מיר געהן צוזאַמען.

דער סוחר האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט זיינע בליקען. דאַן האָט ער זיינע אויגען געווענדעט צו שרה'ן, וועלכע איז געשטאַנען נעבען פערד. ער האָט באַמערקט, אַז זי זוכט צו פאַרבאָרגען איהר פּנים.

— פון וואַנען קומט איהר דאָס אָן? — האָט דער סוחר איהם געפרעגט.

אַלמאַעלי איז בלאַס געוואָרען. ווי אַזוי קען ער איהם זאָגען, אַז זיי

קומען אָן פון קאָרדאָווא, פּיליכט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער הער־שער זוכט זיי אַרום און ער קען נאָך זיי איבערגעבען אין זיינע הענט.

— המ... מיר וואַנדערען איבער שפּאַניען, — האָט אַלמאַעלי געענטפערט.

— אָבער ווי איך זעה, האָט איהר מיט זיך גאָרניט. איהר זייט אפילו ניט צוגעגרייט צו אַזאַ לאַנגער רייזע. איהר שיינט ווי איהר זייט פון ערגיץ אַנטלאָפען, אַז איהר האָט אַפילו ניט באַוויזען זיך צוצוגרייטען מיט די נויטיגע זאַכען פאַר׳ן וועג.

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט אַלמאַעלי׳ס לייב. שרה איז אויך שטאַרק דערשראָקען געוואָרען. זי האָט דערהערט די לעצטע רייד פון סוחר און האָט גענומען מורא האָבען, אַז פּיליכט וועסט ער פון זייער אַנט־לויפען. זי האָט זיך גענומען דערנעהענטערען צו איהר ברודער, וועלכער איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער און אין אַגרויס פאַרלעגענהייט.

באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— איך וועל דיר דערצעהלען, מיין האַר, ווי אַזוי מיר קומען אַהער, וועט דיר אַלעס קלאָהר ווערען.

— קום אַריין מיט דיין פרוי אין מיין געצעלט, דאָרטען וועט איהר זיך מאַכען באַקוועם. מיינע פרויען וועלען צוזעהן צו דער באַקוועמליכקייט פון דיין פרוי.

— איך וועל דיר בעסער דערצעהלען דאָ אין דרויסען! — האָט אַלמאַ־עלי זיך אָפּגערופען. — איך און מיין פרוי האָבען מיט איינינע טעג צוריק געהייראַט. איהר פאָטער איז טויט און איהרע ברידער האָבען זי געוואָלט פאַרשלייערען פאַר אַן אַלטען מאַן, וועלכער האָט זי געוואָלט אָפּקויפען פון איהרע ברידער פאַר אַ סך געלט, און דעריבער זיינען מיר געווען גע־צוואונגען צו הייראַטען אָהן זייער וויסען און אַנטלויפען. מיר האָבען קיין צייט ניט געהאַט עטוואָס מיטצונעהמען.

שרה איז געשטאַנען און געשוויגען. זי האָט זיך אין איהר האַרצען געוואונדערט ווי איהר ברודער האָט אַזוי פּלוצלינג אויסגעטראַכט אַזאַ ליגען און זי איז געווען זיכער, אַז דער סוחר גלויבט איהם.

— און וואוהין ווילט איהר פאָהרען? — האָט דער סוחר ווייטער געפרעגט.

— מיר ווילען אָפּרייזען נאָך מצרים — האָט אַלמאַעלי געענטפערט.

— דאָרטען האָבען מיר פיעלע פריינד.

— אָבער ווי אַזוי ערוואַרטסטו צו מאַכען אַזאַ לאַנגע רייזע ביט ליידיגע הענט?

— אָה, ניין, מיין האַר! מיר האָבען ניט באַוויזען מיטצונעהמען גענוג שפּייז און אַנדערע נויטיגע זאַכען אויפ׳ן וועג, אָבער איך האָב זיך באַזאָרגט מיט געלט וואָס וועט זיין גענוג פאַר אַלע הוצאות פון וועג. מיר וועלען קיינעם צו לאַסט ניט פאַלען.

— ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט, וואָלסטו יעצט אין אַזאַ צייט ניט געגאַנגען נאָך מצרים, ווייל ווי איך האָב געהערט, קומען דאָרט יעצט פאָר

גרויסע אומאָרדענונגען. די הערשער קעמפען צווישען זיך און איידער עס וועט ווערין אָרדענונג אין מצרים וועט נעהמען פיעלע יאָהרען. און וואָס קאָן אייך דאָרטען ערוואַרטען אין אַזאַ אומרוהיגער צייט. אויב דו וועסט מיך פאָלגען, וואָלט איך דיר געראַטען צו אָפּרייזען מיט אונז נאָך תימן. דאָרט וועסטו געפינען רוה. עס איז אַ גליקליך לאַנד, און דו און דיין פרוי וועלען פון קיין זאָרג ניט וויסען.

— אָבער דאָרט וועלען מיר זיך פיהלען גאַנץ פרעמד אין אַלעם! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט, — אָבער אין מצרים וועל איך אויפזוכען מיינע פריינד.

— עס זיינען פאַראַן פילע שטרויכלונגען אויף דעם וועג נאָך מצרים — האָט דער סוחר זיך אָפּגערופען. — דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען, אַז די קרייציגע, אָט די קריסטען וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען צו פאַרניכ־טען אונזער רעליגיע, זיי זוכען אונז שלעכטעס צו טהאָן און אויף דעם וועג לויערען זיי אויף אונז. פאָלג מיך, פאָהר ניט יעצט קיין מצרים.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין האַר, פאַר דיין גוטער עצה, אָבער איך וועל מיין באַשלוס ניט ענדערען. מיר וועלען אָפּרייזען נאָך מצרים. יעדענ־פאַלס וועל איך וועגען דעם נאָך טראַכטען! — האָט אַלמעאלי זיך אָפּגערופען. — און ביז וואַנען מיר וועלען דערגרייכען צו אַ האַפען, וועל איך גענוג צייט האָבען צו באַשליסען.

— און יעצט קום אריין מיט דיין פרוי אין מיין געצעלט, איהר וועט זיך אויסרוהען און אויך עפּעס איבערבייסען, ווייל איך גלויב אַז עס וועט געדויערען אַ היבשע ווײַלע ביז וואַנען מיינע פריינד, די איבעריגע סוחרים, וועלען זיך פאַרזאַמלען און מיר וועלען קענען אָפּרייזען צוזאַמען צו דעם האַפען פון ים, ווייל די שיף וואָס דאַרף אונז פיהרען וועט אויף אונז וואַרטען.

אַלמאַעלי און שרה זיינען אַריין אין געצעלט און זיי זיינען געווען איבעראַשט צו זעהן די רייכטום וואָס געפינט זיך אינווענינ. אויסער דעם וואָס די קעמלען, וואָס האָבען זיך געפונען דערביי, זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט פיעל סחורה, איז אויך אינווענינ געווען גענוג זאַכען, וואָס האָט פאַרנומען די אויגען.

— דאָרט זיצען מיינע פרויען — האָט דער סוחר אָנגעוויזען אויף אַ ווינקעל וואו צוויי פרויען זיינען געזעסען מיט באַשלייערטע פנים׳ער און מיט די פיס צונויפגעלעייגט.

ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט זיינע הענט און די צוויי פרויען האָבען זיך אויפגעשטעלט, ער האָט זיי עפּעס געזאָגט אין דער שטיל און איינע האָט געבראַכט אַ קרוג וואַסער און די צווייטע — שפּייז פאַר די געסט.

אַלמאַעלי און שרה האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן באָדען פון געצעלט און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט עסען און זיינען אַרויס אין דרויסען האָט אַלמאַעלי באַמערקט ווי צוויי יונגען אָנגעטהאָן אין שקלאַפען־קליידער זיינען צוגעגאַנגען צום סוחר. ער האָט זיך מיט זיי עפּעס געשושקעט און

באַלד האָט ער דערפיהלט ווי אַ בליק פון איינעם פון די יונגען איז געפאַלען אין זיין ריכטונג. זיין האַרץ האָט איהם אַ צאַפּעל געטהאָן.

— דו ווייסט מיין שוועסטער, אַז מיך פאַרדריסט שוין וואָס איך האָב זיך צו איהר אומגעקעהרט? — האָט אַלמעאַלי אַריינגערוימט זיין שוועסטער אין אויער — עפּעס שרעקט מיר דאָס האַרץ.

— און מיר דוכט זיך אַז ער האָט אונז פיין באַהאַנדעלט — האָט שרה איהם געענטפערט — אויסער דעם האָט ער צוויי פרויען, און איך גלויב קוים אַז ער וויל אונז שלעכטעס טהאָן.

— מיר שיינט אָבער אַז עפּעס איז ער אויסען. איך האָב באַמערקט ווי ער האָט זיך גע'סוד'עט מיט די יונגען און איך בין זיכער אַז ער האָט מיט זיי גערעדט וועגען אונז, ווייל איך האָב גלייך דערפיהלט די בליקען פון איינעם פון זיי.

— נו, וואָס קענען מיר טהאָן? — האָט שרה מיט שרעק געפרעגט

— קען מיר דען אַנטלויפען?

— אונזער פערד געפינט זיך צווישען זיינע פערד און מיר וועלען איהם דאַרפען אָנזאָגען אַז מיר ווילען אָפּרייזען פון דאַנען. און דאָס איז מיר זעהר שווער צו טהאָן, נאָכדעם ווי ער האָט אונז אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל גאַסטפריינדליכקייט.

— איך האָף, אַז די אַנדערע סוחרים וועלען באַלד אָנקומען און מיר וועלען צוזאַמען מיט זיי אָפּרייזען. איך האָב מורא דאָ לאַנג צו פאַרבלייבען, ווייל איך בין זיכער אַז אַל מומען האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל אונז נאָכצויאָגען און זיי קענען נאָך אָנקומען אַהער...

— עס איז גאַנץ מעגליך אַז אונז וועט אויסקומען איבערצונעכטיגען דאָ — האָט אַלמאַעלי געזאָגט — ניין, מיט טאָרען דאָ ניט נעכטיגען!

— און וועט דען אונז זיין בעסער אויב אונז וועט אויסקומען צו נעכטיגען אין מיטען וועג? — האָט שרה געזאָגט — איך זעה אַז מיר וועלען ניט קענען אַוועקגעהן פון דאַנען, אַמווייניגסטען דאַרפען מיר ניט אַרויסצייגען אַז מיר זיינען אין שרעק.

זיי האָבען פּלוצלונג אויפגעהערט צו ריידען, ווייל זיי האָבען באַמערקט אַז דער סוחר דערנעהענטערט זיך צו זיי.

— נו, האָט איהר זיך עטוואָס אויסגערוהט, מיינע פריינד? — האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט אַ שמייכעל. — איהר דאַרפט זיין צופרידען וואָס איהר האָט מיר אָנגעטראָפען אין אייער וועג. דאָס איז אַ סימן אַז אַללאַה איז מיט אייך. ער באַשיצט אייך פון אַל דאָס בייז. פאַר איינצעלנע רייזענדע איז דער וועג צום האַפען זעהר אַ געפעהרליכער. ניט איין מאָל האָב איך געהערט אַז רויבער זיינען באַפאַלען דורכרייזענדע, און כאָטש איך בין ניט אַליין, איך האָב קנעכט, וועלכע זיינען שטאַרקע יונגען און זיינען אויך גוט באַוואָפענט, פונדעסטוועגען וואָלט איך זיך ניט אונטערגענומען דורכצומאַכען די רייזע אָהן דער באַגלייטונג פון די אַנדערע סוחרים וועמען איך ערוואַרט.

— עס איז גאַנץ מעגליך אַז די סוחרים וועלען זיך לאַנג פאַרזאַמען

און דערווייל וועלען מיר פאַרלירען די געלעגענהייט צו קריגען אַ שיף וואָס וועט אונז פיהרען נאָך מצרים.

— איך ערוואַרט אַז די סוחרים זאָלען קומען היינט אין אָוועגד, און אויב ניט וועלען זיי אַמשפּעטסטען אָנקומען מאָרגען גאַנץ פריה, און דאַן וועלען מיר צוזאַמען אָפּרייזען.

אַלמאַעלי האָט איינגעזעהן אַז קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר איהם ניט געבליבען ווי צו בלייבען נעכטיגען.

דער סוחר האָט פאָרגעשלאָגען אַז שרה זאָל איבערנעכטיגען די נאַכט אין דעם געצעלט פון די פרויען, און ער קען שלאָפען מיט די יונגען, אָבער אַלמאַעלי האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזען זיין שוועסטער פון זיך, און ער האָט געזאָגט אַז זיי וועלען ווי עס איז איבערנעכטיגען צוזאַמען אין דרויסען.

— איך וועל בעטען מיינע יונגען און זיי וועלען פאַר אייך ביידען אויפשטעלען אַ קליינעם געצעלט — האָט דער סוחר זיי געזאָגט.

אַלמאַעלי האָט איהם שטאַרק באַדאַנקט פאַר זיין גנעדיגקייט. ער האָט יעצט אַליין ביי זיך ניט געקענט אָפּמאַכען, אויב זיי האָבען ווירקליך אָנגעטראָפען אויף אַ גוטהערציגען אַראַבער אָדער ער פאַמאַסקירט זיך אין גוטסקייט, כדי ער זאָל זיי נאָכהער קענען שלעכטעס טהאָן...

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַלמאַעלי ניט צוגעמאַכט זיינע אויגען. ער האָט געוואַכט איבער זיין שוועסטער, וועלכע איז פון גרויס מידקייט זעהר געשמאַק איינגעשלאָפען.

ער האָט קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען. ווען עס האָט אָנגעפאַנגען ליכטיג צו ווערען, האָט ער פרייער אָפּגעאַטעמט. שרה האָט אויפגעעפענט איהרע אויגען און דערזעהענדיג איהר ברודער נעבען זיך, האָט זיך אַ פרייד צעגאָסען אויף איהר פּנים.

— ביזט געשמאַק געשלאָפען, מיין ברודער? — האָט זי איהם געפרעגט.

— געווים! — האָט ער געענטפערט — איך האָב זיך ניט לאַנג צוריק אויפגעכאַפּט. — ער האָט איהר ניט געוואָלט זאָגען אַז ער האָט מורא געהאַט צו שלאָפען.

— האָסטו דיין געלט מיט זיך? — האָט שרה איהם אַ פרעג געטהאָן.

אַלמאַעלי האָט אַ טאַפּ געטהאָן אין גאַרטעל וואו ער האָט געהאַלטען די גאָלדענע רענדלעך.

— יע, איך האָב די געלט!

— ווי עס ווייזט אויס, האָבען מיר איהם אומזיסט חושד געווען!

— האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער אין דער שטיל — ער איז ווירקליך אַ גוט־הערציגער מאַן און ער האָט מיט אונז געטאָן אַ גרויסען חסד.

אין אַ ווייל'ע אַרום זיינען זיי אַרויס פון געצעלט און דער סוחר האָט זיי באַגריסט מיט אַ שמייכעל. ער האָט זיי איינגעלאַדען צום פריהשטיק. איידער ער איז אַריין אין געצעלט, האָט זיך דער אַראַבישער סוחר אויסגעשפּרייט אויף דעם גראָז מיט דעם פּנים צו דער ערד און ער האָט מתפּלל געווען.

— לאָמיר אויך אזוי טהאָן! — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען צו זיין שוועסטער אין דער שטיל — ער טאָר ניט פארדעכטיגען אז מיר זיינען ניט קיין מאכמעדאַנער. גאָט וועט אונז מוחל זיין, ווייל אויב ער יועט אויסגעפינען אז מיר זיינען אידען, דאַן זיינען מיר פאַרלאָרענע.

אלמאעלי און שרה האָבען אויך געטהאָן דאָס זעלבע און האָבען זיך געמאַכט אז זיי זיינען כלומרשט מתפלל צו אללאה'ן.

נאָכדעם זיינען זיי אריינגעקומען אין געצעלט און געגעסען.

באַלד איז אריינגעקומען א יונג און האָט אָנגעזאָגט אז די אנדערע סוחרים קומען אָן.

— מיר גרייטען זיך אין וועג! — האָט דער סוחר אויסגערופען.

אַלמאעלי און שרה זיינען ארויסגעקומען פון געצעלט און האָבען פון ווייטען דערזעהן א קאראוואַן מיט קעמלען און אייזלען דערנעהענטערט זיך. זיי האָבען זיך דערפרעהט. יעצט איז שוין ביי זיי קיין צווייפעל ניט געווען אז דער סוחר איז עהרליך און האָט קיין בייזע כוונות געהאַט, און אז אין גיכען וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט צו פארלאָזען שפּאַניען.

ווען די סוחרים זיינען צוגעקומען האָט ער באַמערקט ווי אלע באַגריסען זעהר פריינדליך דעם סוחר. — ווי עס ווייזט אויס, איז ער דער אָנפיהרער פון דעם קאראוואַן — האָט ער ביי זיך געטראַכט — זיי קענען איהם אלע זעהר גוט. ער האָט אויך געהערט אז זיי רופען איהם אל הוני, און מיט יעדער רגע האָט ער געקראָגען אלץ מעהר צוטרויען צו איהם.

זיי האָבען זיך גענומען גרייטען אין וועג. דער סוחר אלהוני האָט פאָר־געשטעלט אלמאעלי'ן און שרה'ן פאַר די איבעריגע סוחרים.

— זיי האָבען ניט לאַנג צוריק געהייראַט און ווילען אָפּרייזען נאָך מצרים — האָט ער צוגעגעבען.

די סוחרים האָבען זיי באַטראַכט, איבערהויפּט האָבען זיי דורכגענומען מיט זייערע בליקען די יונגע, וואונדער שעהנע שרה.

איידער זיי האָבען אָנגעפאַנגען אָפּצורייזען האָט זיך אלהוני געווענ־דעט צו אלמאעלי'ן:

מיר האָבען מיט אונז א וועג ווייזער און מיר וועלען איהם דאַרפען באַצאָהלען. יעדער איינער פון אונז גיט עפּעס אויף זיין חלק. ווילסטו אויך ביישטייערען פאַר זיין געהאַלט אָדער פיליכט האָסטו ניט גענוג געלט, וועל איך פאַר דיר אויסלייגען.

אלהוני האָט עס בכיון געזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט אויסגעפינען וואו אלמאעלי האַלט זיין געלט.

— איך דאַנק דיר מיין האַר, איך האָב די מעגליכקייט אַליין איהם צו באַצאָהלען.

— נו, גוט. אויף דיין חלק וועט אויסקומען פינף שקלים! — האָט אלהוני ווייטער געזאָגט, און ער האָט פון איהם זיינע אויגען ניט ארונטער־גענומען. ער האָט געוואַרט ער זאָל איהם דאָס געלט געבען.

אלמאילי האָט זיך געפונען אין א גרויס פארלעגענהייט; ער האָט זעהר ניט געוואָלט ארויסנעהמען דאָס געלט פון זיין גאַרטעל פאַר איהם אין די

אויגען, ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. ער האָט פון זיך אַרונטערגענומען זיין גאַרטעל און פון דאָרט אַרויסגענומען אייניגי מטבעות און דערלאַנגט דעם סוחר אלהוני די געלט.

אלהוני האָט עס גענומען שווייגענדיג און דאַן האָבען זיי אָנגעהויבען אָפּצורייזען. זיי האָבען זיך געפיהרט לאַנגזאַם, אלמאעלי און שרה האָבען געריטען אויף זייער פערד און האָבען נאָכגעהאַלטען דעם קאַראַוואַן.

צוויי טעג האָבען זיי אַזוי אָפּגערייזט ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ האַפען פון מיטעללענדישען ים.

דאָרט האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַ שיף.

— מיר וועלען מאָרגען אָפּרייזען פון דאַנען! — האָט אלחוני זיך אָפּגערופען צו אַלמעאלי'ן — און ווי עס ווייזט אויס וועט דיר אויסקומען לאַנג צו וואַרטען אויף אַ שיף וואָס וועט דיר פיהרען נאָך מצרים. נאָר אויב דו האָסט דיין מיינונג געענדערט קענסטו זיך אויף ווייטער אָנשליסען מיט אונז. מיר זיינען אַלע עהרליכע סוחרים פון באַגדאַד און אויב דו וועסט וועלען קענסטו און דיין פרוי מיט אונז מיטרייזען ביז וואַנען מיר וועלען דערגרייכען תימן, און ווען דו וועסט דאָרטען ניט וועלען פאַרבלייבען וועסטו קענען מיט אונז רייזען ווייטער ביז באַגדאַד.

— עס איז מיר זעהר שווער צו באַשליסען! — האָט אלמעאלי געזאָגט — אָבער די גאַנצע צייט האָבען מיר געפּלאַנעוועט צו פאָהרען נאָך מצרים, און איך גלויב אַז אַהין וועלען מיר פאַרפאָהרען. מיר וועלען מוזען האָבען אַביסעל געדולד און וואַרטען ביז וואַנען אַ שיף וועט אָנקומען, וואָס וועט אונז נעהמען נאָך מצרים.

— טו ווי דו פאַרשטעהסט! — האָט אלהוני זיך אָפּגערופען — מיר דאַרפען דאָ בלויז איבערגעבען די קעמלען און די אייזלען צו זייערע אייגענטימער און דאַן וועלען מיר זיך זעצען אויפ'ן שיף.

— איך פאַרשטעה ניט! — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען — בעלאַנגען דען ניט די קעמלען און די אייזלען צו אייך?

— ווי אַזוי וועלען מיר קענען פיהרען מיט זיך אַזוי פיעל קעמלען און אייזלען! — האָט אלחוני זיך אָפּגערופען — פאַרשטעהסטו, מיר קומען גאַנץ אָפט אין דיזען האַפען, מיר פאָהרען האַנדלען אין שפּאַניען, מיר ברייגנען מיט זיך פיעל סחורה אויף אונזער שיף און ווען מיר קומען אָן דאָ, דינגען מיר די קעמלען און די אייזלען פון דאַנען און פאָהרען אַרום מיט זיי איבער'ן לאַנד ביז וואַנען מיר פאַרקויפען אונזערע סחורות און מיר קויפען איין אַנדערע סחורות, און יעצט, אַז מיר קעהרען זיך אום אָפּצורייזען אַהיים, קעהרען מיר אום די קעמלען און די אייזלען צו זייערע אייגענטימער, און דו וועסט אויך דאַרפען פערקויפען דיין פערד איידער דו זעצסט זיך אויף דער שיף.

עס איז געקומען דער צווייטער טאָג און די סוחרים האָבען אָנגעלאָדען זייער שיף מיט די סחורות און זיי האָבען שוין געהאַלטען ביים אָפּפאָהרען.

פּלוצלינג האָט זיך אלמאעלי געכאַפּט, אַז זיין גאַרטעל מיט די געלט איז פאַרשוואונדען.

— מיין געלט! מיין געלט! מען האָט מיך באַרויבט! — האָט אַלמאַעלי אויסגעשריען.

— דיין געלט! — האָט אַלחוני זיך אָפּגערופן — ווער האָט דיך געקענט בערויבען פון דיין געלט?

— איך ווייס ניט! איך האָב געהאַט מיין געלט אין מיין גאַרטעל און איך האָב יעצט אויסגעפונען אַז מיין גאַרטעל איז פאַרשוואונדען פון מיר.

— פיליכט האָסטו איהם פאַרלוירען! — האָט אַלחוני געזאָגט — נאָך אַלעמען ווייסטו אַז די אַלע מיט וועמען מיר רייזען צוזאַמען, זיינען עהרליכע מענשען. בערענק זיך וואו דו ביזט געווען און מיר וועלען געהן זוכען.

צושראָקענע און שטאַרק בעזאָרגטע איז אַלמאַעלי און זיין שוועסטער אַוועק זוכען זיין גאַרטעל אין די פאַרשידענע פלעצער וואו ער איז געווען.

— אָט איז דיין גאַרטעל! — האָט שרה מיט פרייד אויסגערופען ווען זי האָט דערזעהן ליגענדיג אויף דעם זאַמד ניט ווייט פון דעם פלאַץ וואו די שיף איז געשטאַנען.

אַ גליקליכער האָט זיך אַלמאַעלי אַ וואָרף געטאָן און אויפגעהויבען דעם גאַרטעל.

— דו זעהסט אַז צווישען אונזערע סוחרים געפינען זיך ניט קיין גנבים! — האָט אַלהוני אויסגערופען — אבי דו האָסט שוין געוואָלט אי־מיצען חושד זיין.

אַלמיאַלי האָט שנעל גענומען אַרומטטאַפּען דעם גאַרטעל און גלייך אויסגערופען:

— דאָס געלט איז פאַרשוואונדען פון גאַרטעל!

— אָ, וואָס וועלען מיר יעצט טאָן? — האָט שרה מיט טרעהרען אויס־גערופען — מיר זיינען פאַרלוירען! וואוהין זאָלען מיר זיך יעצט ווענדען!

— עס איז ווירקליך אַ גרויסער אומגליק! — האָט אַלחוני געזאָגט — איך קען ניט פערשטעהן ווי אַזוי דאָס האָט געקענט פּאַסירען. מעגליך, אַז די געלט האָט זיך אויסגעשאָטען פון גאָרטעל, ווען דו האָסט געריטען אויף דעם פערד.

אַלמאַעלי האָט אומעטום געזוכט און האָט גאָרניט געפונען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין שוועסטער אויף דעם זאַמד און ביידע האָבען פון גרויס עגמת נפש געוויינט.

— יעצט אַז מיר האָבען באַלד דערגרייכט אונזער ציעל און מיר זיינען שוין אָנגעקומען ביים האַפען פּאַסירט מיט אונז אַזאַ אומגליק. אָהן געלט וועלען מיר זיך ניט קענען ריהרען פון אָרט.

אַלחוני איז צו זיי צוגעגאַנגען און גענומען טרייסטען:

— איהר דאַרפט זיין דאַנקבאַר צו אַללאַה וואָס אייערע לעבענס זיינען געראַטעט. וואָס וואָלט איהר געטהאָן ווען רויבער באַפאַלען אייך און טויטען אייך ביידע.

— מיר זיינען אַזוי גוט ווי טויט! — האָט אַלמאַעלי אויסגערופען מיט ביטערקייט — מיר זיינען געבליבען אָהן געלט. פאָהרען ווייטער איז

פאַר אונז יעצט אוממעגליך און אומקעהרען זיך צוריק קענען מיר אויך ניט!

— איך האָב פאַר אייך אַן עצה! — האָט אלחוני זיך אָפּגערופען צו אלמאעלי און שרה'ן — איהר קומט מיט מיר אין אונזער שיף. איך וועל וועל פאַר אייךביידע בעצאָהלען די רייזע קאָסטען ביז באַגדאַד, די שטאָדט וואו מיין הויז געפינט זיך, און ווען איהר וועט אָנקומען דאָרט, וועט איהר מיר ביסלעכווייז אָפּצאָהלען.

— ווי אַזוי וועלען מיר דיר קענען בעצאָהען! — האָט אלמאעלי געזאָגט מיט אַ שטימע פון יאוש און פערצווייפלונג — מיר האָבען דאָך דאָרט אפילו קיין פריינד ניט, וועלכע וועלען זיין וויליג אונז ארויסצוהעלפען.

— אין אונזער לאַנד, זיינען אַלע מאַכמעדאַנער דיינע ברידער. נישקשה איהר וועט ניט פאַרפאַלען ווערען. איך וועל באַצאָהלען פאַר אייער רייזע און יעדענפאַלס, אויב איהר וועט מיר וועלען באַצאָהלען, וועט איהר האָבען אַ מעגליכקייט ביי מיר אָפּצואַרבייטען פאַר'ן געלט. ניין, איהר טאָרט דאָ ניט פאַרבלייבען. אָהן געלט, וועט איהר אינגאַנצען פאַרלאָרען געהן — האָט אלהוני זיך אָפּגערופען.

אלמאעלי האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין שוועסטער. עס איז איהם שווער געווען צו מאַכען דעם באַשלוס אַליין. אָבער אויך שרה האָט ניט געקענט באַשליסען. זי וויים גאַנץ גוט, אַז פאַרבלייבען דאָ, וועט זיין אוממעגליך, אַפילו ווען זיי וואָלטען געהאַט געלט, וואָלט די געפאַהר געווען גרויס אַז די נאָכיאָגער פון אלמומען וועלען זיי דערגרייכען, איידער די שיף וואָס געהט נאָך מצרים וועט אָנקומען, בפרט יעצט, ווען זיי זיינען געבליבען אין גאַנצען אָהן געלט.

— איך זעה ניט איין, וואָס מיר האָבען צו פאַרלירען! — האָט שרה אין דער שטיל אַ זאָג געטהאָן צו איהר ברודער אַזוי, אַז אלהוני זאָל זי ניט הערען — פיליייכט וועט גאָט געבען און מיר וועלען דאָרטען טרעפען אונזערע ברידער, וועלכע וועלען קומען אונז צו הילף.

— גוט, מיין פריינד, מיר נעמען אָן דיין גנאַדע מיט דאַנקבאַרקייט!

— האָט אלמאעלי געזאָגט. — איך האָף, אַז אַללאַה וועט אונז העלפען און מיר וועלען האָבען די מעגליכקייט דיר צו באַצאָהלען, אַזוי שנעל ווי מיר וועלען אָנקומען אין דיין לאַנד.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז איך וועל דערביי גאָר ניט פאַרלירען! — האָט אלהוני אַ זאָג געטהאָן מיט אַ שמייכעל. — און יעצט קענסטו פאַרקויפען דיין פערד די מענשען ביי וועמען מיר דינגען די אייזלען און קעמלען פאַר אונזער רייזע, זיי וועלען פון דיר איהם אָפּקויפען. איך וועל פּרובירען קריגען אַ גוטען פרייז פאַר איהם.

אלחוני האָט אָנגענומען דעם פערד און איהם צוגעפיהרט צו די מענשען וועלכע זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון דאָרטען. ער האָט אַ ווייל מיט זיי גערעדט און דאַן האָט ער זיך אומגעקערט און געזאָגט:

— צום באַדויערען, האָב איך קיין גרויסען פרייז ניט געקענט קריגען פאַר דיין פערד. יענע זיינען זעהר ביטרע, זיי ווייסען, אַז מיר רייזען באַלד אָפּ מיט דער שיף, און מיר וועלען זיין געצוואונגען איבערלאָזען דעם פערד,

דעריבער האָבען זיי מיר אָנגעבאָטען בלויז פינף שקלים, איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און פון זיי גענומען די קליינע סומע געלט. אָבער דאָס וועל איך צורעכענען, און ווען דו וועסט מיר אָפּצאָהלען די געלט פאַר אייער רייזע, וועל איך עס אַרונטעררעכענען.

אַלעמאַלי האָט שוין אָנגעפאַנגען צו צווייפלען אין דער ערליכקייט פון אלחוני'ן אָבער עס איז שוין פאַרפאַלען, קיין אַנדער וועג, זעהט ער ניט. ער האָט אָבער בעשלאָסען צו האַלטען אַן אָפענע אויג אויף איהם און זיין זעהר פאָרזיכטיג. דאָך האָט ער וועגען זיין פאַרדאַכט ניט געוואָלט זאָגען קיין וואָרט צו זיין שוועסטער, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך זאָרגען.

זיי זיינען אַריין אין שיף. אלחוני האָט איהם באַלד געלאָזט וויסען, אַז ער האָט באַצאָהלט דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף פיער הונדערט שקלים פאַר זייער רייזע.

— פון די פיער הונדערט שקלים וועסטו אַרונטעררעכענען די פינף, וואָס איך האָב געקראָגען פאַר דיין פערד, וועסטו מיר שולדיג זיין בלויז דריי הונדערט און פינף און ניינציג, דאָס איז אויך זעהר אַ גרויסע סומע, עס איז גאַנץ מעגליך, אַז עס באַטרעפט מעהר ווי די סומע, וואָס דו האָסט פאַרלאָרען פון דיין גאַרטעל.

— ניין, מיין פריינד, איך האָב מיט זיך געהאַט אַ הונדערט גאָלדענע רענדלאַך, וואָס עס באַטרעפט אפשר צעהן מאָל אַזוי פיעל!

— עס איז ווירקליך אַ גרויסער שאָדען, וואָס אַזוי פיעל געלד איז פאַרלאָרען געגאַנגען. דאָס באַווייזט, ווי אומפאָרזיכטיג דו ביזט געווען! איך בין אָבער זעהר פאָרזיכטיג מיט מיין געלט. איך ווייס, ווי שווער עס קומט אָן צו פאַרדינען געלט אין דער יעצטיגער צייט. מיר שטעלען איין אונזערע לעבענס און מאַכען אַזעלכע ווייטע נסיעות. יע, איך האָף, אַז דו וועסט אויף מיר קיין פאַריבעל ניט האָבען, ווען איך וועל דיר זאָגען, אַז איך וויל זיך באַוואָרענען מיט דעם געלט וואָס איך האָב פאַר דיר און דיין פרוי אויסגעגעבען. נאָך אַלעמען, זייט איהר דאָך ביידע פרעמד צו מיר, און וואָס וועל איך טהאָן, ווען מיר וועלען אָנקומען אין מיין לאַנד, און דו וועסט מיר ניט וועלען באַצאָהלען? וואָס פאַר אַ באַווייזע וועל איך האָבען געגען אייך? דעריבער, וועל איך דיר בעטען, אַז דו זאָלסט זיך אונטערשרייבען, אַז אויב דו וועסט מיר מיין געלט ניט קענען, אָדער ניט וועלען אָפּצאָהלען, זאָלט איהר ביידע פאַררעכענט ווערען פאַר מיינע שקלאַפען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך וועל אייך באַפרייען, אַזוי שנעל ווי איך וועל מיין געלט צוריקקריגען.

— ניין, איך קען עס ניט טהאָן! — האָט אַלמעאַלי געזאָגט. — אויב דו ווילסט, וועל איך זיך אַליין פאַרפליכטען צו פאַרבלייבען דיין קנעכט, אָבער ניט זי, מיין... פרוי...

ווילסטו דען אָפּרייזען אַליין, אָהן איהר? — האָט אלחוני מיט אַ גלייכגילטיגען פנים געפרעגט, — דו דאַרפסט געדענקען, אַז איך האָב אויך פאַר איהרע רייזע הוצאות באַצאָהלט.

— אויב אזוי, וועלען מיר ארויסגעהן פון שיף! — האָט אַלמעאַלי זיך אָפּגערופען, — איך וועל געפינען אַן אַנדער וועג.

עס איז שוין יעצט צו שפּעט — האָט אַלחוני איהם געענטפערט. — דאָס געלט האָב איך שוין דעם קאַפּיטאַן באַצאָהלט און אפילו, ווען איהר זאָלט יעצט אַרונטער פון שיף, וועט ער ניט וועלען מיר אומקערען דאָס געלט.

— לאָמיר איהם פרעגען! — האָט אַלמעאַלי אויסגערופען. — יעצט איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אַז זיין פאַרדאַכט איז גוט באַגרינדעט. ער וועט בעסער זעהן צו ליידען ווי ווייט מעגליך, אָבער זיך ניט פאַרקויפען צו שקלאַפען צו איהם... ער פאַרשטעהט גאַנץ גוט זיין כונה.

— איך בין גרייט איהם צו פרעגען! — האָט אַלחוני געזאָגט — אויב דו ווילסט, קענסטו מיט מיר מיטגעהן און דו וועסט הערען זיין ענטפער.

אַלמעאַלי איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַלחוני'ן, וועלכער איז צוגעקומען צום קאַפּיטאַן.

— פאַר דיזען מאַן און זיין פרוי האָב איך דיר באַצאָהלט זייער רייזע קאָסטען — האָט אַלחוני געזאָגט, און אַלמעאַלי האָט באַמערקט, ווי ער ווינקט מיט זיינע אויגען. — יעצט וויל ער חרטה האָבען און אַרונטער פון שיף. וועסטו זיין וויליג, מיר אומצוקעהרען די געלט וואָס איך האָב פאַר זיי באַצאָהלט?

— ניין! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט מיט אַ טרוקענער, אָבער שטרענגער שטימע. — איך קעהר קיין געלט ניט אום. אויב דו ביזט וויליג צו פאַרלירען דיין געלט, קענען זיי אַרונטער פון שיף.

— נו, יעצט זעהסטו שוין, אַז עס איז פאַרפאַלען. איך קען ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס דו ווילסט זיך ענטזאַגען מיר צו באַוואָרענען מיט מיין געלט. איך האָב געהאַט צוטרויען צו דיר און דו האָסט קיין צוטרויען צו מיר. איך בין אויסען געווען דיר צו טהאָן אַ טובה און איך האָב צוליעב דעם ריזיקירט מיט מיין געלט. און וואָס פאַרלאַנג איך פון דיר? בלויז, דו זאָלסט באַשטעטיגען, אַז דו ביזט מיר שולדיג די סומע געלט, און אויב דו וועסט מיר ניט קענען באַצאָהלען, זאָלט איהר ביידע פאַרבלייבען מיינע שקלאַפען, ביז וואַנען איך וועל דורך אייך קענען ארויסקריגען דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַר אייך באַצאָהלט.

— איך שווער ביי אַללאה, אַז איך וועל דיר באַצאָהלען. איך וועל אַרבייטען טאָג און נאַכט, ביז וואַנען איך וועל קענען דיר אָפּצאָהלען.

— דאָס אָבער וועט נאָך אַלץ ניט גאַראַנטירען מיין געלט! — איך וויל האָבען אַ פאַרזיכערונג פון דיר, אַז בלויז דאַן, וועל איך זיין זיכער אַז דו מיינסט מיר אָפּצאָהלען מיין געלט, ווען דו וועסט אונטערשרייבען צו זיין מיינע שקלאַפען, אין פאַל דאָס געלט וועט מיר ניט אָפּגעצאָהלט ווערען.

אַלמעאַלי האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט אונטערשרייבען.

שרה, וועלכע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דערווייטענס, האָט גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט וואָס עס קומט פאָר. ווען אָבער זי האָט באַמערקט, ווי אלחוני בייזערט זיך, און דער ברודער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין, איז זי דאַן צוגעגאַנגען נעהענטער און זיך אָפּגערופען:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

אלחוני האָט איהר דערצעהלט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און צוגעגעבען:

— די איינציגע זאַך וואָס איך וויל, איז צו זיין זיכער מיט מיין געלט. ער וויים גאַנץ גוט, אַז ווען דער קאַפּיטאַן וואָלט מיר אומגעקעהרט מיין געלט, וואָלט איהר געקאָנט אַרונטערגעהן פון שיף.

— איך בין וויליג אונטערצושרייבען פאר זיך אַליין! — האָט אַלמאעלי זיך אָפּגערופען צו שרה'ן. — אָבער ער פארלאַנגט, אַז אויך דו זאָלסט זיין שקלאַפין ווערען, אין פאַל מיר וועלען איהם ניט קענען באַצאָהלען.

— איך בעט דיר, אַלמעאלי! — האָט זיך שרה אָפּגערופען — וואָס עס וועט געשעהן מיט דיר, וועט אויך געשעהן מיט מיר! — דו זעהסט דאָך אַז קיין אַנדער אויסוואַהל האָבען מיר ניט!

— איך זעה אַז דיין פרוי איז ווירקליך עהרליך און פאַרשטענדליך! האָט אַלחוני אויסגערופען — איהר ביידע זייט צו מיר פרעמד. איך האָב געזעהן, אַז איהר זייט עלענד און פאַרלאָזען און איך בין געווען וויליג אייך צו העלפען. איך האָב פון אייך גאָרניט פארלאַנגט, אויסער דעם טייל פאר דעם וועג ווייזער און יעצט, אַז אַזאַ אומגליק האָט פאַסירט און ער האָט דאָס גאַנצע געלט פארלאָרען, בין איך וויליג עס דיר אויסצובאָרגען, אָבער איך מוז האָבען אַ פאַרזיכערונג, ווייל אַזוי ווי ער געטרויט מיר ניט, פאַרוואָס זאָל איך איהם געטרויען? וואָס וועל איך טהאָן, ווען ער וועט פאַרלייקענען, אַז עס קומט מיר געלט. וואָס פאַר אַ באַווייז וועל איך געגען איהם האָבען?

אַלמעאלי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער און זיין שוועסטער זיינען אַריינגעפאַלען, אַז קיין אַנדער אויסוועג האָט ער ניט, האָט ער זיך אונטערגעשריבען, אַז אין פאַל ער וועט איהם ניט קענען אומקעהרען די דריי הונדערט און פינף און ניינציג שקלים, זאָל ער און שרה ווערען זיין אייגענטהום ביז וואַנען ער וועט דאָס געלט אַרויסקריגען.

אלחוני האָט צוגענומען דעם שטיקעל פאַרמעט אויף וואָס אַלמאעלי האָט אונטערגעשריבען דאָס ער און זיין „פרוי“ שרה וועלען פאַררעכענט ווערען אַלס זיינע שקלאַפען ביז וואַנען די סומע געלט פון דריי הונדערט פינף און ניינציג שקלים וועלען אויסגעצאָהלט ווערען. אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין פנים, ווען ער האָט דעם פאַרמעט פאַרוויקעלט און פאַרזיכטיג אין זיין בוזים קעשענע אַריינגעלייגט. ער האָט אָפּגעמאָסטען שרה'ן מיט זיינע בליקען און מיט צופרידענהייט איז ער געגאַנגען צו זיין קאַמער, וואו זיינע צוויי פרוייען זיינען געווען.

— גאָר אין גיכען וועט איהר האָבען אַ שעהנע ליבעסווירדיגע פריינדין,

פון מיינע צוויי פרויען וועלען ווערען דריי! דער הייליגער מאַכמעד האָט מיר אין ריכטיגען וועג געפיהרט, און דערפאַר וועל איך טרינקען וויין.

— ווילסטו טרינקען וויין? — האָט די עלטערע פון די צוויי פרוייען אויסגערופען, און עטוואָס אַראָפּגעשאַרט דעם שלייער פון איהר פּנים, — ווילסטו דען באַגעהן אַ זינד געגען אַללאה?

— דער הייליגער מאַכמעד, וועלכער האָט מיר באַגליקט ביז איצט אין אַלע מיינע אונטערנעהמונגען, וועט מיר פאַר אַזאַ קליינע זינד מוחל זיין! — האָט אלחוני אויסגערופען און אַרויסגענומען אַ קריגעל וויין. — איך טרינק פאַר דער שעהנער שקלאַפין, וואָס איז אין מיין גורל אַריינגעפאַלען! — האָט ער אויסגעזופּט אַ בעכער וויין. ער האָט אָנגעפילט נאָך צוויי בעכער פאַר זיינע פרויען, אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט טרינקען.

אלחוני האָט זיך צום האַרצען ניט גענומען. ער האָט אַליין אויסגעליידיגט זייערע צוויי בעכער. ער איז שוין געווען היבש שכור׳לעך. דאַן האָט ער פון אַ פאַרבאָרגענעם פלאַץ אַרויסגענומען אַ פעקעל און פון איהם אַרויסגעשאָטען אויפ׳ן טיש גאָלדענע רענדלעך.

— איך וויל זעהן אויב עס איז ריכטיג! — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט. — עס דאַרף זיין הונדערט גאָלדענע רענדלעך. אָט וועל איך צעהלען.

ער האָט גענומען צעהלען און יעדע ווייל זיך צוטומעלט און צעפּלאָנמערט און האָט ווידער גענומען צעהלען פון אָנפאַנג אָן.

— ער האָט געזאָגט אַ ליגען! — האָט אלהוני זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— עס איז פאַראַן מעהר ווי הונדערט רענדלעך! כאַ, כאַ, כאַ! אין זיין גאַרטעל האָט ער דאָס געהאַלטען אָבער פון אלהוני׳ס אויג קען מען קיין זאַך ניט באַהאַלטען.

די פרויען, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט געקוקט אויף זייער מאַן מיט שרעק און געשוויגען, זיינען געוואָרען ערשטוינט צו זעהן פּלוצלונג אַזוי פיל גאָלדענע רענדלעך. נאָר גרעסער איז זייער ערשטוינונג געווען, ווען זיי האָבען געהערט איהם ריידענדיג, אַז די רענדלעך זיינען געהאַלטען געוואָרען אין גאַרטעל. זיי האָבען געהערט, אַז אלמאַעלי האָט פאַרלאָרען זיין געלט, און איצט זעהען זיי, אַז זייער מאַן האָט איהם איינפאַך באַרויבט.

— דו האָסט אויף דער דאָזיגער רייזע פאַרדינט אַזוי פיל געלט! — האָט די עלטערע פרוי זיך צו איהם אָפּגערופען. — איצט פאַרשטעה איך פאַרוואָס דו ביזט אַזוי פרעהליך!

— איך האָב עס פאַרדינט, ווייל איך באַזיץ שכל! — האָט ער מיט שטאָלץ אויסגערופען. — יע, אַזאַ קלוגען מאַן ווי איהר פאַרמאָגט האָט קיין פרוי ניט אין גאַנץ באַגדאַר! און דערפאַר וועט איהר אַליין צוגעען, אַז איך האָב פאַרדינט צו באַזיצען אַזאַ וואונדערבאַרען אוצר ווי די שעהנע שרה איז! יע, אויך זי האָב איך געקראָגען מיט שכל און קלוגשאַפט. כאַ, כאַ, כאַ! זיין גאַנצער פאַרמעגען איז ביי מיר און דערצו זיינען זיי ביידע מיינע שקלאַפען.

אלהוני האָט נאָך אַמאָל גענומען צעהלען דאָס געלט און דיזען מאָל האָט זיך איהם אויסגערוכט, אַז עס פעלען איהם דריי רענדלעך צום צאָהל

הונדערט. ער איז געוואָרען אויפגערעגט און גענומען קלאַפּען מיט'ן פויסט אויפ'ן טיש.

— דער גנב! דער שווינדלער! איך וועל איהם זיין הויט אַרונטער־שינדען. ער האָט מיר באַ'גנב'עט, דער שקלאַפּען־יונג!

— ווער האָט דיר באַ'גנב'עט? — האָט די אינגערע פרוי זיך צו איהם אָפּגערופען.

— מיין יונג ראַמי! איך וועל איהם אין קייטען שמידען!

— ראַמי! ראַמי! — האָט אלהוני אויפגעעפענט די טיר פון זיין קאַמער און גערופען זיין יונג.

ראַמי אַ צושראָקענער און בלאַסער איז גלייך צו איהם צוגעקומען און זיך פאַר איהם אַ נויג געטהאָן.

— דו גנב, דו אויסוואורף! — האָט דער שכור'ער אלהוני איהם אַרונ־טערגעלאָזען אַ פייערדיגען פאַטש. — דו האָסט אַרונטערגע'גנב'עט דריי רענדלעך!

— אָה, ניין, מיין האַר! — איז דער יונג געפאַלען אויף זיינע קני. — איך האָב דאָס געלט ניט אָנגעריהרט. אַזוי ווי איך האָב אַרונטערגענומען דעם גאַרטעל פון אַלמאַעלי'ן אַזוי האָב איך דיר איבערגעגעבען. זאָלען מיינע הענד אָפּגעדאַרט ווערען אויב איך האָב זיך צוגעריהרט צום געלט.

— האָסטו געוויס פאַרלאָרען די דריי רענדלעך, ווייל דו ביזט ניט געווען פאָרזיכטיג. איך האָב דיר אָנגעזאָגט אַז דו מוזט זעהר פאָרזיכטיג זיין.

— איך האָב געטהאָן מיין האַר, אַלעס ווי דו האָסט מיר געהייסען! — האָט ראַמי געזאָגט. — איך האָב זעהר פלינק פון איהם זיין גאַרטעל מיט די געלט אַרונטערגענומען אין דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרנומען אין אָנטרינקען זיין פערד און אַזוי שנעל ווי דער גאַרטעל איז אין מיין האַנט געווען האָב איך איהם געבראַכט צו דיר און איך שווער, אַז איך האָב זיך ניט צוגעריהרט צום געלט!

— איך וועל דיר גוט באַזוכען! — האָט אלהוני נאָך אַלץ ניט אויפ־געהערט צו שטורמען. ער האָט איהם באַטאַפּט און געזוכט, אָבער ער האָט גאָרניט געפונען.

— פריהער, ווען דו האָסט געצעהלט דאָס ערשטע מאָל, איז דיר אויסגעקומען, אַז עס איז געווען מעהר ווי הונדערט רענדלעך! — האָט זיין עלטערע פרוי זיך צו איהם אָפּגערופען. — פילייכט וואָלסטו נאָך אַמאָל איבערגעצעהלט וועסטו זיך דאַן איבערצייגען אויב עס פעלט ווירקליך געלט.

אלהוני האָט נאָך אַמאָל גענומען צעהלען. זיינע פרויען האָבען איהם געהאָלפען.

— יע, ריכטיג הונדערט! — האָט ער אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען גענומען לייכטען. — דו ביזט אַן עהרליכער יונג, — האָט ער זיך צו איהם געווענדעט — און דערפאַר קענסטו טרינקען וויין!

ער האָט אָנגעפילט דעם בעכער און דער יונג האָט עס אויסגעזופּט און איהם באַדאַנקט.

— איצט קענסטו געהן! — האָט ער איהם באַפוילען. — איך זעה, אַז דו ביזט אַ בראַווער עהרליכער יונג.

ראַמי האָט זיך פאַרנייגט און האָט פאַרלאָזען דעם קאַמער.

אלהוני האָט גענומען צוזאַמענלייגען די גאָלדענע רענדלעך און ער האָט דערצעהלט זיינע ווייבער וועגען זיין קלוגען איינפאַל.

— איך האָב גלייך אויסגעפונען, אַז ער האָט געלט מיט זיך! — האָט ער זיך אָפּגערופען, — אָבער איך האָב ניט געוואוסט, וואו ער באַהאַלט עס. האָב איך איהם מיט אַ כיון געזאָגט, אַז ער זאָל באַצאָהלען זיין חלק פאַר דעם וועג־ווייזער. איך האָב פון איהם מיין אויג ניט אַרונטערגענומען און איך האָב געזעהן אַז ער נעהמט אַרויס געלט פון זיין גאַרטעל. און דאַן האָב איך געהייסען דעם יונג ער זאָל פון איהם אַרונטערנעהמען זיין גאַרטעל און איהם צו מיר ברייננגען. כאַ, כאַ, כאַ! דאָס איז אָבער נאָך פאַר מיר געווען ניט גענוג, זיין שעהנע פרוי שרה האָט מיך פאַר׳כשופ׳ט מיט איהרע וואונדער־שעהנע אויגען און מיין וואונש זי צו באַזיצען איז נאָך געווען שטאַרקער ווי צו באַזיצען זיין געלט. און מיט מיין קלוגען פאַרשטאַנד האָב איך אויך דאָס אויסגעפיהרט.

— ווי אַזוי האָסטו באַוויזען זי צו קריגען פאַר זיך? — האָט די עלטערע פרוי זיך אָפּגערופען צו איהם.

— אלהוני וועט אַזאַ גוטען ביסען פון זיין מויל ניט אַרויסלאָזען! — האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט. — איך האָב מיין טאָפּעלען פּלאַן דורכגעפיהרט. איך האָב געוואוסט, אַז אָהן געלט וועלען אלמאַעלי און שרה מוזען מיטרייזען מיט מיר אין דער דאָזיגער שיף. האָב איך שוין אָנגעמאַכט מיט דעם קאַפּיטאַן, און דערווייל געזאָגט איך וועל פאַר איהם און זיין פרוי באַצאָהלען די רייזע קאָסטען. און איצט האָב איך זיין אונטערשריפט, אַז זיי בײדע זײנען מײנע שקלאַפען ביז וואַנען זיי וועלען מיר אומקעהרען דאָס געלט... כאַ, כאַ, כאַ! ווי אַזוי וועלען זיי קריגען אַזוי פיל געלט אין באַגדאַד, וועלען זיי ביידע מיינע שקלאַפען זיין און אַלס מיין שקלאַפין וועל איך קענען מאַכען שרה׳ן פאַר מיין פרוי! און איהר מאַן וועט אונז נאָך ביידען דאַרפען באַדינען!

אלהוני האָט ווידער אָנגעפילט זיין בעכער און איהם אויסגעליידיגט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער און באַלד איינגעשלאָפען.

די צוויי פרויען האָבען זיך שווייגענדיג איבערגעוואָרפען מיט בליקען און ווען צו זייערע אויערען האָט דערגרייכט דאָס כראָפּען פון זייער מאַן, האָבען זיי זיך גענומען דורכריידען:

— ווען מיין פאָטער האָט מיך פאַרקויפט צו אלהוני׳ן פאַר זיין פרוי, האָט ער געמיינט, אַז ער איז עהרליך און גאָטספאָרכטיג! — האָט די עלטערע פרוי זיך אָפּגערופען. — איצט אָבער זעה איך ווי פאַרדאָרבען ער איז. ער האָט באַרויבט אַזוינע פיינע מענשען, ער האָט ביי זיי זייער געלט אַוועקגערויבט און דאָס איז איהם נאָך געווען ווינציג, האָט ער זיי פאַר זיינע שקלאַפען געמאַכט.

— מיין האַרץ טוט מיר וועה פאַר דער יונגער שרה׳ן! — האָט די

צווייטע פרוי זיך אָפּגערופֿען. — איך ווייס ווי שטאַרק ליב זי האָט איהר מאַן, און איצט ווייס זי גאָרניט וואָס פאַר אַן אומגליק עס לאָיערט אויף איהר און איהר מאַן. אייביגע שקלאַפען וועלען זיי פאַרבלייבען. ווי האָבען דאָך קיינעם ניט אין באַגדאַד און פאַר זיי איז קיין האָפנונג ניטאָ ווען עס איז צו קריגען אַזאַ סומע אויסלייז־געלט, דאַריבער וועט זי זיין געצוואונגען צו טהאָן וואָס ער וועט זי הייסען.

— איהם איז נאָך ווינציג וואָס צו אונז האָט ער נאָך אין באַגדאַד פינף קעבס־ווייבער, ער וויל זי מאַכען פאַר זיין פרוי — האָט די אינגערע אויסגערופען, — דאַן וועט ער זיך אין גאַנצען אויף אונז ניט אומקוקען. ער וועט אונז האַלטען ווי דינסטען. ניין, מיר טאָרען עס ניט דערלאָזען.

— און וואָס קענען מיר טהאָן?

— מיר וועלען דאַרפען וואָרענען שרה'ן וועגען דעם, זאָל זי וויסען זיינע כוונות.

— און ווי אַזוי וועט זי זיך איצט קענען העלפען? — האָט די עלטערע געזאָגט אין דער שטיל. — זי איז דאָך אין גאַנצען אין זיין מאַכט. ביידע זיינען הילפלאָז אָהן געלט, בפרט ווען ער האָט זיך אונטערגעשריבען, אַז זיי ביידע וועלען זיין זיינע שקלאַפען אויב ער וועט איהם ניט קענען אָפּצאָהלען דאָס געלט.

— איך האָב געוואוסט, אַז אונזער מאַן איז שלעכט און ווייט פון צו זיין עהרליך, אָבער אַז ער זאָל זיין אַזוי פאַרדאָרבען, האָב איך זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט — האָט די אינגערע געזאָגט.

— מיר וועלען דאַרפען געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו דערצעהלען שרה'ן אַלעס וואָס אונזער מאַן האָט צו איהר געטהאָן. פיליכט וועט זי זיך קענען אַרויסראַטעווען פון זיינע הענט.

— ווען אלהוני וועט אויסגעפינען אַז מיר האָבען איהם פאַרראַטען, וועט ער אונז ביידען טויטען!

— ווען ער וועט נעהמען די יונגע שעהנע שרה פאַר זיין פרוי, וועט אונזער לעבען אַלץ איינס זיין פאַרביטערט — האָט די עלטערע פרוי געזאָגט. — וואָס ווייטער ווערט ער נאָך מעהר פאַרדאָרבען. ער פאַנגט אָן צו שכור'ן און עס איז אונזער מזל, וואָס ער איז באַלד איינגעשלאָפען, אַז ניט וואָלט ער זיך גענומען צו אונז. ער וואָלט אונז אָהן רחמנות צוקיילט און צובייזלט, ווי ער האָט עס געטהאָן אין באַגדאַד צו מיר, ווען איך האָב זיך געוואָלט אַנטזאָגען מיט איהם מיטצורייזען.

— אַזוי ווי בהמות פיהרט ער אונז מיט זיך! — האָט די אינגערע געזאָגט. — מיר דאַרפען ערפילען זיינע ווילדע תאוות און דערצו נאָך זיין אויסגעזעצט צו די געפאַהרען פון וועג. אָה, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט די מעגליכקייט מיין פאָטער צו זעהן און איהם אַלעס דערצעהלען. איך בין זיכער, אַז ער וואָלט מיר איינגאַנצען באַפרייט פון איהם.

— ווען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען אין באַגדאַד, וועל איך שוין זעהן, אַז דער שופט זאָל אויסגעפינען פון זיינע פאַרברעכענס און דאַן וועט ער איהם באַשטראָפען, און מעגליך, אַז מיר וועלען דורכדעם עפּעס געניסען.

— שרה און איהר מאַן מוזען דערפון וויסען! — האָט די אינגערע געזאָגט — איך וועל זי באַשווערען אַז זי זאָל איהם ניט דערצעהלען ווער עס האָט איהר געזאָגט. זי וועט איהר שבועה ניט ברעכען.

— וואָס פאַר אַ נוצען וועט עס איהר ברייגנען ווען זי וועט שוין וויסען דערפון, וועט זי זיך קענען העלפען? ווען עס וואָלט געווען מעגליך איהר אומצוקעהרען דאָס געלט, דאַן וואָלט זי זיך פון איהם געקענט באַפרייען.

— אַלהוני היט דאָס געלט ווי זיינע אויגען. און אויב מיר ווילען בלייבען לעבען, טאָרען מיר אַפילו ניט טראַכטען פון דעם. דו האָסט דען ניט געזעהן וואָס ער האָט געטהאָן צו זיין יונג ראמי ווען ער האָט איהם בלויז פאַרדעכטיגט אַז ער האָט פאַר זיך גענומען אַ פּאָר רענדלעך. ניט גענוג וואָס ער האָט איהם געצוואונגען צו געהן בע'גנב'ענען אַלמאַעלי'ן און דורך דעם זיין לעבען אין געפאַהר שטעלען, האָט ער איהם אַזוי געשלאָגען, ווען איהם האָט זיך אויסגעדוכט אַז איהם פעהלען דריי רענדלעך. און יעצט קאָנסטו זיך פאָרשטעלען וואָס עס וועט געשעהן ווען ער וועט אויסגעפינען אַז מיר האָבען פון איהם דאָס געלט אַוועקגע'גנב'עט און דאָס אומגעקערט צו שרה'ן.

— דאָך גלויב איך אַז שרה דאַרף עס וויסען. און איך אַליין וועל איהר אַלעס דערצעהלען. איך בין זיכער אַז זי וועט מיר ניט פאַרראַטען — האָט די עלטערע אויסגערופען — איך וועל איהר ערקלערען די געפאַהר אין וועלכער איך וועל זיך געפינען אויב ער וועט אויסגעפינען אַז איך האָב עס איהר דערצעהלט, און זי וועט זיין פאָרזיכטיג.

ב — ווי אַזוי אָבער וועסטו זיך מיט איהר קאָנען זעהן, אין דער צייט ווען אלהוני לאָזט אונז ניט אַרויס פון זיין רשות אַפילו אויף אַ רגע?

— דאָס וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען צו שכור'ן, וועט עס מעגליך מאַכען פאַר אונז צו זיין עטוואָס פרייער.

---

די שיף האָט שוין זיך דערווייטערט פון ברעג און אַלמאַעלי איז געזעסען נעבען זיין שוועסטער אַ דערשלאָגענער און טרויעריגער. ער האָט יעצט איינגעזעהן אַז אלהוני איז אַ פאַרדאָרבענער מענש, אַז ער איז זעהר ביטרע. ווי נאָר ער האָט אויף שרה'ן געוואָרפען זיינע אויגען, האָט ער שוין געזעהן אויסצומאַרקירען אַז זי זאָל מיט איהם מיטרייזען. דאָס וואָס ער האָט זיך צום אָנפאַנג געמאַכט אַז ער איז גלייכגילטיג צו דעם, האָט ער געוואונען נאָך מעהר צוטרויען צו זיך. איין זאַך האָט אַלמאַעלי ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי אַזוי עס איז פאַר איהם געווען מעגליך צו פאַרלירען זיין גאַרטעל מיט דעם געלט. ער איז דאָך געווען אַזוי פאָרזיכטיג, אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז זיי ניט געווען באַשערט צו לאַנדען אין מצרים, וואו זיי וואָלטען ביידע זיך פריי געפיהלט.

— מיין ליבער ברודער! — האָט זיך שרה צו איהם געווענדעט — פאַרוואָס זאָלסטו זיין אַזוי טרויעריג? נאָך אַלעמען דאַרפען מיר זיין צופרידען וואָס אונז איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון אַלמומענ'ס הענט.

ווען איהם וואָלט געלונגען אונז צו כאַפּען, וואָלטען מיר שוין יעצט ביידע ניט געווען צווישען די לעבעדיגע.

— יע, טייערע שוועסטער, מיר דאַרפען זיך צופרידענשטעלען וואָס אונז איז געלונגען צו אַנטלויפען פון שפּאַניען. אָבער מיין האַרץ שרעקט מיך זעהר פאַר דיין צוקונפט, פאַר אונזער צוקונפט. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אַז אַלהוני איז אַ פאַרדאָרבענער מענש און ער טראָגט זיך אַרום מיט ניט קיין ריינע כוונות וועגען דיר. מיר פאַרדריסט שטאַרק וואָס איך האָב זיך געלאָזען איבעררעדען און צוגעשטימט אונטערצושרייבען אַז מיר זיינען פאַררעכענט פאַר זיינע שקלאַפען ביז וואַנען מיר וועלען איהם אָפּצאָהלען.

— אָבער דו האָסט דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט! — האָט שרה זיך אָפּגערופען.

— ווי איך פאַרשטעה איז דער קאַפּיטאַן פון דער שיף אויך ניט ווינציגער פאַרדאָרבען ווי אַלהוני! — האָט ער געזאָגט — זיי האָבען ביידע אַן אָפּמאַך צווישען זיך!

— און ווען דו וואָלסט דיין געלט ניט פאַרלאָרען וואָלטען מיר יעצט גאָר קיין זאָרג ניט געהאַט!

— ווער ווייס אויב אַלהוני האָט אין דעם קיין האַנט ניט! כאָטש ער איז גראַד צו יענער צייט, ווען איך האָב עס פאַרלאָרען, אַפילו ניט געווען נאָהענט צו מיר. יעצט אָבער איז אַלעס פאַרפאַלען. מיר זיינען פאַררעכענט פאַר זיינע שקלאַפען. מיר זיינען זיין אייגענטהום און ער קען טהאָן מיט אונז וואָס ער וויל! אַזוי שנעל ווי מיר קומען אָן אין באַגדאַד וועט ער כלומרשט מאַכען אַ פאַרזוך אויפצומאָהנען זיין געלט, און ווען מיר וועלען ניט האָבען מיט וואָס איהם צו באַצאָהלען, וועט ער אונז ערקלעהרען פאַר זיינע שקלאַפען. און ווער וועט איהם דאַן שטעהן אין וועג, ווען ער וועט דיך פאַר זיין פרוי מאַכען!

— איך וועל זיך בעסער טויטען איידער איך וועל דערלאָזען אַז עס זאָל קומען דערצו! — האָט שרה טרויעריג געזאָגט — אָבער דאָך דוכט זיך מיר, אַז מיר אורטיילען איהם צו אייליג, דו אַליין זעהסט דאָך, אַז ביז יעצט איז ער זיך באַגאַנגען זעהר מענשליך מיט אונז. ער האָט אונז אַרויס־געהאָלפען אין דער צייט פון נויט.

שרה האָט פּלוצלונג דערפיהלט ווי די בליקען פון אַ פרוי זיינען אויף איהר געווענדעט. זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און זי האָט באַ־מערקט אַז איינע פון אַלהוני'ס פרויען שטעהט נעבען אַריינגאַנג פון איהר קאַמער. זי ווינקט צו איהר אַז זי זאָל צוקומען צו איהר.

— איינע פון אַלהוני'ס פרויען ווינשט אַז איך זאָל צו איהר צוקומען! — האָט שרה אַ זאָג געטהאָן צו איהר ברודער, און זיך גלייך אויפגעשטעלט פון איהר פּלאַץ. זי האָט זיך אומבאַמערקטערהייד צוגעשאַרט צום פּלאַץ וואו אַלהוני'ס עלטערע פרוי איז געשטאַנען.

— פרידען צו דיר שרה! — האָט יענע געזאָגט צו איהר אין דער שטיל — איך וויל דיר מיטטיילען זעהר וויכטיגעס, אָבער איך וויל אַז דו

זאָלסט מיר פריהער צושווערען ביי אללאה'ן און זיין נביא מאַכמעד, אַז דו וועסט פאַר קיינעם ניט אַרויסברייננגען אַז איך האָב עס דיר דערצעהלט.

— און אויך ניט פאַר מיין ברודער.. איך מיין, פאַר מיין מאַן! — האָט זיך שרה פאַרכאַפּט.

— פאַר דיין מאַן וועסטו עס קאָנען דערצעהלען בלויז דאַן ווען ער וועט דיר אויך צושווערען אין אללאה'ס נאָמען אַז ער וועט מיר ניט פאַרראַטען.

— איך שווער דיר ביי אַללאה! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר. איך וועל טהאָן ווי דו פאַרלאַנגסט.

— מיין מאַן אלהוני האָט זיך שטאַרק אָנגע'שכור'ט און ער איז שטאַרק איינגעשלאָפען און דאַריבער האָב איך זיך אַרויסגע'גנב'עט פון קאַמער און געוואַרט דאָ ביז וואַנען דו האָסט מיך דערזעהן. איך האָב דיר זעהר וויכטיגעס צו דערצעהלען, כאָטש איך זעה ניט איין ווי אַזוי דאָס וועט דיר יעצט קענען העלפען. דאָך געפינען איך עס פאַר מיין פליכט דיר עס צו דערצעהלען. איך וויים אַז דער הייליגער נביא מאַכמעד וועט עס מיר פאַר קיין זינד ניט פאַררעכענען, ווען איך וועל דיר אויסזאָגען וועגען אלהוני'ס פאַרברעכען. נאָך אַלעמען ביזטו דאָך אויך אַ מאַכמעדאַנערין און עס איז מיין פליכט צו טהאָן אַלעס וואָס מעגליך דיך צו וואָרענען פון אַן אָנקומענדען אומגליק!

שרה האָט אויף איהר נעקוקט מיט צושראָקענע בליקען. איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען.

— דו דאַרפסט וויסען זיין, אַז אלהוני טראָגט זיך אַרום מיט בייזע כוונות וועגען דיר. דיין שעהנהייט האָט איהם באַצויבערט ווי נאָר ער האָט דיך דערזעהן, און ער האָט באַשלאָסען דיך צו באַזיגען. ער האָט זיין באַשלוס גענומען דורכפיהרען. ער האָט אויסגעאַרבייט זיין פּלאַן פאָראויס. ער האָט שוין נעזעהן אַז דו און דיין מאַן זאָלען זיין געצוואונגען מיטצורייזען מיט איהם.

— דו מיינסט, אַז ער האָט אַ האַנט אין דעם וואָס מיין מאַן האָט פאַרלאָרען זיין געלט? — האָט שרה געפרעגט.

— יע, אלהוני האָט עס ביי איהם צוגע'גנב'עט. ניט ער אַליין האָט עס געטהאָן, אָבער ער האָט באַפוילען זיין יונג און יענער האָט גאַנץ פלינק דעם גאַרטעל מיט דעם געלט אַרונטערגענומען פון איהם. און יעצט האָט ער דורכגעפיהרט זיין פּלאַן אַז איהר זאָלט מיט איהם מוזען מיטפאָהרען און דערצו האָט ער שוין געזעהן אַז איהר ביידע זאָלט ווערען זיינע שקלאַפען. דיין מאַן האָט אַזוי אונטערגעשריבען, און ער פּלאַנעוועט יעצט, אַזוי שנעל ווי מיר וועלען אָנקומען אין באַגדאַד, צו צווינגען דיין מאַן, וועלכער איז אויך זיין שקלאַף, דיר אָפּצו'גט'ען און דאַן וועט ער דיך מאַכען פאַר איינער פון זיינע קעפּס-ווייבער.

— אָה דער אומווירדיגער מאַן! — האָט שרה אויסגערופען, און אַלע גלידער פון איהר קערפּער האָבען גענומען ציטערען — ער האָט אונז באַ'גנב'עט און דערצו וויל ער נאָך אונז פאַר זיינע שקלאַפען מאַכען!...

מיר וועלען דערצעהלען דעם קאַפּיטאַן, ער וועט אונז גלויבען. איך וועל

זאָגען, אַז מיר האָבען עס אויסגעפונען. איך וועל דיך ניט פאַרראַטען, אָבער דער קאַפּיטאַן מוז דערפון וויסען!

— מיט דעם וואָס דו וועסט דערצעהלען דעם קאַפּיטאַן וועסטו קיינע נוצען ניט האָבען — האָט זי געזאָגט — איך וויים אַז אלהוני און דער קאַפּיטאַן האָבען צווישען זיך אַן אָפּמאַך. איך האָב מורא אַז דו וועסט נאָך ערגער מאַכען, ווייל דער קאַפּיטאַן איז אַזוי פאַרדאָרבען ווי אלהוני, און עס איז גאַנץ מעגליך אַז ווען ער וועט דיך דערזעהן פון דער נאָהענט, וועט ער געלוסטען דיך פאַר זיך צו נעהמען. מיין עצה איז דאַריבער אַז דו און דיין מאַן זאָלען זיך ניט מאַכען וויסענדיג ביז וואַנען מיר וועלען דערגרייכען באַגדאַד, פּילייכט וועלען זיך דאָרטען געפינען גוטהאַרציגע מענשען וועלכע וועלען איינוויליגען אייך אויסצולייזען. איך און די אַנדערע פרוי וועלען טהאָן אַלעם וואָס מיר קענען אייך צו העלפען, ווייל כאָטש אלהוני איז אונזער מאַן, איז אָבער זיין פאַרדאָרבענהייט אונז ניט צום האַרצען. מיר אַליין פיהלען זיך ווי שקלאַפען צו איהם און מיר האָפען, ווען מיר וועלען אָנקומען אין באַגדאַד, וועלען אונזערע פאָטערס, וועלכע האָבען אונז פאַרקויפט צו איהם קומען אונז צו הילף... איך בין בלויז געקומען צו זאָגען אַז ווען אלהוני וועט דיר און דיין מאַן פּרובירען ארויסצייגען פריינדשאַפט און וועט אייך איינלאַדען צו זיך אין קאַמער, זאָלט איהר ניט געהן. זעהט זיך צו האַלטען אין גאַנצען פון דער ווייטען פון איהם. און דאַריבער גלויב איך, אַז עס וועט זיין גלייכער ווער אלהוני האָט קיין אהנונג אַז איהר ווייסט דאָס ער איז שולדיג אין דער גנבה און אַלע זיינע כוונות זיינען פאַר אייך קיין סוד. איך בעט דיר, שרה צו זיין זעהר פאָרזיכטיג, און דאָס זעלבע זאָלסטו אויך פאַרלאַנגען פון דיין מאַן. ווען דו וועסט איהם אַלעס דערצעהלען.

שרה האָט איהר באַדאַנקט. זי האָט איהר פאַרשפּראָכען צו זיין פאָרזיכטיג. אלהוני'ס עלטערע פרוי איז שטילערהייט צוריקגעקומען צו איהר קאַמער וואו זי האָט נאָך געטראָפען איהר מאַן שלאָפענדיג.

אלמאעלי האָט דערזעהן ווי זיין שוועסטער איז שטעהן געבליבען אַ באַזאָרגטע איז ער צו איהר צוגעקומען:

— מיין שוועסטער, וואָס האָט פּאַסירט.

— דו ביזט געווען גירעכט אלמאעלי! — האָט זי טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט איהר קאָפּ — אלהוני האָט אונז באַשווינדעלט. ער האָט פון דיר דיין געלט אוועקגע'גנב'עט און האָט דורכגעפיהרט זיין פּלאַן אונז צו פאַרשקלאַפען. זיין פרוי האָט מיר אַלעס דערצעהלט.

שרה האָט איהם איבערגעגעבען די איינצעלהייטען און אלמאעלי האָט געדריקט מיט זיינע פויסטען און אויסגערופען:

— איך וועל צו איהם געהן און פאַרלאַנגען צוריק מיין געלט, און אויב ער וועט מיר ניט וועלען געבען מיט גוטען, וועל איך איהם באַווייזען די מאַכט פון מיינע פויסטען.

— ניין, מיין ליעבער ברודער, דורכדעם וועסטו גאָרניט געווינען, דו וועסט זיך נאָך ערגער מאַכען. דו זעהסט דאָך אַז מיר זיינען אריינגעפאַלען, מיר געפינען זיך צווישען שווינדלער און רויבער. דער קאַפּיטאַן איז מיט

איהם פאַרבונדען און געווים האָט ער זיך מיט איהם געטהיילט די גנבה. די דאַרפסט זיין זעהר פאָרזיכטיג. איך האָב איהר פאַרשפּראָכען אַז מיר וועלען איהר ניט פאַרראַטען, ווייל דו קענסט פאַרשטעהן, אַז אויב אלהוני וועט זיך דערוויסען אַז זי האָט אַרויסגעגעבען זיינע סודות, וועט ער זי טויטען. מיר מוזען זיך מאַכען ניט וויסענדיג, ווען ער וועט מיינען אַז מיר פאַרדעכטיגען איהם אין גאָרניט, וועט פאַר אונז זיין שפּעטער, ווען מיר וועלען אָנקומען אין באַגדאַד, אַ סך גרינגער זיך פון איהם צו באַפרייען: די איינציגע זאַך וואָס מיר דאַרפען זיך היטען, איז ניט אַריינצוקומען צו איהם אין קאַמער דורך דער צייט פון אונזער רייזע.

## קאַפּיטעל אַכט

דעם ערשטען טאָג ווען אהרן, אבן מישע און זיין זוהן אל ערב זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגעניש אויף דעם חשד, אַז זיי האָבען געהאָלפען אַלמאַעלי'ן און שרה'ן אַנטלויפען פון געפענגעניש, זיינע אַלע דריי געזעסען אין איין קאַמער. אבן מישע איז געווען אַזוי אויפגערעגט און צאָרענדיג אויף אהרן'ען, אַז ער האָט מיט איהם אַ גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער איז געווען זעהר פאַרביטערט אַז דער הערשער האָט איהם ניט געגלויבט אויף זיין שבועה.

אל ערב, אבן מישע'ס זוהן, האָט יע געוואָלט ריידען מיט אהרן'ען, אָבער דער פאָטער האָט איהם ניט דערלאָזען. אין איין ווינקעל פון קאַמער איז געזעסען אהרן, און אין דעם צווייטען ווינקעל זיינען געזעסען אבן מישע און זיין זוהן, און האָבען צווישען זיך גערעדט אין דער שטיל.

אהרן איז געווען שטאַרק פאַרטרויערט. ער האָט זיך יעצט אַרומגעזעהן, אַז ער האָט פאַרלאָרען זיין זוהן און טאָכטער מיט איין מאָל. צי אַזוי צי אַזוי זיינען זיי פאַר איהם פאַרלאָרען! — האָט ער זיך געטראַכט — אויב עס וועט אַלמומען געלינגען זי צו כאַפּען, וועט ער זיי באַשטראָפען מיט'ן טויט, און אויב זיי וועט געלינגען צו אַנטלויפען, וועלען זיי זיך שוין קיינמאָל ניט וואַגען צוריקצוקעהרען אהער אין קאָרדאָוואָ. ער איז געווען אַזוי ערשיטערט, אַז ער האָט ניט געקענט איינזיצען אויף זיין פּלאַץ. דאָ האָט ער זיך אויפגעהויבען און דאָ זיך ווידער אַוועקגעזעצט. ער האָט גענומען אַרומשפּאַצירען איבער'ן איינגען קאַמער, אָבער ער האָט באַמערקט ביי דער שיין פון ליכט וואָס האָט געברענט אין מיטען קאַמער, אַז דער פאָטער און זוהן זיינען אויף איהם ברוגז, האָט ער ניט געוואָלט צוקומען נאָהענט צו זיי. ער האָט געבאַכט אַ פאַרזוך אויסצורײדען אַ וואָרט צו זיי, אָבער ווען ער האָט קיין ענטפער ניט באַקומען, האָט ער געשוויגען. ער האָט זיך געפיהלט זעהר היים, האָט ער פון זיך אַרונטערגענומען זיין איבערשטען בגד, אין אַ ווײלע אַרום האָט ער שוין געפיהלט אַז עס איז איהם געוואָרען קאַלט. ער האָט גענומען אָנטהאָן דעם בגד און צוליעב זיין גרוים אויפרעגונג האָט ער אנשטאַט אַריינצוטהאָן זיין האַנט אין דעם אַרבעל, האָט ער זי אַריינגעטהאָן אין זיין בוזים קעשענע. ער האָט דער־פיהלט אַז אין קעשענע געפינט זיך אַ בריעף. שנעל האָט ער זיין בריעף אַרויסגענומען און עס אויפגעעפענט.

— המ. — האָט ער אַרויסגעברומט צו זיך, אָבער אַז זיי זאָלען הערען — אַ בריעף פון מיין זוהן.

— דו האָסט אַ בריעף פון דיין זוהן! — האָט אל ערב זיך אויפגע־הויבען פון זיין פּלאַץ, אָבער זיין פאָטער האָט איהם פּרובירט צוריקהאַלטען.

— לאָמיר זעהן וואָס ער שרייבט אין בריעף, פיליכט וועלען מיר קענען דורך דעם איבערצייגען דעם הערשער אַז מיר זיינען אין גאַנצען אומשולדיג, אַז מיר האָבער אלמאעלי'ן ניט געהאָלפען!

— וואָס שרייבט דיין זוהן אין דעם בריעף? — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען צו אהרן'ען — אויב דיר איז שווער צו לייענען, וועל איך דיר אַרויסהעלפען.

— איך קען אויך לייענען מיין זוהן'ס האַנטשריפט — האָט אהרן מיט אַ ברוגז'ע שטימע געזאָגט, און פאַנאַנדערגעוויקעלט דעם בריעף.

אל ערב האָט זיך אָבער ניט געקענט באַהערשען און איז גלייך צוגע־גאַנגען צו אהרן'ען, וועלכער האָט מיט פיעל שוועריגקייטען קוים דורכגע־לעזען דעם בריעף.

— גיעב מיר דעם בריעף, איך וועל איהם שנעלער דורכלעזען ווי דו!

— האָט אל ערב אויסגערופען.

אהרן האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף און אל ערב האָט אויס־גערופען מיט פרייד.

— דורך דיזען בריעף וועלען מיר אַלע באַפרייט ווערען!

אבן מישע האָט אַ שפרונג געטהאָן פון זיין פּלאַץ און איז אויך צוגעקומען צו אהרן'ען.

— אלמאעלי שרייבט אין דיזען בריעף אַז ער אַליין האָט געפּלאַנעוועט דאָס אַנטלויפען פון שרה'ן און אַז ניט זיין פאָטער און ניט מיר האָבען דערפון עפּעס געוואוסט. ער בעט נאָך ענטשולדיגונג ביי זיין פאָטער וואָס ער האָט איהם פעראורזאַכט אַזוי פיעל אונאַנגענעמעניש. איך בין זיכער אַז אַזוי שנעל ווי אונזער הערשער וועט דורכלייענען דיזען בריעף, וועט ער אונז באַפרייען פון געפענגעניש.

— לעז איבער דעם גאַנצען בריעף פאַר אונז! — האָט אהרן איהם געבעטען — איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט און צוטומעלט אַז מיר איז געווען זעהר שווער עס גוט דורכצולעזען.

אל ערב האָט דעם בריעף איבערגעלייענט פאַר זיין פאָטער און אהרן.

— איך האָף, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין, אהרן! — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופען צו איהם — איך זעה איצט, אַז דו ביזט אַזוי אונשולדיג ווי איך און מיין זוהן. מר וויעלען מוזען זעהן אַז דער בריעף זאָל גלייך דערגרייכען די האַנט פון אל מומען, זאָל ער זעהן אונזער אונשולד. ער הייסט דיר אפילו באַצאָהלען פאַר דעם פערד וואָס ער האָט גענומען אָהן אונזער וויסען. דאָס אַליין וועט זיין אַ באַווייז, אַז מיר האָבען איהם דעם פערד ניט געגעבען.

אבן מישע האָט גענומען קלאַפּען אין טיר פון געפענגענים ביז וואַנען דער וועכטער איז אָנגעקומען און איהם געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— מיר האָבען געפונען אַ בריעף פון דעם אַנטלאָפענעם אלמאעלי.

וואָס וועט באַווייזען אונזער אונשולד, און מיר ווילען, אַז דו זאָלסט עס איבערגעבען צו אונזער הערשער און דאַן וועלען מיר אַלע באַפרייט ווערען.

— אָה, ניין, ניין! — האָט דער וועכטער אויסגערופען — איך בין ניט אַזאַ נאַר ווי דער פריהערדיגער וועכטער, וועלכער האָט זיך געלאָזט איבעררײדען פון אַלמאַעלי'ן איך וועל פון דאַנען ניט אָפּטרעטען ביז וואַנען דער צווייטער וועכטער וועט קומען מיך אומבייטען.

— און וועסטו דאַן נעהמען דעם בריעף צו אונזער הערשער? — האָט איהם אַל ערב געפרעגט.

— דאַן וועל איך עס נעהמען! — האָט ער געענטפערט.

דער וועכטער האָט אָבער זיין וואָרט ניט געהאַלטען און אַזוי האָבען זיי נאָך אַ נאַכט געמוזט איבערנעכטיגען אין געפענגעניש.

אויף מאָרגען האָט מען ערשט געלאָזט וויסען אַלמומען וועגען דעם בריעף וואָס אַלמאַעלי האָט געשריבען צו זיין פאָטער, און אהרן האָט געפונען אין זיין קעשענע. אַל מומען האָט דורכגעלייענט דעם בריעף און ער האָט גלייך באַפוילען זיי צו ברייגנען צו איהם.

מען האָט אַריינגעפיהרט אין פּאַלאַץ אבן מישע, אַל ערב און אהרן צו דעם הערשער.

— מיינע קנעכט און בעאַמטע האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ שפּאַניע אויפצוזוכען אַלמיעאַלי'ן און שרה'ן — האָט אַלמומען זיך צו זיי אָפּגערופען — און איהר מעגט זיכער זיין, אַז ווען מיר וועט געלינגען זיי צו כאַפּען, וועלען זיי הייגגען! אָבער איך זעה יעצט פון דעם בריעף, אַז איהר האָט ניט געוואוסט וועגען זיין פּלאַן צו אַנטלויפען, דאַריבער וועל איך אייך באַפרייען. אָבער איין זאַך וויל איך אייך אָנזאָגען, אַז אויב איינער פון אייך וועט אויסגעפינען וואו זיי באַהאַלטען זיך, און ער וועט עס וועלען פאַרהוילען פון מיר, וועט ער באַקומען די זעלבע שטראָף צוזאַמען מיט זיי, ווען איך וועל זיך דערפון דערוויסען. און יעצט זייט איהר פריי.

אבן מישע און אַל ערב זיינען אַוועק צו זיך אהיים, און אהרן איז מיט וואַקלענדע טריט קוים דערגאַנגען צו זיין הויז. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן, אַז אויך זיין זוהן זאָל זיין אַזאַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער אידישער אמונה, אַז ער איז געווען וויליג צו פאַרלירען זיין לעבען פאַר איהר.

אַריינקומענדיג צו זיך אין הויז האָט ער דאָרט געטראָפען זיין אַלטע דינסט, וועלכע איז איהם אַנטקעגען געקומען מיט גרויס פרייד.

ווען ער האָט איהר דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זי איז געווען שרה'ס ערציהערין און האָט זי שטאַרק ליעב באַקומען, און יעצט וועט זי שוין מעהר ניט זיין אין הויז.

אהרן האָט זיך גענומען דערמאָנען אָן די זידעל ווערטער פון אבן מישע'ן, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז אַלמאַעלי האָט צוגענומען זיין פערד, און ער האָט באַשלאָסען, אַז ער וועט איהם נאָך היינט באַצאָהלען די געלט וואָס זיין פערד איז געווען ווערטה.

ער איז צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו ער האָט געהאַלטען זיין געלט, און ווען ער האָט דעם אייזערנעם קאַסטען אויפגעעפענט, האָט ער צו זיין

גרויס איבערראַשונג געפֿונען אַ צעטל פֿון זיין זוהן. ער האָט אורכגע־לייענט פֿאָלגענדעס:

„מיין ליעבער פֿאָטער, איך נעהם הונדערט ענדלאַך פֿון מיין חלק און פֿון דעם חלק פֿון שרה'ן, ווייל איך פּלאַנעווע מיט איהר צו אַנטלויפֿען פֿון געפֿענגעניס. דאָס געלט פֿאַר דעם פֿערד ווּעסטו באַצאָהלען פֿון די איבעריגע געלט."

אהרן איז געוועזן צופֿרידען, וואָס זיין זוהן האָט גענומען דאָס געלט, ער איז געוועזן זיכער, אַז מיט דעם געלט וועלען זיי זיך ביידע דערשלאָגען צו אַ פּלאַץ, וואו זייערע לעבענס וועלען זיין געזיכערט.

ער האָט גענומען מיט זיך אַ פּעקל געלט און איז גלייך אַוועק צו אבן מישע'ן אין הויז.

— איך בין אַהער געקומען אויסצוגעפֿינען די ווערדע פֿון דעם פֿערד, וואָס מיין זוהן האָט פֿון דיר גענומען! — האָט אהרן זיך אָפּגערופֿען צו אבן מישע.

— דיין זוהן איז מיין פֿריינד געוועזן, און איך גלויב ניט, אַז מיר זאָלען דיר רעכענען געלט פֿאַר'ן פֿערד! — האָט אל ערב געזאָגט.

— מיין זוהן האָט רעכט! — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופֿען — נאָך אַלעמען וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָט ביי מיר צעהן רענדלאַך, די ווערדע פֿון מיין פֿערד. עס איז דאָך ניט דיין שולד, פֿאַרוואָס זאָלסטו מיר באַצאָהלען?

— איך ווייס ניט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיינע קינדער, מעגליך, אַז זיי זיינען שוין מעהר ניט צווישען די לעבעדיגע, אָבער עס איז מיין זוהן'ס וואונש, אַז איך זאָל באַצאָהלען פֿאַר דעם פֿערד, און איך וועל זיין וואונש ערפֿילען. איך בעט דיך, נעהם פֿון מיר די צעהן רענדלאַך און דורך דעם וועט דער חוב פֿון מיין זוהן אָפּגעווישט ווערען.

אבן מישע האָט פֿון איהם גענומען דאָס געלט און אהרן האָט גלייך פֿאַרלאָזען זיין הויז.

ווען איניגע מאָנאַטען זיינען פֿאָראיבער און מען האָט קיין שפּור פֿון אלמאעלי'ן און שרה'ן ניט געהאַט, האָט אל ערב אָנגעפֿאַנגען צו טראַכטען וועגען שרה'ן. ער האָט זיך גענומען דערמאָהנען אָן יענע גליק־ליכע טעג, ווען ער פֿלעגט זוכען אַ געלעגענהייט זיך מיט איהר צו זעהן און אויסריידען אַ פּאָר ווערטער מיט איהר. ער איז געוועזן צופֿרידען וואָס אלמעאלי'ן און שרה'ן איז געלונגען צו אַנטלויפֿען פֿון קאָרדאָווא. זיי זיי־נען שוין געווים אין פֿעז — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

יעצט האָט אל ערב גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי ער זאָל זיך צוגרייטען צום וועג. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז זיין פֿאָטער טאָר קיין אהנונג ניט האָבען, אַז ער וויל אָפּפֿאָהרען נאָך פֿעז, כדי זיך דאָרטען צו טרעפֿען מיט שרה'ן. דאָס מוז פֿאַרבלייבען אַ טיעפֿער סוד פֿאַר אַלעמען, ווייל ווען דער הערשער וועט זיך דערוויסען פֿון דעם, וועט ער שוין זעהן זיי אויפֿצוזוכען און דאָר־טען זיי באַשטראָפֿען. ער געדענקט נאָך, אַז אל מומען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב אימיצער וועט וויסען וואו זיי האַלטען זיך אויף און איהם ניט אויסזאָגען, וועט ער אויך באַשטראָפֿט ווערען.

ער האָט דאַריבער באַשלאָסען צו זיין זעהר פֿאָרזיכטיג. ער וועט

דאַרפֿען געפֿינען אַ גענוגענדע אורזאַכע פֿאַר זיין פּאָטער צו ערקלערען פֿאַרוואָס ער וויל מאַכען אַ רייזע נאָך פֿעץ.

ניט אַזוי גרינג האָט זיך דאָס איהם איינגעגעבען. ער האָט זיך באַראַטהען מיט זיינעם אַ נאָהענטען פֿריינד. אמת, ער האָט זיין פֿריינד געזאָגט, אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז אין פֿעץ געפֿינען זיך זעהר פֿיעל געלערענטע און קלוגע לייט, האָט ער געקראָגען חשק אַהין צו פֿאָהרען.

— איך האָב דאָרטען אַ פֿעטער, וועלכער וועט זיך מיט מיר שטאַרק דערפֿרעהען — האָט אל ערב געזאָגט זיין פֿריינד.

— אויב אַזוי קען איך ניט פֿאַרשטעהן פֿאַרוואָס דיין פּאָטער וועט דיר ניט ערלויבען צו מאַכען דיזע רייזע? — האָט איהם זיין פֿריינד געזאָגט.

— ווייל איך בין דער איינציגער זוהן צו מיין פּאָטער!

— איך האָב פֿאַר דיר אַן עצה — האָט איהם זיין פֿריינד געזאָגט — איך וועל אָנשרייבען אַ בריעף אין נאָמען פֿון דיין פֿעטער, אַז ער פֿאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט קומען צו איהם, ווייל ער וויל דיך מאַכען פֿאַר זיין יורש!

— דאָס איז אַ גלענצענדע עצה, אָבער ווי אַזוי וועל איך איהם ערקלערען ווי דער בריעף איז צו מיר געקומען?

— גאַנץ איינפֿאַך. איך וועל בעטען מיין דינער, אַז ער זאָל דיר דעם בריעף איבערגעבען, און ער וועט גלייך אַוועקגעהן. דאַן זאָלסטו זאָגען דיין פּאָטער, אַז אַ שליח איז געקומען פֿון פֿעץ און האָט דיר דעם בריעף פֿון דיין פֿעטער געבראַכט, און אפילו ווען דיין פֿעטער זאָל האָבען אַ געלעגענהייט איהם צו זעהן, וועט ער אויך ניט וויסען ווער ער איז.

— יע, איך נעהם אָן דיין עצה! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופֿען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אימיצער אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון אבן מישע. אל ערב איז געגאַנגען עפֿענען און האָט זיך אַ ווײלע פֿאַרזאַמט. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט זיין פּאָטער איהם געפֿרעגט ווער דאָס איז געווען.

— אַן אומבאַקאַנטער מאַן! — האָט ער געענטפֿערט — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין קאָרדאָווא פֿון פֿעץ און ער האָט מיר געבראַכט דיזען בריעף פֿון מיין פֿעטער.

— פֿאַרוואָס האָסטו איהם ניט איינגעלאַדען ער זאָל אַריינקומען צו אונז אין הויז? — האָט איהם דער פּאָטער פֿאַרגעוואָרפֿען.

— איך האָב איהם זעהר שטאַרק געבעטען און טאַקע צוליעב דעם האָב איך זיך אַ היבשע ווײלע פֿאַרזאַמט. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַריינגעהן אין הויז. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איילט זיך זעהר און וועט מעגליך אַריינקומען אַ צווייטען טאָג.

— עפֿען אויף דעם בריעף און לאָמיר זעהן וואָס דיין פֿעטער שרייבט — האָט אבן מישע זיך צו איהם אָפּגערופֿען.

אל ערב האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט אויפֿגעעפֿענט דעם בריעף און ער האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר זיין פּאָטער.

„מיין ליעבער פּלימעניק אל ערב, איך בין דאָ אין פֿעץ גאַנץ אַליין.

איך פערמאָג אַ גרויסען פאַרמעגען, און ווען דו וועסט קומען מיר באַזוכען אין פעז, וועל איך דיך מאַכען פאַר מיין יורש."

— איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דיין פעטער איז אַזוי רייך! — האָט אבן מישע זיך אָפּגערופען — דיין מוטער האָט זעלטען גערעדט וועגען איהם.

— און וואָס איז דיין עצה, פאָטער?

— אויב זיין פאַרמעגען איז ווירקליך גרויס, וואָלט געווען ניט מעהר ווי רעכט אַז מיר בײדע זאָלען מאַכען די רייזע נאָך פעז. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אַז זינט דער הערשער האָט אונז בײדען אומשולדיגערהייט אַרעסטירט און געהאַלטען אין געפענגענים האָב איך געפיהלט אַז מיין אַמט וואָס איך האַלט, איז ניט אויך שטענדיג. און איך וואָלט אויך בעסער וועלען אויסוואַנדערען פון קאָרדאָווא.

— אָבער, פאָטער, מיר בײדע קענען דאָך פלוצלונג ניט פאַרלאָזען די שטאָדט. דער הערשער וועט אונז געוויס אָנפאַנגען חושד צו זיין. אויב דו ווילסט מאַכען די רייזע אַליין, וועל איך דאָ בלייבען.

— ניין, מיין זוהן. ער איז דיין פעטער און וויל דיך מאַכען פאַר זיין יורש, און דעריבער איז עס דיין פליכט אָפּצורייזען נאָך פעז.

אַזוי האָט אל ערב דורך אַ געלונגענעם איינפאַל געקראָגען די מעג־ליכקייט אָפּצורייזען נאָך פעז.

דער פאָטער האָט איהם מיטגעגעבען גענוג געלט און אויך איינעם פון זיינע קנעכט, וועלכער זאָל איהם באַגלייטען אויף זיין רייזע.

אַ גליקליכער און צופרידענער האָט אל ערב אָפּגערייזט נאָך פעז. ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט פון דער שעהנער רייצענדער שרה, וועלכע געפינט זיך געוויס אין זיין פעטער׳ס הויז און ערוואַרט איהם מיט גרויס אומגעדולד. יעצט, נאָכדעם ווי זי האָט אַזוי פיעל דורכגעמאַכט, וועט זי זיין צופרידען צו ווערען זיין פרוי. ער וועט איהר פאַרשפּרעכען ניט צו שטעהן אין דעם וועג פון איהר רעליגיע. אויב זי וועט וועלען פאַרבלייבען געטריי דעם אידישען גאָט, וועט זי עס קענען טהאָן אין זייער הויז, קיינער וועט דערפון ניט דאַרפען וויסען. יע, ער וועט איהר דערוויי׳ל אַלעס נאָכ־געבען, און שפּעטער, ווען זי וועט שוין זיין צו איהם פאַרהייראַט אַ לענגערע צייט, וועט ער שוין אויך איהר זעהן צו ווירקען אַז זי זאָל ווערען אַ מאַכ־מעדאַנערין. איהר ברודער אלמאַעלי איז אימער געווען געניגט צו זיין אמונה און מיט איהם וועט ער קיין שוועריגקייטען ניט האָבען. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז שרה און איהר ברודער וועלען גוט אָפּשאַצען דאָס וואָס ער האָט פאַר זיי געטהאָן. ער האָט דאָך זיי זיין פערד געגעבען. אמת, אהרן האָט דערנאָך פאַר׳ן פערד באַצאָהלט, אָבער ער האָט דאָך פון איהם ניט געוואָלט קיין באַצאָהלט.

עטליכע טעג האָט געדויערט זיין רייזע. די גאַנצע צייט האָט ער זיין דינער געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער וועט מיט איהם מעגליך פאַרבלייבען אין פעז.

עס האָט איהם ניט לאַנג גענומען ביז וואַנען ער האָט זיין פעטער אויפגעזוכט. ער איז געווען אַן אַלטער אַראַבער, וועלכער האָט געוואָהנט

אין אַ קליינעם אָרימען הייזעל. מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז ער איז זעהר אָרים און הונגערט צו גאַנץ אָפט.

דער פּעטער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט ביט זיין רייכען פּלימעניק, וועלכער איז געקומען צו איהם אין דער באַגלייטונג פון אַ דינער.

אל ערב האָט באַטראַכט דאָס קליינע אָרימע הייזעל און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז אַלמעאַלי און זיין שוועסטער האָבען דאָ ניט געקענט זיך אויפהאַלטען.

— זאָג מיר, פּעטער, ווייסטו פיליכט וואו אלמאעלי און שרה געפינען זיך?

— איך פאַרשטעה ניט וועמען דו מיינסט! — האָט דער פּעטער איהם אָנגעקוקט.

— זיינען זיי דען צו דיר ניט געקומען? — האָט אל ערב אויסגערו־פען מיט ערשטוינונג — איך האָב זיי געהייסען זיך נאָכפרעגען אויף דיר און דיין וואָהנונג. איך בין געוועז זיכער, אַז זיי וועלען צו דיר קומען, אַמווייניגסטענס דיר צו לאָזען וויסען וואו זיי געפינען זיך.

— קיינער איז ביי מיר ניט געווען — האָט דער פּעטער געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

אל ערב איז געוואָרען זעהר ענטוישט. יעצט וועט ער האָבען אויף זיך אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע זיי אויפצוזוכען אין דער פרעמדער שטאָדט. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען אַז זיי געפינען זיך אין פעז. ער האָט דאַריבער קיין צייט ניט געוואָלט פאַרלירען און זיך אַרויסגעלאָזען זיי אויפזוכען.

די שטאָדט פעז איז געווען אַ גאַנץ גרויסע און טויזענדער איינוואָה־נער פון פאַרשיעדענע פעלקער האָבען דאָרט געוואָהנט. אל ערב האָט זיך ביי יעדען איינעם מיט וועמען ער האָט זיך באַקאַנט, נאָכגעפרעגט, אָבער קיינער האָט פון זיי ניט געהערט.

— זאָל עס מעגליך זיין, אַז זיי זיינען ניט אַוועק נאָך פעז! — האָט אל ערב זיך געטראַכט, — אָבער דאָס איז דאָך אוממעגליך! אלמאעלי האָט איהם פאַרשפּראָכען צו געהן נאָך פעז און קומען אין פאַרבינדונג מיט זיין פעטער, ער וועט דאָך איהם ניט אָפּנאַרען. סיידען אַן אומגליק האָט מיט זיי אויפ'ן וועג פּאַסירט.

דאָך האָט אל ערב ניט אויפגעגעבען זיין האָפנונג אויפצוזוכען שרה'ן. ער האָט באַשלאָסען צו פאַרבלייבען אין פעז ביז וואַנען ער וועט קריגען אַ שפּור פון זיי.

דערווייל האָט ער זיך באַפריינדעט מיט איניגע דיכטער און געלערנטע פון פעז, און ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אַז ער איז דער באַריהמטער דיכטער אל אבן מישע, האָבען זיי איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד און נאָהענטער מיט איהם באַפריינדעט געוואָרען.

צווישען זיינע פריינד וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען אין פעז, איז געווען דער דיכטער סאיד, וועלכער איז געווען איינער פון דעם רמב"ם'ס בעסטע פריינד.

סאיד האָט געמאַכט אַ מאָלצייט לכבוד אל ערב'ן און איהם איינ־

געלאַרדען צו זיך. סאיד האָט פאַר איהם פאָרגעלעזען זיינע לידער און געוואַרט צו הערען זיין מיינונג. אל ערב האָט איהם פאָרגעלעזען זיינע לידער, און זיי האָבען איינער דעם צווייטען געלויבט.

— איך מוז דיר באַקענען מיט מיינעם א פריינד! — האָט זיך סאיד אָפּגערופען — ער איז דאָ אין פעץ בלויז איניגע יאָהר, אָבער ער האָט זיך שוין ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען ניט נאָר אַלס געלערענטער און פילאָזאָף, נאָר אויך אַלס גרויסער דאָקטאָר, וועלכער האָט ערפונדען פיעלע מיטלען אויסצוהיילען פאַרשידענע קראַנקהייטען, און ער איז אויך געווען ערפאָלגרייך.

— און ווי איז זיין נאָמען? — האָט אל ערב איהם געפרעגט.

— מיר רופען איהם רמב"ם! — האָט סאיד געענטפערט — ער איז נאָך גאַנץ יונג, און איך וויל אַז דו זאָלסט זיך מיט איהם באַקענען.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען מיט אַזאַ ווירדיגען מאַן זיך צו באַקענען! —האָט אל ערב געזאָגט — איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן.

— ער איז זעהר פאַרנומען, אָבער איך וועל שוין אויסמאַקירען אַ צייט ווען מיר וועלען ביידע אַוועקגעהן צו איהם אין הויז. ער וואָהנט צוזאַמען מיט זיין פאָטער און מוטער, אָבער ער האָט אַ באַזונדערען צימער וואו קיינער שטערט איהם נים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין סאיד געבראַכט דעם יונגען דיכטער אל ערב צו דעם רמב"ם אין הויז, און איהם פאָרגעשטעלט פאַר איהם.

ער האָט מיט איהם פאַרבראַכט אַ היבשע ווײַלע און זיי האָבען זיך ניט דערקענט, ווייל עס איז שוין באַלד געווען פופצעהן יאָהר זינט משה האָט מיט זיינע עלטערען אויסגעוואַנדערט פון קאָרדאָוואַ.

דעם צווייטען מאָל ווען אל ערב איז געקומען באַזוכען דעם רמב"ם, האָט ער באַגעגענט זיין פאָטער רבי מימון ניט ווייט פון הויז. איהם האָט אל ערב גלייך דערקענט. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און זיך אָפּגערופען.

— ביזטו דען ניט רבי מימון פון קאָרדאָוואַ?

רבי מימון האָט איהם אָנגעקוקט. ער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט ווער דאָס איז.

— איך בין אל ערב! איך בין געווען דער יעניגער וועלכער איז גע-קומען דיר אָנזאָגען, אַז קאָרדאָוואַ איז אריינגעפאַלען צו די אַלמוהאַדען און איך האָב דיר אויך געוואָרענט אַז דער הערשער אַלמומען פּלאַנעוועט צו פער-ברענען אַלע שוהלען פון קאָרדאָוואַ.

— אָה, יעצט דערמאָהן איך זיך — האָט רבי מימון איהם געגעבען די האַנט — דאַן ביזטו נאָך געווען אַ אינגעל. יע, איך געדענק אַלעס דייטליך. קום אריין צו מיר אין הויז, איך וועל דיר פאָרשטעלען פאַר מיינע זיהן משה און דוד.

— איז דאָס דיינהויז? — האָט אל ערב איהם געפרעגט.

— יע, דאָס איז מיין הויז. מיין זוהן משה וועט זיין זעהר צופרידען דיך צו זעהן.

— המ... איך בין שוין דאָ אין הויז געווען! — האָט אל ערב געזאָגט.

— און דו האָסט זיך מיט מיין זוהן געזעהן?

— רופט ער זיך יעצט מיט'ן נאָמען רמב"ם?

— יע, דאָס איז מיין זוהן... זיינע פארעהרער האָבען איהם א נאָמען געגעבען רמב"ם, וואָס מיינט רבינו משה בן מימון.

— אָה, דען ער איז דאָס מיין זוהן! — האָט אל ערב געשטוניט — איך האָב איהם גאָרניט דערקענט.

ווען דער רמב"ם האָט אויסגעפונען ווער ער איז, האָט ער איהם נאָך שטארקער באפריינדעט. ער האָט איהם געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין קאָרדאָווא.

— ווי איך האָב פערשטאנען איז אונזער שכן אהרן און זיינע קינדער פערבליבען אין קאָרדאָווא. ער האָט געהאט א זוהן מיט'ן נאָמען אלעמאלי און אַ טאָכטער שרה! אָה, מיין שוועסטער שפרה וועט זיין זעהר נייגעריג צו הערען פון איהר אמאָליגער איבערגעגעבענער פריינדין.

— המ... עס איז זעהר מאָדנע, אָבער שרה איז דאָס די אורזאכע וואָס איך בין יעצט דאָ אין פעז! — האָט אל ערב געזאָגט מיט אַן אומעטיגער שטימע.

— וואָס, זי געפינט זיך אויך דאָ? — האָט דער רמב"ם געפרעגט.

— איך האָב אזוי געמיינט, און דעריבער בין איך אהער געקומען! אָבער יעצט זעה איך, אז מיין מיה איז געווען אומזיסט... דאָך אָבער פאָרדריסט מיר ניט וואָס איך בין אהער געקומען אין קאָרדאָווא געפינען זיך ניט יעצט אזעלכע געלערנטע מענשען מיט וועמען עס איז א פארגעניגען צו פערברייננגען. נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען א קורצע צייט אַן פעז, האָב איך אין גאנצען מיין חשק פערלאָרען זיך צוריקצוקעהרען אין קאָרדאָווא.

— און פארוואָס האָסטו געמיינט אז שרה געפינט זיך אין פעז? — האָט איהם דער רמב"ם געפרעגט.

אל ערב האָ דעם רמב"ם דערעהלט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי ער האָט שוין פערערעכענט שרה'ן פאר זיין כלה, ווייל איהר פאָטער אהרן האָט צוגעשטימט זי אָפּצוגעבען צו איהם; ווי אזוי שרה האָט פאר אלעמען, בעת דעם מאָהלצייט וואָס זיין פאָטער האָט געמאכט לכבוד צזייער פער'קנס'ונג, ערקלערט אז זי איז א געטרייע אידישע טאָכטער; ווי מען האָט איהר ארעסמירט און ווי אזוי זי און איהר ברודער זיינען אנטלאָפען געוואָרען פון קאָרדאָווא און האָבען געזאָלט אָפּרייזען נאָך פעז.

— יע, איך בין געווען זיכער, אז זיי געפינען זיך אין פעז און דעריבער בין איך אהער געקומען מיט דער האָפנונג זי אויפצוזוכען און צו געווינען איהר ליעבע, אָבער צו מיין גרויס באדויערען האָב איך זי דאָ ניט געטראָפען. און יעצט וויים איך ניט וואָס צו טראכטען. אָדער זיי האָבען מיר געוואָלט אויסמיידען און דעריבער זיינען זיי אוועק אין אן אנדער לאנד, אָדער אן אומגליק האָט מיט זיי פאסירט אויף דעם וועג נאָך פעז. איין זאך בין איך אָבער זיכער, אז דער הערשער אלמומען האָט זיי ניט געכאפט. און אויב זיי זיינען ניט אומגעקומען אין וועג, איז א סימן אז אלמאעלי האָט מיך גענארט, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אז אויב עס וועט שרה'ן געלינגען צו אנטלויפען פון אלמומען, וועט זי איינשטימען צו הייראטען מיט מיר.

— לויט דיינע אייגענע רייד האָט שרה איינגעשטעלט איהר לעבען אין

סכנה פאר איהר אמונה, אויב אזוי איז דאָך זעלבסטפארשטענדליך אז זי וועט ניט וועלען הייראַטען מיט איינעם וועלכער איז ניט פון איהר פאָלק.

— איך וואָלט אפשר צוגעשטימט אז זי זאָל אָפּהיטען אידישקייט! — האָט אל ערב געזאָגט — אָבער וואָס איז יעצט דאָ צו ריידען. זי איז ניטאָ אין פעז און פון קיין אנדער פּלאַץ וואו זי זאָל זיך געפינען ווייס איך ניט. דעריבער האָב איך נט קיין האָפנונג אז איך וועל זיך מיט יהר ווען עס איז טרעפען.

ווען אל ערב האָט דערצעהלט אַלעס פאר זיין אנדער פריינד סאיד, האָט זיך יענער צו איהם אָפּגערופען:

— איך וועל שוין זעהן אז דו וועסט שוין לאַנג ניט דארפען בענקען און לאַנגווייליגען. אונזער שטאָדט פעז פערמאָגט אויך פיעלע שעהנע מיידלעך וועלכע פערעהרען א יונגען דיכטער, איבערהויפּט ווען ער איז אזוי שעהן און צוציהענד. איך וועל דיך באַקענען מיט פיעלע יונגע און שעהנע מיידלעך און צווישען זיי וועסטו זיכער געפינען דיין אויסדערוועהלטע.

— איך וועל שרה'ן קיינמאָל פון מיינע געדאַנקען ניט ארויסלאָזען! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען — אויסער דעם בין איך זיכער, אז נאָך אזא שעהנע ווי זי איז, וועט זיין שווער צו געפינען ניט נאָר אין פעז, נאָר אויך אין אנדערע לענדער איז אזא ווי שרה ניטאָ!

— עס איז טאַקע א שאָדען וואָס אזא זעלטענע שעהנהייט ווי שרה איז אהער ניט געקומען צו בעשיינען אונזער שטאָדט! — האָט סאיד איהם געזאָגט — אָבער עס איז נאָך אין גאַנצען ניט אויסגעשלאָסען אז זי זאָל אהער קומען. פיליכט איז זי געווען געצוואונגען אָפּצולייגען איהר רייזע אהער, און וועט אָנקומען אין פעז שפּעטער.

— ווען איך וואָלט געווען זיכער אז זי האָט מיר אויך ליעב, וואָלט איך פיליכט נאָך געהאָפט, אָבער איך בין אין זיך ניט גענאַרט. איך ווייס גאַנץ גוט אז זי האָט מיך ניט ליעב. און מיין איינציגע האָפנונג איז געווען אז אויב איך וועל זי טרעפען דאָ, וואָלט איך שוין געזעהן צו געווינען איהר הארץ. אָבער יעצט, אז זי איז אהער ניט געקומען, איז פאר מיר א סימן, אז זי איז אבזיכטליך אהער נט געקומען כדי זיך מיט מיר ניט צו טרעפען!

די פריינדשאַפט צווישען אל ערב און דעם רמב"ם אז מיט יעדען טאָג שטאַרקער געוואָרען. אל ערב האָט זעהר ליעב געהאַט צו פארברייגען מיט איהם. זיי האָבען צווישען זיך דעבאַטירט וועגען אַלעם אויסער וועגען רעליגיע. דאָס האָט דער רמב"ם מיט איהם אָפּגעמאַכט.

אל ערב האָט געוואוסט אין וואָס פאר א לאַגע די אידען פון פעז געפינען זיך. ער האָט אויך געוואוסט אז דער רמב"ם און זיין משפחה היטען אָפּ אידישקייט און קיינער באַלעסטיגט זיי ניט, ווייל מען האַלט זיי פאר מאַכמעדאַנער, און דעריבער האָט ער איינגעשטימט ניט צו ריידען מיט איהם וועגען זייערע אמונות, וואָס עס קען פיהרען צו א קריג. ער האָט געוואָלט אָנהאַלטען זיין פריינדשאַפט מיט דעם רמב"ם און פון איהם לערנען פיעלע זאכען. ער האָט זיך מיט איהם גאַנץ אָפט ניט געקענט זעהן, ווייל דער רמב"ם איז געווען שטאַרק פערנומען אין לערנען און שרייבען זיינע גבורים.

וויסענדיג וואָס ער האָט פּאַסירט מיט שרה'ן און ווי אזוי אל ערב איז

אין איהר פארלעבט, האָט רבי מימון געזעהן אז אל ערב זאָל זיך ניט טרע־פען מיט זיין טאָכטער שפרה'ן, וועלכע איז אויך געווען זעהר שעהן. ער האָט געוואוסט אז אל ערב'ס ליעבע צו שרה'ן וועט פארגעסען ווערען אזוי שנעל ווי ער וועט געפינען אן אנדער שעהנע מיידעל, און רבי מימון האָט ניט געוואָלט אז דאָס זאָל זיין זיין טאָכטער. און דעריבער האָט ער געוואָרענט זיין טאָכטער ניט ארויסצוגעהן פון איהר צימער אין דער צייט ווען אל ערב וועט קומען באזוכען איהר ברודער.

אויך דער רמב"ם איז געווען זעהר פאָרזיכטיג ניט צו ריידען וועגען זיין שוועסטער מיט אל ערב'ן, כאָטש יענער האָט איהם ניט איינמאָל געפרעגט **וועגען איהר.**

— זי איז שטענדיג מיט איהר מוטער — פלעגט דער רמב"ם ענטפע־רען, ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף שפרה'ן.

— איך געדענק אז דיין שוועסטער און שרה זיינען געווען גוטע פריינ־דינס און איך פלעג זיי שטענדיג באמערקען צוזאמען — האָט אל ערב גע־זאָגט. — איך וואָלט זעהר געוואָלט זי זעהן. דאָס וואָלט אין מיר ארויסגע־רופען די זכרונות פון יענע גליקליכע טעג, ווען איך פלעג אָפּשטעהן שטונ־דען לאנג אויף דער גאס וואו שרה האָט געזאָלט פארבייגעהן, כדי איך זאָל **כאפּען אויף איהר א בליק.**

— אויב אזוי, מיין פריינד, איז א סך בעסער ווען דו זאָלסט איהר חבר'טע יעצט ניט זעהן, פארוואָס זאָלסטו זוכען אָפּצופרישען די וואונד וואָס איז פאראורזאכט געוואָרען פון דיין ניט טרעפען שרה'ן דאָ אין פעז?

לאנג אָבער אויסמיידען די באגעגעניש צווישען אל ערב און שפרה'ן האָבען זיי ניט געקענט. אל ערב'ס באזוכען אין רמב"ם'ס הויז זיינען גע־וואָרען אָפטער. און איינמאָל, איז ער פּלוצלונג געקומען אין א צייט, וואָס מען האָט איהם ניט ערווארטעט, און געטראָפען שפרה'ן אין איהר ברודער'ס צימער. דאָס האָט דעם רמב"ם געלערענט מיט איהר די תורה.

ווען זי האָט איהם דערזעהן אָנקומענדיג, האָט זי שנעל ארונטערגע־רוקט די טיכעל וואָס האָט איהר קאָפּ באדעקט אריבער איהרע אויגען, אָבער דאָך האָט אל ערב זי באמערקט. ער האָט זיך העפליך פארנייגט און זי בא־גריסט.

שפרה האָט זיך געפונען אין א שטארקע פארלעגענהייט. אויסמיידען איהם אין גאנצען האָט זי ניט געקענט, ווייל ער וואָלט זיך געווים באליי־דיגט. אל ערב האָט מיט איהר אָנגעפאנגען צו ריידען:

— כאָטש דיין פּנים איז עטוואָס פארשטעלט, דאָך זעה איך אז דו ביזט אזוי שעהן ווי דיין פריינדין, שרה! — האָט ער שמייכלענדיג געזאָגט. — איך ווייס אז איהר זייט ביידע אין אייער קינדהייט געווען זעהר שטארק צוגעבונדען איינע צו דער צווייטער, און דו מוזט אויך זעהר פיעל בענקען נאָך דיין פריינדין.

— עס איז זעהר שווער צו פארגעסען א פריינדין, מיט וועלכער מען האָט פערבראכט די גאנצע קינדהייט, — האָט שפרה געענטפערט. — אָבער וואָס קען מען טהאָן ווען דער שיקזאַל האָט אונז פאנאנדערגעשיידט. — איך האָף אז גאָט וועט געבען און מיר וועלען זיך נאָך ווען עס איז טרעפען.

— איך האָב דעם זעלבען וואונש — האָט אל ערב געזאָגט. — איך בין אהער געקומען מיט דער האָפנונג זי דאָ צו טרעפען און גרויס איז מיין ענטטוישונג געווען, ווען איך האָב אויסגעפונען אַז זי איז דאָ ניטאָ! אָבער יעצט, אַז איך האָב דיך געטראָפען, פיהל איך אַז מיין רייזע איז דאָך ניט געווען אומזיסט.

— דו וועסט מיר ענטשולדיגען, מיין האַר, — האָט שפרה זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ, — איך מוז געהן העלפען מיין מוטער, מיר האָבען זעהר פיעל ארבייט צו פארענדיגען.

שפרה איז ארויס פון צימער און אל ערב האָט זי באַגלייט מיט זיינע אויגען.

דער רמב"ם איז די גאַנצע צייט געזעסען און געשוויגען. ער האָט זיך ניט געוואָלט אריינמישען, או זוען שפרה איז ארויס, האָט ער געזוכט אָפּצואווענדען זיינע געדאַנקען פון איהר און האָט פארבונדען מיט איהם א געשפּרעך וועגען פארשידענע אנדערע זאַכען.

אל ערב'ס געדאַנקען זיינען אָבער געווען אין גאַנצען מיט שפרה'ן.

— דו ווייסט גאָרניט וואָס פאר אַן אוצר דו פארמאָגסט אין דיין שוועסטער — האָט אל ערב אונטערבראָכען זיינע רייד. — זי איז אזוי שעהן און איהר שטימע, ווי זיס איהר שטימע קלינגט אין מיינע אויערען!

— יעצט זעה איך, אַז סאיד איז געווען גערעכט ווען ער האָט דיר געזאָגט, אַז לאַנג וועסטו ניט דארפען בענקען נאָך דיין ליבענדער שרה... עס איז א סימן אַז ניט שרה'ן האָסטו ליעב געהאַט, נאָר איהר שעהנעם פּנים, און אזוי שנעל ווי דו וועסט דערזעהן אַן אנדער שעהנעם פּנים, ביזטו גרייט צו פארגעסען שרה'ן — האָט דער רמב"ם געלאַכט.

— איך ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר איז, — האָט אל ערב געזאָגט.

— איך האָב שרה'ן ניט אויפגעהערט צו ליעבען, אָבער די איינזאַמקייט טרייבט מיר צו זוכען אנדערע שעהנע מיידלעך.

— און פיליכט ליגט עס אין דיין פּאָעטישע נשמה? — **האָט דער** רמב"ם געשמייכעלט. — איין זאַך דארפסטו וויסען, אַז אמת'ע ליעבע וועט שטענדיג געפינען אַן אָפּקלאַנג.

— וואָס מיינסטו? — האָט אל ערב איהם געפרעגט.

— איך מיין דאמיט, אַז ווען א מאַן ליעבט אַ פרוי מיט אַן אויפריכטיגע אמת'דיגע ליעבע, וואָס איז ניט אָפּהענגיג פון אַ געוויסער אורזאַכע, וועט זיין ליעבע אויך געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער פרוי'ס נשמה, און פריהער אָדער שפּעטער וועט זיין ליעבע ערווידערט ווערען. אָבער ווען די פרוי פארבלייבט גלייכגילטיג צו דעם מאַן, איז דאָס אליין אַ סימן, אַז זיין ליעבע צו איהר איז ניט געווען נשמה'דיג און הארציג.

— און דו מיינסט, אַז אויב איך וועל ניט אויפהערען צו ליעבען שרה'ן מיט מיין גאַנצער נשמה און הארצען, וועט זי ענדליך אויך מיך אָנפאַנגען ליעב צו האָבען?

— ווען דאָס וואָלט אין דיין פאַל אזוי געווען, וואָלסטו דאָך קיין אויסנאַם ניט געווען — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — אָבער לויט ווי איך בעגרייף דיך, איז דיין ליעבע צו איהר ניט אַזוי נשמה'דיג, און אַ צווייטע

וועלכע זאָל אויך האָבען אַ שעהנעם פּנים וואָלט גאַנץ שנעל געקענט איהר פּלאַץ אין דיין הארצען פערנעמען.

— איך גלויב אַז דו ביזט גערעכט, מיין פריינד — האָט אַל ערב זיך אָפּגערופען. — איך האָב אין מיין הארצען געזינדיגט געגען דער ליעבע צו שרה'ן און איך וועל זעהן פון יעצט אָן און ווייטער זיין געטריי צו דער ליעבע וואָס געפינט זיך אין מיין הארצען צו שרה„ן.

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף דעם רמב„ם'ס ליפּען. ער איז געווען צופרידען וואָס איהם איז געלונגען דערוויילע אָפּצוציהען אַל ערב„ס אויפמערקזאַמקייט פון זיין שוועסטער.

אַ קורצע צייט איז פאַריבער און אַל ערב האָט זיך באַמיהט צו באַהערשען און ניט אַרויסגעצייגט קיין נייגעריגקייט צו זעהן שפרה'ן. אָבער ביסלעכוויז האָט ער ווידער גענומען זוכען אַ געלעגענהייט זי צו זעהן. ער האָט פּרובירט אָפּצושטאַטען בעזוכען אין רמב"ם'ס הויז אונערוואַרטעט, מיט דער האָפנונג, אַז ער ווע זי טרעפען. אָבער אימיצער פון הויז פלעגט איהם באַמערקען דורכ'ן פענסטער און שפרה פלעגט זיך שנעל צוריקציהען צו איהר צימער, איידער אַל ערב האָט בעוויזען אַריינצוקומען אין הויז.

איין מאָל איז אַל ערב געקומען אין אָוונט אונערוואַרטעט און האָט געטראָפען די גאַנצע משפחה פון רבי מימון ביים טיש עסענדיג דעם אָוונט ברויט. ער האָט זיך ענטשולדיגט און צוגעוואַרט. ער האָט זיינע אויגען ניט אַראָפּגענומען פון שפרה'ן, וועלכע האָט איהם אפילו ניט באַשאָנקען מיט אַ בליק.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען, האָט זיך אַל ערב גענומען פאַרענטפערען פאַר זיין קומען אין אזא צייט.

— מיט מיר האָט היינט פּאַסירט זעהר אַ וויכטיגע זאַך, און אַזוי ווי איך האַלט דעם רמב"ם פאַר מיין בעסטען פריינד, בין איך דאָס געקומען זיך טיילען מיין פרייד מיט איהם.

— איך בין זעהר צופרידען אַז דאָס איז די פרייד — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

— האָסטו פיליכט אויסגעפונען וואו שרה געפינט זיך ! — האָט דוד דער אינגערער ברודער פון רמב"ם זיך צו איהם אָפּגערופען.

— אָה, ניין, אַזא גליק האָט מיר נאָך דערוויילע ניט געטראָפען ! — האָט אַל ערב געענטפערט. — אָבער איך האָב היינט געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט דעם גובערנאַטאָר פון פעז. ער האָט מיך זעהר פריינדליך אויפגענומען. ער האָט מיט מיר פאַרבראַכט עטליכע שטונדען צייט, און ער מיר פאָרגעשלאָגען אַן אמט אין זיין רעגירונג. ער ווייס אַז איך בין אויך ביי דעם הערשער אַל מומען געווען זעהר שטאַרש געאַכטעט און געשעצט, און דעריבער איז ער זעהר צופרידען מיך צו מאַכען פאַר זיינעם אַ בעאַמטען. מאָרגען בין איך איינגעלאַדן צו קומען צו איהם צו אַ מאָלצייט, וואָס ער וועט מאַכען לכבוד מיר.

— דאָס איז ווירקליך פרעהליכע נייעס! — האָט דער רמב"ם איהם געזאָגט. — דאָס איז אַ סימן אַז דו האָסט מזל, און דו וועסט מעהר ניט דאַרפען זאָרגען ווען דיין געלט וועט זיך ענדיגען.

— געוויס וועט ער פאר מיר בעשטימען א גרויס געהאלט — האט אל ערב מיט שטאָלץ געזאָגט. — איך בין זיכער אז דער אמט וואָס ער האט בדעה מיר צו געבען איז פון גרויס וויכטיגקייט. ער האט מיר געזאָגט, אז פון זיין געשפּרעך מיט מיר, פאַרשטעהט ער, אז מיר איז ניט פרעמד דאָס רעגירען פון א שטאָדט. ער וועט זיך געוויס מיט מיר בעראטהען אין יעדער געלעגענהייט פון שטאָדט.

א ווייל שפּעטער איז אָנגעקומען סאיד, און ווען אל ערב האט איהם דערצעהלט וועגען דעם, האט זיך סאיד אויך שטאַרק געפרעהט.

— יעצט וועלען מיר האָבען א פריינד, וועלכער וועט זיך פאר אונז קענען משתדל זיין ביי דעם גובערנאַטאָ אין פאַל פון נויט! — האט ער זיך אָפּגערופען — איך גלויב אז דיין פערבינדונג מיט דעם גובערנאַטאָר וועט וואָס ווייטער ווערען ענגער, ווייל ווי איך וויים האט דער גובערנאַטאָר צוויי זעהר שעהנע טעכטער, און אז דו ביזט איהם געפעלען, איז גאַנץ מעגליך אז דו וועסט אויך געפעלען זיין איינער פון זיינע טעכטער...

אל ערב'ס פּנים איז באַדעקט געוואָרען מיט א רויטקייט און ער האט מיט א שמייכעל געזאָגט:

— איך האָב מיט דעם גובערנאַטאָר פערבראַכט עטליכע שטונדען און די גאַנצע צייט האָב איך אפילו קיין סימן פון א טאָכטער ניט געזעהן.

— ס'איז א סימן אז דו וועסט זיי זעהן מאָרגען ביי דעם מאָהלצייט, וואָס דער גובערנאַטאָר מאַכט לכבוד דיר און ערשט דאן וועסטו איינזעהן אז פעז איז ניט הינטערשטעליג אין שעהנע מיידלעך.

— דאַרפסט שוין וויסען, סאיד, אז איך טראַכט יעצט ניט פון קיין אַנדערע שעהנע מיידלעך, אויסער שרה'ן, וועמען איך האָב ניט אויפגעהערט צו ליעבען! — האט אל ערב געזאָגט.

— עס איז אמת, אז מיר, דיכטער, זיינען גרויסע ליעבהאָבער, — האט סאיד געלאַכט, — און דעריבער ווען איין שעהן מיידעל, וועמען מיר ליעבען, ווערט פאַרשוואונדען, מוזען מיר תיכף געפינען א צווייטע. ניט אזוי, אל ערב?

— המ... וואָס אָנבאַלאַנגט צו מיר, איז עס געוויס ניט אזוי! — האט אל ערב איהם געענטפערט מיט א געמאַכטער ערנסטקייט. — זעהסטו דען ניט, אז איך האָב צוליעב איהר פאַרלאָזט קאָרדאָווא, וואו איך בין געווען באַריהמט, געאַכטעט און געשעצט ביי אלע איינוואוינער פון שטאָדט, און האָב אויסגעוואַנדערט נאָך פעז, אין א לאַנד, וואו קיינער האט פון מיר ניט געהערט, און פאַרוואָס האָב איך דאָס געטהאָן? ווייל איך האָב געגלויבט, אז איך וועל דאָ געפינען דאָס מיידעל, וועמען מיין הארץ האט ליעב... איך זאָג ניט, אז אין פעז זיינען ניטאָ אזעלכע שעהנע מיידלאַך ווי שרה... אָבער מיך פאַרדריסט פאַרוואָס איך האָב זי דאָ ניט געטראָפען, ווי איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט איהר ברודער אלעמאלי.

— מען זאָגט, אז דער ריכטיגער ליעבהאָבער בלייבט שטענדיג געטריי צו זיין ערשטער ליעבע! — האט דער רמב"ם געזאָגט. — און לאָמיר האָפען, אז אויך דו, מיין פריינד, וועסט זיין ווירדיג אָנצורופען זיך דער ריכטיגער ליעבהאָבער!

דאָס האט דער רמב"ם געזאָגט מיט דער כונה, ער זאָל ניט טראַכטען

פון זיין שוועסטער, ווייל ער האָט באַמערקט ווי ער וואַרפט גאַנץ אָפט זיינע
אויגען אין דער ריכטונג, וואו שפרה איז געזעסען.

ניט זעהר אָפט האָט דער רמב״ם געקענט פאַרברייינגען מיט זיינע
פריינד. ער איז געווען שטענדיג פאַרנומען אין לערנען און געוויס האָט ער
פאָרגעצויגען צו פאַרברייינגען אין דער געזעלשאַפט פון די אידישע חכמים
און געלערנטע. איבערהויפּט פלעגט ער גאַנץ אָפט באַזוכען דאָס הויז פון
רבי יהודה הכהן אבן שושן, וועלכער איז געווען דער הויפּט רב פון די אידען
אין פעז. ער האָט גע׳שמ׳ט אלס גרויסער שאַרפזיניגער למדן און די דריי,
רבי מימון, רבי משה און רבי יהודה הכהן, פלעגען פאַרברייינגען אין לערנען.
עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס אַלעס האָט מען באַדאַרפט טהאָן באַהאַלטענער־
הייט, כדי די מאַכמעדאַנער זאָלען זיך ניט דערוויסען. דאָס, וואָס מיט איי־
ניגע יאָהר צוריק האָט פּאַסירט מיט דער יונגען יוסף, דער זוהן פון יהודה
אבן עקנין, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרען מיט א אידישען ספר און איז פאַר׳־
משפּט געוואָרען צום טויט און ער האָט זיך געראַטעט בלויז דורך אַ נס, איז
נאָך ניט פאַרגעסען געוואָרען און דעריבער זיינען אלע זעהר פאָרזיכטיג גע־
ווען. מען האָט געמוזט אויסמיידען צו טראָגען מיט זיך אידישע היילינע
ספרים און אויך צו רעדען צווישען זיך אין העברעאיש, כדי ניט ארויסצורו־
פען אויף זיך קיין חשד.

גאַנץ אָפט פלעגט רבי יהודה הכהן אבן שושן רעדען מיט דעם רמב״ם
וועגען יוסף׳ן, וועלכער איז געווען גרייט מקריב צו זיין זיין לעבען אבי ניט
ארויסצוגעבען זיין רבי׳ן.

— זעהר זעלטען קען מען טרעפען אַזעלכע אידישע קינדער ווי יוסף!
— האָט רבי יהודה געזאָגט. — ער איז גלויב איך, דאָן קוים פופצעהן יאָהר
אלט געווען און ער האָט שוין געהאַט אין זיך א פונק פון די נשמות פון אונ־
זערע קדושים, וועלכע האָבען מיט צופרידענהייט מקריב געווען זייערע לע־
בענס על קידוש השם. איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען. ער איז דאָן
געווען אזוי יונג און צאַרט און, ווי איך האָב אויסגעפונען, האָט מען איהם
אָנגעטהאָן אַלערליי יסורים און נגישות. מען האָט געזוכט איהם צו צווינגען
ער זאָל ארויסגעבען די נעמען פון די מענשען, וועלכע האָבען איהם געלע־
רענט. און מיר אלע האָבען מורא געהאַט, אַז דער יונגער צאַרטער יוסף
וועט ניט קענען אריבערטראָגען די יסורים און וועהטאָגען און וועט צוזאַ־
מענברעכען און אויסדערצעהלען. דאָס וואָלט געבראַכט דעם גרעסטען אומ־
גליק אויף אַלע אידישע איינוואוינער. מיר און פיעלע אַנדערע פון אונזערע
ברידער וואָלט מען זיכער געווען געטויט. אָבער ער האָט אַזוי בראַוו און
העלדיש אַלעס אריבערגעטראָגען. ער איז אפילו געווען גרייט צו באַגעגענען
דעם טויט. און גאָט האָט איהם דערפאַר געהאָלפען און איהם איז געלונגען
צו אַנטלויפען, איך האָב געהערט, אַז ער וואַנדערט ארום אין שפּאַניען און
זיין אַלטער פאָטער, יהודה אבן עקנין, האָט זיך אַוועקגעלאָזען איהם אויפזוכען.

— מיין פאָטער און איך האָבען זיין פאָטער באַגעגענט אין שפּאַניען, —
האָט דער רמב״ם געזאָגט. — ער האָט אונז דערצעהלט אַלע איינצעלהיי־
טען, וואָס האָבען פּאַסירט מיט זיין זוהן יוסף און שוין דאַן בין איך געוואַ־

רעדן זעהר נייגעריג זיך צו טרעפען מיט יוסף'ן. איך ווייס, אז אונזער פּאָלק וועט נאָך אַמאָל מיט איהם שטאַרק שטאָלצירען.

---

כאָטש רבי מימון איז געווען פאַרנומען מיט'ן האַנדעל צוזאַמען מיט זיין אינגסטען זוהן דוד, פונדעסטוועגען פלעגט ער אויך געפינען צייט צום לערנען. ער איז אויך געווען פאררעכענט פאר א גרויסען למדן. אויך פארשידענע אַנדערע ידיעות זיינען איהם ניט פרעמד געווען. ניט נאָר איז ער געווען אַ פאָטער צום רמב"ם, נאָר אויך א חבר צום לערנען, פון וועמען ער האָט זעהר פיעל געלערענט.

רבי מימון האָט אָנגעפאַנגען זיך גוט צוקוקען צו דעם לעבען פון די אידען אין פעז און ער האָט באַמערקט אז אין דער צייט, וואָס די אידישע געלערענטע און חמים זיינען איבערגעגעבען מיט זייער לייב און לעבען צו גאָט און צו זיין תורה, האָבען פיעלע פון די אידען פון פשוט'ן המון אָנגעהויבען צו צווייפלען. דאָס טאָפּעלטע לעבען, וואָס די אידען זיינען געצוואונגען געווען צו פיהרען אין פעז — אין דער עפענטליכקייט צו גילטען אלס מאַכמעדאַנער און באהאַלטענערהייט צו פּראַקטיצירען אידישקייט — האָט צזיך שלעכט אָפּגערופען אויף פיעלע איינפאַכע מענשען, וועלכע זיינען ניט געווען ביכולת טיעף צו דענקען. ווען זיי זיינען געווען געצוואונגען גאַנץ אָפט אַרויסצובריינגען אויף זייערע ליפּען, אַז מאַכמעד איז דער אמת'ער נביא, און פיעלע וועלכע האָבען געוואוינט צווישן אַראַבער האָבען אויך געמוזט באַזוכען די מאָסקס און הערען די דרשות פון די מאַכמעדאַנישע גייסטליכע און זינגען צוזאַמען מיט אַלעמען די לידער צו מאַכמעד'ן, האָט זיך אָנגעהויבען ביי זיי צו אַנטוויקלען א געדאַנק, אַז פיליייכט איז מאַכמעד געבוירען געוואָרען צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון משה רבנו. און די קינדער פון ישמעאל זיינען געוואָרען גאָט'ס אויסדערוועהלטע אָנשטאָט די קינדער פון ישראל? א סימן האָבען זיי, אַז גאָט איז דאָך צאָרענדיג אויף די אידען. ער האָט זיי פון זייער לאַנד פאַרטריבען און זיי צושפּרייט צווישען די פעלקער, און די מאַכמעדאַנער האָט ער דערהויבען און געגרויסט אַזוי, אַז דאָס פּאָלק פון ישמעאל שטעהט העכער פון דעם פּאָלק ישראל.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטילע באַוועגונג צווישען די איינפאַכע אידען אינגאַנצען זיך אָפּצורייסען פון אידישקייט און זיך באַקעהרען צום מאַכמעדאַניזם מיט'ן גאַנצען האַרצען.

ווען רבי מימון האָט זיך דערוואוסט פון דער שטילער באַוועגונג, וואָס געהט אָן צווישען די אומוויסענדע אידען, האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק וועה געטהאָן. ער האָט געוואָלט אויסוואָרצלען אַזעלכע געדאַנקען פון זייערע מוחות. ער האָט אָבער געזעהן, אז זיי בלאָנדזשען און האָבען זיך מיאש געווען.

רבי מימון האָט באַשלאָסען צו ערמוטיגען די אידען און זיי אויפקלעהרען, אז זיי טאָרען ניט אויפגעבען דאָס גלויבען פון זייערע עלטערן. צוליעב דיזען צוועק האָט רבי מימון אָנגעשריבען א טרייסט־בריעף (אגרת נחמה) אין דער אַראַבישער שפּראַך, וואו ער האָט געטרייסט די אידען, וואָס זיי קומט אויס אזוי שרעקליך צו ליידען. ער האָט אויך גע'מוסר'ט די אידען

אין אויפגעוויזען, אז עס איז אונמעגליך, אז גאָט, וועלכער ווייסט פאָראויס, וואָס עס וועט זיין, וועט ניט ענדערען זיין מיינונג און פאַרבייטען דעם הייליגען נביא משה אויף א צווייטען. ער וועט אויך ניט אוועקוואַרפען זיין באַליעבט פאָלק ישראל און אויסקלייבען א צווייט פאָלק אויף זיין פּלאַץ. און וואו זיינען אלע וואונדער און נסים, וואָס גאָט האָט געטהאָן פאַר זיין פאָלק ישראל? ! ניין, די צרות, וואָס דער פאָטער אין הימעל ברייגנט אויף זיינע קינדער פון ישראל, זיינען בלויז זיי צו באַשטראָפען, כדי זיי זאָלען אויסבעסערען זייערע וועגען. וואָרים, ווען גאָט וואָלט געוואָלט אינגאַנצען פאַרניכטען זיין פאָלק, וואָלט ער איהם ניט געגעבען אזא טייערע מתנה ווי די תורה. ווען גאָט וואָלט אויסדערוועהלט א צווייט פאָלק אָנשטאָט אונז, וואָלט ער יענעם פאָלק אויך געגעבען זיין תורה. דאַן וואָלטען מיר, פיעלייכט, געהאַט צו טראַכטען, אז ער האָט געפונען א פאָלק, וואָס איז מעהר ווערדיג ווי מיר זיינען. אָבער מיר ווייסען דאָך, אז זייער תורה, דער קאָראַן, איז ניט ווי אינזער תורה, להבדיל. איז דען ביי זיי רעכט, אז גאָט זאָל האָבען אויסדערוועהלט א פאָלק, וואָס איז אזוי ווייט פון דער תורה? טראָץ די אלע שוועריגקייטען און צרות, וואָס מיר ליידען אין גלות, דאַרף זיין אונזער בטחון אין גאָט שטאַרק און מיר דאַרפען זיך ניט אָפּשרעקען פון דעם, וואָס דער גלות פאַרציהט זיך און צו אונזערע ליידען איז קיין סוף ניטאָ. „אמת מיר זיינען געצוואונגען גאַנץ אָפט עובר צו זיין אויף די מצוות פון דער תורה, אָבער עס איז ניט אונזער שולד. מיר זיינען געגליכען צו דעם, וועלכער טרינקט זיך אין ים און עס געפינט זיך דאָרט א שטריק אויף וועלכען מען קען זיך אנהאַלטען. איז אזוי, מיט וואָס פאַר א גרעסערען אָנהאַלט דער טרינקענדער קען זיך אָנהאַלטען אָן דעם שטריק, אַלץ זיכערער איז זיין לעבען. דער, וועלכער קען באַהויפּטען זיך אָנצוהאַלטען מיט ביידע הענט אָן דעם שטריק, האָט ער מעהר האָפענונג זיך צו ראַטעווען ווי דער, וועלכער האַלט זיך אָן בלויז מיט צוויי פינגער, איז פאַר איהם פאַראַן אַלץ מעהר האָפענונג ווי פאַר דעם, וועלכער האָט אינגאַנצען אָפּגעלאָזט דעם שטריק".

„יע", האָט רבי מימון ווייטער געשריבען אין זיין טרייסט בריעף, „דער גלות איז אונזער ים, וואו מיר טרינקען זיך. די היילינע תורה איז אונזער רעטונגס-שטריק. וואָס מעהר מיר קענען זיך אָנהאַלטען אָן דער תורה, אַלץ מעהר שאַנסען האָבען מיר זיך צו ראַטעווען„.

רבי מימון האָט פאַרענדיגט זיין טרייסט בריעף ארויסברייגנענדיג קלאָר און דייטליך די גרויסקייט פון דעם נביא משה רבנו און דער תורה, וואָס האָט געבראַכט פאַר אונז ליכטיגקייט. ער טרייסט זיינע ברידער, אז עס וועט נאָך זיין גוט און אז גאָט דער באַשעפער פון דער וועלט וועט זיך נאָך מרחם זיין און וועט אויסלייזען זיין פאָלק פון דעם פינסטערען גלות.

דער בריעף, וואָס רבי מימון האָט אָנגעשריעבען אין אראַביש, איז אין געהיים פאַרשפּרייט געוואָרען צווישען אלע געהיימע אידען און ער האָט אויף זיי א שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. דאָס האָט געשטאַרקט זייערע הערצער און פּ׳עלע פון האָבען אויפגעהערט צו צווייפלען. זיי האָבען געגלויבט, אז עס וועט לאַנג ניט דויערען און עס וועט נעהמען א סוף צו זייערע צרות. א שטראַהל האָפענונג האָט זיך ביי אלעמען באַוויזען און עס האָט זיך אויסגע-

דאַכט, אז דאָס אידענטהום וועט באַלד צוריק נעהמען בליהען. אָבער דאָ איז בלוצלונג אָנגעקומען א נייער אומגליק אויף די אידען פון פעז, וואָס האָט געדראָהט צו פאַרניכטען דעם גאַנצען אידישען לעבען אין פעז און אין אַנדערע שטעדט, וואו די אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען צו אנערקענען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען.

די דראָהענדע געפאַהר איז געקומען דורכדעם, וואָס א איד, אן איינוואוינער פון פעז, האָט זיך געווענדעט צו איינעם פון די רבנים פון אן אַנדער לאַנד מיט דער פראַגע, וואָס זאָל טהאָן א איד, וועלכער איז געצוואונגען פון די מאַכמעדאַנער ארויסצורעדען די ווערטער: „עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער אַללאַ און מאַכמעד איז זיין נביא״? זאָל ער זאָך לאָזען טויטען און ניט פאָלגען, אָדער צוליעב דער סכנה איז עס איהם ערלויבט צו זאָגען, אזוי לאַנג ווי אין הארצען טראַכט ער אנדערש?

דער רב האָט איהם גלייך געשיקט דעם פאָלגענדען איבערגעאיילטען ענטפער:

„יעדער איד, וועלכער ערקלעהרט עפענטליך, אז אַללאַ איז דער גאָט, ווערט ער גלייך אוים איד. ער ווערט פאַררעכענט פאַר א גוי גמור, פאַר א רשע און כופר בעיקר. אפילו ווען ער זאָל פאַרבאָרגענערהייט אָפּהיטען די גאַנצע תורה, וועט עס איהם ניט העלפען. ער וועט פאַרלירען דעם גאַנצען חלק פון עולם הבא. און אויב א איד וויל פאַררעכענט ווערען צום כלל ישראל און נאָז פאַרלירען יענע וועלט, דאַן מוז ער זיך מוסר נפש זיין. ער דאַרף זיך בעסער לאָזען טויטען אבי ניט ארויסצורעדען אזעלכע געצענדינערישע ווערטער פון זיין מויל״.

דיזען ענטפער האָט דער פאַנאַטישער רב אָנגעשריבען אויף א פּאַרמעט און ער האָט עס אוועקגעשיקט דורך א מאַן, וועלכער איז ארומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד און באַקאַנט געמאַכט דעם בריעף צווישען די אידען.

א גרויסען שטורם און אויפרעגונג האָט דער בריעף פון דעם פאַנאַטישען רב ארויסגערופען צווישען אלע שיכטען אידען. גאָר די פרומע האָבען זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען פון דעם רב׳ס רייד. זייער לאַגע איז געווען שוידערליך, ווייל נאָכדעם ווי זיי האָבען לפנים וועגען אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, האָבען זיי ניט געטאָרט פאַרלאָזען דאָס לאַנד כדי צוריק צוקעהרען צום אידענטהום, און בלייבען אזוי ווי יעצט, האָבען זיי דאָך איינגעזעהן, אז זיי ווערען אויף אייביג אויסגעשלאָסען פון אידישען פאָלק. איז פאַר זיי קיין אַנדער וועג ניט פאַרבליבען, ווי זיך מוסר נפש צו זיין און צו שטאַרבען על קידוש השם.

דער איינפאַכער המון האָט שוין גאָר גענומען פאַרלירען זיין האָפענונג און יענע אידען האָבען ביי זיך געטראַכט, אז ווי באַלד זיי האָבען שוין אַלצאיינס פאַרלוירען זייער האָפענונג אויף עולם הבא, און ביי דעם אידישען פאָלק ווערען זיי פאַררעכענט ווי פרעמדע, טאָ פאַרוואָס דאַרפען זיי נאָך זיין אין געהיים אידען? וואָס וועט זיי פון דעם ארויסקומען?... וועט דען פאַר זיי ניט זיין בעסער אינגאַנצען זיך אָפּצורייסען פון אידענטום און זיך באַקעהרען צום מאַכמעדאַניזם מיט׳ן גאַנצען הארצען? ווייל לויט דעם רב׳ס

מיינ:נג ווערען זיי פארדעכענט פאר גויים און רשעים אפילו ווען זיי זאָלען זיין פרומע אידען אין געהיים.

ווען דער רמב"ם האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז זיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרען מיט ווערטאָג און ער. ער האָט איינגעזעהן, אז ווען עפּעס ווערט ניט געטהאָן ווערען אָפּצושטעלען די שרעקליכע „מגפה", וואָס דעם פאנאטישען רב'ס בריעף האָט פארשפּרייט צווישען די אידען, וועט גאָר אינגיכען קיין געדעכעניש ניט בלייבען פון די אידען, ווייל נאָר די פרומע וועלען זיך לאָזען טויטען און די אַנדערע וועלען זיך אינגאַנצען אָפּרייסען פון אידישקייט.

דער רמב"ם איז דאַן אַלט געווען פינף־און־צוואַנציג יאָהר און זיין יונגע נשמה האָט געברויזט פון אויפרעגונג און פאַרדרוס. ער האָט ניט געקענט צוזעהן ווי אזא אומפאראַנטוואָרטליכער רב זאָל פאראורזאַכען א חורבן אין דעם יודענטהום, וואָס לעבט איבער אזא שרעקליכע צייט.

דאַן האָט דער רמב"ם אָנגעשריבען א פלאַם־פייערדיגען בריעף, וואָס איז באַוואוסט מיט'ן נאָמען „אגרת השמד" (בריעף וועגען שמד) אָדער „מאמר קדוש השם". דעם בריעף האָט ער געשריעבען אין אַראַביש, ווי זיין פאָטער האָט עס געטהאָן, ווייל די גאַנגבאַרע שפּראַך צווישען די אידען אין יענעם לאַנד איז געווען אַראַביש.

אין זיין בריעף האָט ער פריהער פון אַלץ צוריקגעשליידערט די אונזיניגע רייד פון דעם רב, וועלכער איז געשטרויכעלט געוואָרען מיט זיין ניט־אויסגערעכענטקייט און געזינדיגט געגען צעהנדליגער טויזענדער פון זיינע ברידער, וועלכע זיינען חכמים און פרומע אידען, וועלכע האָבען ניט מורד געווען אין גאָט צוליעב זייער אייגענעם פארגעניגען אָדער צו פארבעסערען זייער צושטאַנד. זיי האָבען עס געטהאָן, ווייל א שאַרפער שווערד האָט געשוועבט איבער זייערע העלזער.

„אפילו אונזערע הייליגע חכמים, ווי רבי מאיר און רבי אליעזר, האָבען אין א צייט פון סכנה זיך באַוויזען פאר די אויגען פון זייערע אונטערדריקער ווי זיי לייקענען אין דער הייליגער תורה, פונדעסטוועגען האָט זיי קיינער ניט באַשולדיגט און אויף זיי ניט געזאָגט, אז זיי זיינען אויסגעשלאָסען צוליעב דעם פון כלל ישראל, אז זיי זיינען רשעים און האָבען פארלוירען זייער חלק פון עולם הבא. און ווי אַזוי וואַגט א מאַן, ווי ער, צו זידלען און באַליידיגען א גאַנצע קהלה אידען און רופען זיי רשעים, ווייל זיי זיינען געצוואונגען צו זאָגען רייד, וואָס זיי מיינען ניט? ווי אזוי קען ער זאָגען, אז אזעלכע אידען פארלירען זייער חלק פון עולם הבא, אין דער צייט, ווען אפילו ריכטיגע רשעים קויפען זיך אָפּט מאָל איין עולם הבא צוליעב איין מצוה וואָס זיי טהוען"?

דער רמב"ם געהט ווייטער אין זיין בריעף און ערקלעהרט מיט גרויס טיפקייט און קלאָרקייט די פארשידענע זאַכען, אויף וואָס א איד איז מחויב זיך מוכר נפש צו זיין. ווען א איד וויל זיך מקריב זיין „על קידוש השם" איז ער א גרויסער צדיק און זיין שכר איז גרויס אויף יענער וועלט. אָבער ווען איינער קומט צו אונז פרעגען אויב ער זאָל זיך לאָזען טויטען אָדער ער זאָל ערקלעהרען מיט זיין מויל דאָס, וואָס אונזערע אונטערדריקער פארלאַנגען, דאַרפען מיר איהם ראַטהען, אז ער זאָל בעסער ערפילען זייער פארלאַנג

אין זיך ניט לאָזען טױמען. די אידען, װעלכע זײנען אין דער עפענטליכקײט געצװאונגען צו דינען מאַכמעד'ן, דאַרפען זעהן װי װײט מעגליך אָפּצוהיטען אידישקײט און זאָלען זיך ניט אײנרעדען, אז זײ האָבען שױן אלצאײנס גאָרניט צו פאַרלירען. נײן, יעדער אײנער, װעלכער היט אָפּ די מצוות פון אונזער תורה אין געהײם, איז פאַרעכענט פאַר אַ ריכטיגען אידען. דאָך דאַרף מען זיך ניט צופרידענשטעלען מיט אזאַ לאַגע. יעדער אײנער דאַרף שטרעבען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, װאו מען צװינגט איהם צו דינען צו אנדערע געטער.

„און די עצה, װאָס איך גיב זיך און אלע מײנע גוטע פרײנד, װעלע פאַרלאַנגען אַן עצה פון מיר, איז: צו פאַרלאָזען דיעזע פּלעצער אזױ שנעל װי מעגליך און צו געהן צו אַנדערע לענדער, װאו מיר װעלען קענען אָפּהיטען אונזער תורה פרײ. און דער, װעלכער װעט ניט האָבען די מעגליכקײט צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, דאַרף זיך פאַרעכענען װי א פאַרטריבענער פון גאָט און ער דאַרף דעריבער זעהן צו טהאָן זײן פליכט צו גאָט מיט מעהר איבערגעגעבענהײט. מיר קענען אָבער ניט פאַראַכטען אזעלכע אידען, װעלכע האָבען עובר געװען אויף גאָט'ס געבאָט. מיר דאַרפען זײ טרײסטען און געבען האָפענונג. אויך זאָלען זיך די, װעלכע האָבען אַ מעגליכקײט צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, ניט אײנרעדען, אז אָט באַלד װעט קומען משיח און זײ װעלען צוזאַמען מיט איהם געהן נאָך ירושלים. עס איז ניטאָ קײן באַשטימטע צײט פאַר משיח'ס קומען און עס האָט גאָרניט צ וטהאָן מיט די הײליגע פליכטען פון אונזער תורה".

דעם רמב"ם'ס רײד, װאָס זײנען געװען װי פלאַם־פײער, האָבען אַרײנגעדרונגען אין די הערצער פון אידען פון גאַנץ מאַראָקאָ. זײן בריעף איז שנעל פאַרשפּרײט געװאָרען צװישען אלע אידען און האָט געהאַט די נױטיגע װירקונג. די געהײמע אידען האָבען געזעהן אַ שטראַהל האָפענונג פאַר זיך און שטילערהײט האָט זיך אָנגעפאַנגען א באַװעגונג אויסצופאָלגען דעם רמב"מס עצה אז דער, װאָס האָט נאָר די מעגליכקײט זאָל פאַרלאָזען דאָס לאַנד.

רבי יהודה הכהן אבן שושן האָט אַרױסגעהאָלפען דעם רמב"ם מיט דעם, װאָס ער האָט פאַרזאַמעלט פיעלע אידען און פאַר זײ גערעדט. ער האָט זײ געגעבען צו פאַרשטעהן װי הײליג עס זײנען די רײד פון רמב"ם, װעלכער איז ערשינען װי א ליכטיגער שטערען אויף דעם פאַרװאָלקענטען הימעל פון ישראל.

פיעלע אידען האָבען גענומען געהן צו רבי יהודה הכהן זיך נאָכצופרעגען װי אזױ צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד און װאוהין צו געהן. רבי יהודה האָט װי װײט מעגליך יעדען אײנעם געהאָלפען מיט אַן עצה. ער האָט זײ אויך מיטגעגעבען בריעף צו די רבנים פון אנדערע לענדער, אז זײ זאָלען די פאַרװאָגעלטע און װאַנדערענדע מקרב זײן. מיט יעדען טאָג איז די באַװעגונג צו פאַרלאָזען פעז געװאַקסען און פיעלע אידען האָבען שטילערהײט גענומען אויסװאַנדערען פון מאַראָקאָ און געהן צו אַ לאַנד, װאו זײ װעלען קענען בלײבען אידען אומגעשטערט.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדױערט און די מאַכמעדאַנישע אײנװאָהנער

פון פעז האָבן גענומען באַמערקען אז פילע פון די אידען וועלכע האָבן
אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַרלאָזען
די שטאָדט. דאָס איז זיי עוואָרען זעהר אויפפאַלענד, און האָבן גענומען
נאָכפאָרשען.

עס האָט דערגרייכט די אויערען פון דעם גובערנאַטאָר פון פעז, אז פילע
אידען, וועלכע האָבן זיך באַקעהרט צום מאַכמעדאַניזם, פאַנגען אָן צו פאַר־
לאָזען דאָס לאַנד מיט דער אבזיכט זיך צוריקקעהרען צום אידענטום. דער
גובערנאַטאָר האָט שנעל גענומען אויספאָרשען. ער האָט אריסגעגעבען א
באַפעהל, אז יעדער איינער, וועלכער האָט אָנגענומען די איסלאַמישע רעלי־
גיע און נאַכהער חרטה געהאַט און צוריק געוואָרען א איד וועט באַשטראָפט
ווערען מיט'ן טויט. ער האָט ארויסגעלאָזען שפּיאָנען איבער גאַנץ פעז, זיי
זאָלען אויסגעפינען ווער איז דער שולדיגער, וועלכער האָט פאַראורזאַכט די
באַוועגונג.

א נייע און שרעקליכע צרה איז אויפגעשטאַנען אויף די אידען פון מאַ־
ראָקאָ. א ריכטיגע אינקוויזיציע איז איינגעפיהרט געוואָרען אין פעז. יע־
דען איינעם, אויף וועמען עס איז געפאַלען א חשד האָט מען פערשפּאַרט
אין געפענגענים און איהם אזוי פיעל געמוטשעט ביז וואַנען ער פלעגט זיך
מודה זיין און דאַן האָט מען יענעם באַשטראָפט מיט'ן טויט.

דער ערשטער קרבן איז געווען דער ווירדיגער רב רבי יהודה הכהן אבן
שושן. די בעאַמטע האָבן שוין לאַנג אויף איהם געהאַלטען זייערע אויגען.
זיי האָבן באַמערקט אז ער איז זעהר טעטיג און פילע פון די געוועזענע אי־
דען, וועלכע פאַרלאָזען דאָס לאַנד, באַזוכען זיין הויז. מען האָט עס דעם גו־
בערנאַטאָר דערצעהלט און ער האָט גלייך געשיקט בעאַמטע זיי זאָלען פלוצלונג
באַפאַלען רבי יהודה אבן שושן'ס הויז. זיי האָבן זיין באַפעהל גלייך אויס־
געפיהרט און זיי האָבן רבי יהודה'ן אַרעסטירט און אלע הייליגע ספרים
און מאַניסקריפּטען וואָס זיי האָבן געפונען אין זיין הויז האָבן זיי גע־
בראַכט צום גובערנאַטאָר.

מען האָט גלייך גענומען דעם אַלטען רב אויף א שטרייננגען פאַרהער.
ער האָט זיך מודה געווען אז ער איז די גאַנצע צייט געבליבען געטריי דעם
יודענטום. אָבער וויפיעל מען האָט איהם ניט געפּייניגט, האָט ער זיך ענט־
זאָגט ארויסצוגעבען די נעמען פון די אַנדערע אידען, וועלכע זיינען מיט איהם
פאַרבונדען.

דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילען הינצוריכטען רבי יהודה'ן. דער באַ־
פעהל איז גלייך דורכגעפיהרט געוואָרען פאַר די אויגען פון פילע איינוואָה־
נער פון שטאָדט. דאָס איז געווען די ערשטע הינריכטונג, וואָס איז דורכ־
געפיהרט געוואָרען זינט די באַוועגונג זיך אומצוקעהרען צום יודענטום האָט
זיך אָנגעפאַנגען.

א טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף אלע אידישע איינוואָהנער פון פעז.
זוכענדיג צווישען די געשריבענע מאַנוסקריפּטען, האָט מען געפונען א מאַ־
נוסקריפּט וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש, און וואָס האָט געהאַט
צו טהאָן מיט דעם „בריעף פון שמד" וואָס דער רמב"ם האָט אָנגעשריבען.

איין רופא, וועלכער האָט צוזאַמען געאַרבייט מיט דעם רמב"ם ווען די

עפּידעמיע האָט אויסגעבראָכן אַן פּעץ, האָט, זייענדיג דאָן אין גובערנאַטאָר׳ס הויז דערזעהן דעם מאַנוסקריפּט און דערקענט די האַנדשריפט.

— איך ווייס וועמענס האַנטשריפט דאָס איז! — האָט זיך דער רופא אָפּגערופען צום גובערנאַטאָר.

— וועמענס האַנטשריפט איז דאָס? — האָט דער גובערנאַטאָר געפרעגט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז דאָס איז דעם רמב״ם׳ס האַנטשריפט. איך האָב מיט איהם אַ לאַנגע צייט פערבראַכט צוזאַמען אין דער צייט פון דער עפּידעמיע, און איך געדענק ווי ער פלעגט פאַרשרייבען זיינע רפואות.

— איך האָב שוין לאַנג אויף איהם געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז ניט קיין מאַכמעדאַנער, איך וועל איהם גלייך לאָזען אַרעסטירען. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו פאַרשפּאַרען דעם רמב״ם אין געפענגעניס.

דערווייל איז אָנגעקומען אל ערב, וועלכער איז פאַרעכענט געוואָרען פאַר אַ בן בית אין גובערנאַטאָר׳ס הויז. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט איהם געוואָלט פאַר זיין איידעם, ער האָט איהם געוואָלט אָפּגעבען זיין עלטערע טאָכער פאַר אַ פרוי. אל ערב האָט פון אָנפאַנג אפילו גאָר ניט געוואָלט טראַכטען פון דעם. ער האָט נאָך ניט פאַרגעסען שרה׳ן, אָבער שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען אַן אָפטער אַריינגעהער אין זיין הויז, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו באַגעגענען זיין אינגערע טאָכטער, האָט זיך אל ערב אין איהר פאַרליעבט, אָבער דער גובערנאַטער האָט איהם געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער וויל איהם געבען זיין עלטערע טאָכטער, און ער האָט אויך געזעהן אַז די אינגערע זאָל זיך ניט באַווייזען ווען ער קומט אויף אַ באַזוך.

— גוט וואָס דו ביזט געקומען! — האָט דער גובערנאַטאָר זיך אָפּגערופען צו אל ערב׳ן — דו ביזט דאָך שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם זוהן פון מימון, ווייסטו דאָך געוויס אויב ער איז געטריי אונזער רעליגיע.

— אָבער וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אל ערב געפרעגט.

— איך האָב אויסגעפונען, אַז אויך דער רמב״ם האָט אונז גענאַרט, ער האָט אָנגעשריבען די בריעף וואָס האָט באַוואויגען פילע אידען, וועלכע זיינען געווען מאַכמעדאַנער צוריק צו ווערען אידען.

— איך גלויב עס קוים! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען — איך קען זיך שוין מיט איהם פאַר עטליכע יאָהר, איך קום גאַנץ אָפט צו איהם פאַרברענגען און ער האָט ביי מיר ניט אַרויסגערופען דעם מינדעסטען פאַרדאַכט.

— דאָס וועלען מיר באַלד אויסגעפינען! — האָט דער גובערנאַטאָר זיך אָפּגערופען — איך האָב איהם געלאָזט אַרעסטירען, און ווען ער וועט שוין זיין אין די הענט פון מיינע בעאַמטע, וועט זיי שוין ניט שווער זיין אַרויסצוהאָקומען ביי איהם דעם אמת.

— איך גלויב אַז ער וועט מיר זאָגען דעם אמת! — האָט אל ערב געזאָגט — און אויב דו וועסט מיר ערלויבען זיך מיט איהם דורכצוריידען, וועל איך עס נאָך היינט וויסען.

— דו ווייסט דאָך אַז איך האָב קיינמאָל דיין פאַרלאַנג ניט צוריקגע־

וויזען! אויב דו ווילסט קענסטו צו איהם צוקומען אזוי שנעל ווי מען וועט מיר לאָזען; וויסען אז מען האָט איהם ארעסטירט.

---

גרויס טרויער האָט ארויסגערופען די נייעס פון רבי יהודה אבן שושן'ס הינריכטונג צווישען אלע אידען. פאר דעם רמב"ם און זיין משפחה איז זיין טויט געווען דער גרעסטער קלאפּ, ווייל אויסער דעם וואָס זיי זיינען מיט איהם געווען אזוי שטארק פארבונדען און פון איהם פיעל געלערענט, האָט דער רמב"ם איצט איינגעזעהן אז די אידישע לאגע אין פעז איז געוואָרען אונערטרעגליך. ער האָט איינגעזעהן אז לענגער פארבלייבען אין פעז וועט זיין אונמעגליך און רבי מימון האָט זיך גענומען גרייטען מיט זיין משפחה אין וועג. זיי האָבען אפילו נאָך ניט באשלאָסען וואוהין צו געהן, אָבער זיי האָבען געפיהלט דעם געפאהר גאנץ נאָהענט און דער ערשטער געדאנק איז ביי זיי געווען צו אנטלויפען פון פעז. דער רמב"ם האָט גענומען איינפּאקען זיינע ספרים און זיינע שריפטען, זיין אינגערער ברודער דוד, האָט צוזאמען-גע־קליבען זיין סחורה, שפרה און איהר מוטער האָבען פארגאָסען טרעהרען וואָס זיי זיינען געצוואונגען ווייטער זיך צו לאָזען אין וועג. זיי ווילען נאָך עט־ליכע יאָהר פון רוה, דארפען ווידער נעהמען דעם וואנדער שטאָק אין האנט. מיט אמאָל גיט זיך אן עפען די טהיר און פּאָליציייליייט קומען אריין.

— אין נאָמען פון דעם גובערנאטאָר קומען מיר דיך ארעסטירען! — האָט איינער פון זיי אויסגערופען.

רבי מימון און זיין פרוי, זיינען געבליבען ווי פארגליווערט. שפרה און דוד זיינען צוגעלאָפען צו זייער ברודער ווי זיי וואָלטען איהם געוואָלט בא־שיצען.

— זעהט אכטונג צו געבען אויף דעם פאָטער און מוטער און אויף זיך! — האָט דער רמב"ם זיך צו זיי אָפּגערופען אין העברעאיש כדי די פּאָליציי־לייט זאָלען איהם ניט פארשטעהן. אויב עס איז דער ווילען פון גאָט אז איך זאָל האָבען דעם זעלבען סוף ווי אונזער פריינד, רבי יהודה הכהן זכר צדיק לברכה, בין איך אויך גרייט „מקדש השם" צו זיין, אָבער איהר אלע קענט זיך נאָך ראטעווען.

גרויס יאָמער און געוויין האָט אויסגעבראָכען אין רבי מימון'ס הויז יוען מען האָט זייער באליעבטען זוהן און ברודער גענומען פיהרען אין געפענג־נים. די מוטער איז געפאלען אין חלשות, און מען האָט זי קוים דערמינ־טערט. שפרה האָט אונאויפהערליך געוויינט. רבי מימון און דוד האָבען מתפלל געווען צו גאָט, אז ער זאָל באשיצען רבי משה'ן, וועלכער איז ווי א ליכטיגער שטערען פאר אלע אידען פון גלות.

— מיר וועלען עפּעס דארפען טהאָן! — האָט דוד זיך אָפּגערופען נאָך זיין תפלה. איך ווייס אז אונזער פריינד אל ערב איז נאָהענט באפריינדעט מיט דעם גובערנאטאָר, איך וועל לויפען צו סאיד'ן פיליכט וועל איך איהם דאָרט טרעפען און איהם דערצעהלען פון דעם אומגליק וואָס האָט אונז געטראָפען.

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן, מיין ברודער — האָט שפרה זיך אָפּ־

גערופען — אויב ער וועט ניט וועלען טהאָן פאר דיר, וועט ער עס טהאָן פון מיינעט וועגען.

— ניין, מיין טאָכטער, דערווייל זאָל ער אַליין געהן. אל ערב איז דיין ברודער'ס בעסטער פריינד און אויב ער וועט זיך פאר איהם ניט משתדל זיין פאר דעם גובערנאַטאָר, איז א סימן אז ער איז אויך ניט בעסער ווי די איבעריגע... און אַמווייניגסטענס וועלען מיר דיין עהרע ניט פארשוועכען.

דוד איז אוועק צו סאיד'ן מיט א טרויעריג הארץ. ער האָט איהם אָבער דאָרטען ניט געטראָפען. סאיד האָט איהם געזאָגט אז אל ערב געפינט זיך יעצט ביים גובערנאַטאָר.

— און פאַרוואָס דארפסטו אל ערב'ן אזוי נויטיג! — האָט סאיד זיך ניט וויסענדיג געמאַכט.

— האָסטו ניט געהערט אז מען האָט אַרעסטירט מיין ברודער?

— המ... איך האָב געהערט! — האָט סאיד געענטפערט מיט א גלייכגילטיגקייט. ער האָט קיינעם ניט צו באַשולדיגען בלויז זיך אליין! מען קען ניט נאַרען די גאַנצע צייט. איך אליין האָב אויך געמיינט אז ער איז געטריי אונזער רעליגיע. יעצט אָבער אז איך האָב אויסגעפונען ווער ער איז האָב איך באַשלאָסען זיך צו האַלטען פון דערווייטען פון איהם. פאַרוואָס זאָל איך דארפען ליידען פאר זיינע זינד? איך גלויב אז אל ערב וועט אויך אזוי האַנדלען. מיר זיינען ריינע מאַכמעדאַנער מיט אונזער גאַנצען הארצען. איך וואָלט דיך יעצט געראַטהען ניט צו געהן צו אל ערב'ן ווייל ער וועט פאר דיר גאָר ניט קענען טהאָן. מיר אַלע ווייסען אז דער בריעף וואָס ערמוטיגט די אידען צו בלייבען געטריי זייער רעליגיע, איז געשריבען געוואָרען פון דיין ברודער, און איך דאַרף דיר ניט זאָגען וואָס פאר א שטראָף איהם ערוואַרטעט פאר אזא „פאַרברעכען"...

א דערשראָקענער מיט א צוקלעמט הארץ איז דוד אוועק פון סאיד'ס הויז. יעצט זעהט ער ווי שטאַרק מען קען זיך פאַרלאָזען אויף אזעלכע פריינד. זיי האָבען קיין מאָל ניט געצווייפעלט אין זיין פריינדשאַפט און וואָס פאר א הילף קענען זיי ערוואַרטען פון אל ערב'ן?

דוד האָט זיך אומגעקעהרט אהיים. ער האָט קוים דערשלעפּט זיינע פיס. אַלעס איז פאר איהם פינסטער געוואָרען. די גאַנצע טרייסט ניט נאָר פון זיין משפחה, נאָר אויך פון דעם גאַנצען פאָלק ישראל, איז געווען זיין ברודער משה און יעצט אז מען האָט איהם אַרעסטירט און געוויס באַלד הינריכטען, וואָס בלייבט זיי צו טהאָן?

ווען ער איז אריין אין הויז און געטראָפען זיינע עלטערען און זיין שוועסטער פארטרויערט און פארוויינט, האָט ער זיך ניט געקענט באַהערשען און זיך אויך פאַנאַנדערגעוויינט.

— ווי איך זעה האָסטו גאָר ניט געפועל'ט! — האָט רבי מימון זיך צו איהם געווענדעט.

דוד האָט דערצעהלט וואָס סאיד האָט איהם געזאָגט און פארענדיגט:

— צו אלערב'ן וויל איך שוין גאָר ניט געהן. איך זעה דאָך וואָס א מאַמעדאַנער פריינד מיינט צו אונז!

— פאַרשאָלטען זאָל ווערען דער טאָג ווען איך האָב מיין פוס אריינגע־

שטעלט אין פעז — האָט רבי מימון געזאָגט — איך האָב דאָך באַדאַרפט וויסען אַז דער הערשער פון קאָרדאָוואַ אַל מומען הערשט אויך איבער גאַנץ מאָראָקאָ און מיר האָבען בעדאַרפט אויסמיידען זיך צו באַזעצען אין אַזא לאַנד. אָבער וואָס קענען מיר יעצט טהאָן ? מיר זיינען אין די הענט פון גאָט. זאָל ער זיך איבער אונז דערבאַרימען און שיקען זיין הילף צו אונז פון הימעל.

ווען מען האָט איינגעשפּאַרט דעם רמב"ם אין געפענגעניס, האָט ער ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין צו גאָט ער זאָל באַשיצען זיין משפחה. פאַר זיך האָט ער שוין קיין רעטונג ניט געזעהן. אויף זיין חלק איז אויך אויסגעקומען צו שטאַרבען אויף „קידוש השם" ווי עס האָט געטהאָן רבי יהודה הכהן אבן שושן. ער האָט אויך מתפלל געווען פאַר זיין פאָלק. גאָט זאָל איהם געבען קרעפטען אריבערצוטראָגען די אַלע צרות און פאַרבלייבען געטריי דעם אידענטום.

ער האָט דערהערט טריט... זיין האַרץ האָט אין איהם גענומען שטאַרק קלאַפּען... דאָס איז דער סוף האָט ער זיך געטראַכט. ער ווייס אַז דער גוּבערנאַטאָר פון פעז מאַכט ניט קיין לאַנגע צערעמאָניעס. דאָס געהט מען איהם הינריכטען.

— דאָס בין איך דיין פריינד, אַל ערב ! — האָט דער רמב"ם געהערט זיין שטימע.

— געבענשט זאָל זיין דיין קומען צו מיר, מיין פריינד — האָט דער רמב"ם געזאָגט — דאָס צייגט אַז דו ביזט א ריכטיגער פריינד, ווייל דו קומסט צו מיר אויך ווען איך בין אין א שלעכטער לאַגע.

— איך האָף אַז איך וועל האָבען די מעגליכקייט דיר צו העלפען. איך בין געווען ביים גובערנאַטאָר.

—און אין וואָס באַשולדיגט מען מיר ?

— מען באַשולדיגט דיר, אַז דו האָסט אָנגעשריבען דעם מאַנוסקריפּט וואָס האָט באַוואויגען פילע אידען וועלכע זיינען שוין געווען גוטע מאַכמע־דאַנער צוריק צו ווערען אידען. עס האָט זיך געפונען איינער א רופא וועלכער האָט מיט דיר געאַרבייט צוזאַמען דורך דער צייט פון דער עפּידעמיע און ער האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז דיין האַנט שריפט.

— איך ווייס ווער דאָס איז — האָט דער רמב"ם טרויעריג געזאָגט, דעם זעלבען רופא האָב איך פיל גוטעס געטהאָן. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז זיין פרוי זאָל אין גאַנצען בלינד ווערען און איך האָב זי פאָלקאָם אויסגעקורירט. און יעצט איז ער מיין שונא און וויל מיך פון דער וועלט אומברענגען.

— דאָס ערקלערט זיך פון וואַנען זיין שנאה צו דיר האָט זיך גענומען — האָט אַל ערב מיט א שמייכעל געזאָגט — דו האָסט געעפענט זיין פרוי'ס אויגען און דאָס האָט איהם פילע צרות פאַראורזאַכט... אָבער זאָרג זיך נישט מיין פריינד, איך בין פאַרבליבען דיין פריינד און איך גלויב, אַז איך וועל האָבען די מעגליכקייט דיך צו ראַטעווען.

— ווי אַזוי ? — האָט דער רמב"ם איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— ווען איך האָב דיר ניט לאַנג צוריק איבערגעגעבען די נייעס, אַז דער

גובערנאַטאָר האָט מיר שטאַרק באַפריינדעט, האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר האָט צוויי טעכטער . . . יע, ווי עס ווייזט אויס וועל איך מיט איינער פון זיי הייראַטען. . . גאָר אין גיכען וועט פאָרקומען אונזער חתונה. און איך וועל ווערען זיין איידעם. און וואָס קען אַן איידעם ניט פועל'ן ביי זיין שווער?

איך בין אַריינגעקומען אין דעם גובערנאַטאָר'ס הויז, האָט מען מיר שוין דאָרטען איבערגעגעבען, אַז דו ביזט אַרעסטירט געוואָרען און אין וואָס דו ווערסט באַשולדיגט. ווען איך וואָלט געקומען אַ ווייַלע פריהער וואָלט פיליכט ניט געקומען דערצו, אַבער איך גלויב, אַז עס איז בעסער וואָס האָט אַזוי פּאַסירט. דו וועסט יעצט צוזאַמען מיט דיין משפחה, זעהן די געפאַהר וואָס דראָהט אויף אייך און דו וועסט זעהן צו אַנטלויפען פון דאַ־נען אַזוי שנעל ווי מעגליך.

— איך גלויב ניט אויב פאַר מיר איז פאַראַן אַ רעטונג! — האָט דער רמב"םגעזאָגט — אָבער איך וויל דיר בעטען אַ טובה! זעה ווי וויית מעג־ליך צו ראַטעווען מיין משפחה, זאָלען זיי אַנטלויפען פון פעץ איידער דער צאָרן וועט זיך אויף זיי אויסגיסען.

— דו דאַרפסט ניט זיין פאַרצווייפעלט! — האָט אל ערב אויסגערופען — איך וועל זעהן דיר צו ראַטעווען, איך וועל איהם זאָגען, אַז דאָס איז ניט געווען דיין האַנטשריפט און איך וועל איהם בעטען ער זאָל דיר באַפרייען. איך בין זיכער, אַז ער וועט מיין פאַרלאַנג ערפילען און אויב איך אַליין וועל עס ביי איהם ניט פועל„ן וועל איך שוין זעהן, אַז זיין עלטערע טאָכטער זאָל עס איהם בעטען. פאַרשטעהסטו, זי האָט מיך שטאַרק ליעב און ווען איך וועל עס איהר בעטען וועט זי עס פאַר מיר טהאָן. מיט טרעהרען וועט זי אַלעס פועל'ן ביי איהר פאָטער. איין זאַך וועל איך דיר בעטען, און דאָס איז אויב דו האָסט געשריבען די דאָקומענטען זאָלסטו זאָגען אַז ניט! איך גלויב אָבער ניט אַז עס וועט דערצו קומען! ער וועט מיר גלויבען, ווען איך וועל איהם זאָגען אַז דו האָסט דעם מאַנוסקריפּט ניט געשריבען. איך וועל זעהן אַז דו זאָלסט נאָך היינט אין אָווענט באַפרייט ווערען, אָבער דו וועסט דאָ אין לאַנד ניט טאָרען פאַרבלייבען אַן איבעריגע רגע.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען, אַז ווי נאָר מיר האָבען זיך דערוואוסט וואָס עס איז געטאָן געוואָרען צו רבי יהודה אבן שושן, האָבען מיר זיך גענומען גרייטען צום וועג — מיר האָבען גענומען פּאַקען אונזערע זאַכען און פלוצלונג האָט מען מיך אַרעסטירט.

— מאָרגען פאַרלאָזט אַ שיף פון דעם נאָהענטסטען האַפען! — האָט אל ערב געזאָגט — און דו דאַרפסט זעהען אַזוי שנעל ווי דו וועסט באַ־פרייט ווערען אָפּצורייסען צוזאַמען מיט דיין משפּחה אויף דיעזער שיף, דו זאָלסט קיין איבעריגע רגע ניט פאַרבלייבען.

— אָבער אויב מיר וועלען אַנטלויפען, וועט דער גובערנאַטאָר דיך ניט באַשולדיגען אין דעם.

— יע, עס איז מעגליך אַז ער וועט מיך באַשולדיגען, אָבער ער וועט ניט באַשטראָפען זיין צוקונפטיגען איידעם . . . איך פאַרזיכער דיר אַז איך וועל דערפון גאָרניט ליידען. עס פאַרדריסט מיר בלויז וואָס איך האָב ניט

געטראַכט פון דעם ווי אזוי צו ראַטעווען פון טויט רבי יהודה אבן שושן. אָבער דאַן בין איך נאָך ניט געווען זיכער אויב איך וועל הייראַטען זיין עלטערע טאָכטער. יעצט איז שוין ביי אונז אַלעס אָפּגעמאַכט און אין א וואָך ארום וועט פאָרקומען אונזער חתונה. פאַרליר ניט קיין מוטה! איך קער זיך גלייך אום צום גובערנאַטאָר און איך וועל צוריקשליידערען די גאַנצע באשולדיגונג געגען דיר, דאַן וועסטו נאָך היינט באפרייט ווערען פון געפענגנים! איך וועל זיך מעהר מיט דיר ניט זעהן, איידער דו וועסט אָפּרייזען פון דאַנען און דאריבער ווינש איך דיר ערפאָלג און איך האָף זיך מיט דיר צו טרעפען אונטער בעסערע אומשטענדען, וואו מיר וועלען קענען דערבאַטירען וועגען פארשידענע זאכען ווי מיר האָבען עס געטאָן ביז יעצט.

דער רמב"ם האָט איהם געדריקט די האַנט. טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין זיינע אויגען. ער האָט יעצט איינגעזעהן ווי גוט עס איז צו האָבען אן אמת'ען פריינד.

אַל־ערב האָט איהם פארלאָזען און איז גלייך אוועק צום גובערנאַטאָר. ער האָט איהם געטראָפען מיט זיינע צוויי טעכטער עסענדיג אָוונד ברויט.

— נו, האָסטו זיך איבערצייגט אין רמב"ם'ס שולד? — האָט איהם דער גובערנאַטאָר געפרעגט.

— ניין, ערשט יעצט נאָכדעם ווי איך האָב איהם אין געפענגנים באַזוכט האָב איך זיך איבערצייגט אין זיין אומשולד! — האָט אַל־ערב געזאָגט. איך האָב מיין פליכט אלס עהרליכער מענש געטהאָן, און אויב דו וועלסט איהם ניט באפרייען, וועט עס ניט זיין מיין שולד. מיין געוויסען וועט זיין ריין! א גוטע נאַכט! אַל־ערב האָט זיך געלאָזען צו דער טהיר מיט א באוועגונג ווי ער וואָלט געווען אין כעס.

די עלטערע טאָכטער, וועלכע איז געזעסען ביי דער רעכטער האַנט פון איהר פאָטער, האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאַץ און איז איהם פארלאָפען דעם וועג.

— געה ניט אוועק יעצט, מיין טייערער — האָט זי איהם אָנגענומען ביי דער האַנט — דער פאָטער וועט דיין וואונש ערפילען.

דער גובערנאַטאָר האָט ארויסגעוויזען א בייזען פנים און געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. באַלד איז צוגעקומען זיין עלטערע טאָכטער און איהם ארומגענומען.

— אה, פאָטער, ווי אזוי קען דער רמב"ם זיין שולדיג ווען אַל־ערב איז זיין פריינד! איך בעט דיר פאָטער, טהו זיין פארלאַנג און באפריי איהם.

דער גובערנאַטאָר האָט א ווײַלע געשוויגען. ער האָט פון א זייט געוואָרפען זיינע בליקען אין דער ריכטונג וואו אַל־ערב איז געווען. דאַן האָט ער געצויגען מיט זיינע שולטערען און זיך אָפּגערופען:

— דו ווייסט דאָך אַל־ערב אז איך האָב זיך שטענדיג גערעכענט מיט דיין מיינונג! פונדעסטוועגען וואָלט איך דיר געראַטהען דו זאָלסט זעהן צו זיין מעהר פאָרזיכטיג. ווייל אויב איך וועל שפּעטער אויף דיין פריינד געפינען א זינד, וועט איהם שוין ניט העלפען דאָס וואָס דו ביזט זיין פריינד.

— איך בין זיכער אז דו וועסט שוין מעהר אויף איהם קיין זינד ניט

געפינען — האָט אל־ערב געזאָגט — און יעצט פארלאנג איך פון דיר אז ווי באלד דו וועסט איהם אלץ איינס באפרייען פארוואָס זאָלסטו עס גלייך ניט טהאָן. זאָל ער ניט דארפען איבערנעכטיגען אין געפענגענים אומשול־דיגערהייט.

— דו קענסט זאָגען דעם אויפזעהער פון געפענגענים ער זאָל איהם גלייך באפרייען.

— ער וועט מיר ניט וועלען גלויבען —

— איך וועל מיט איהם מיטגעהן! — האָט די עלטערע טאָכטער גע־זאָגט צו איהר פאָטער.

— אויב דו ווילסט, קענסטו מיטגעהן מיט איהם! — האָט דער גו־בערנאטאָר גוטמוטיג א שמייכעל געטהאָן.

די עלטערע טאָכטער איז מיט אל־ערב׳ן ארויסגעגאנגען פון הויז און זיי זיינען צוגעקומען צו דעם אויפזעהער פון געפענגענים.

— מיין פאָטער האָט אונז געבעטען דיר איבערגעבען, אז דו זאָלסט באפרייען דעם רמב"ם פון געפענגענים.

דער אויפזעהער האָט א ווײַלע זיך געקווייקעלט.

— מיין הארינטע! — האָט ער געזאָגט — איך בין זיכער אז ער איז שולדיג אין דעם פארברעכען. וואָלט דען פיליכט ניט געוועזען מעהר ראטה־זאם פען מען מאכט פריהער א גוטע אויספאָרשונג.

— מיין פאָטער׳ס באפעהל! — האָט זי אויסגערופען צאָרענדיג. גע־דענק, אויב דו באפרייסט איהם גלייך ניט און איך וועל זיך דארפען אומקעה־רען צו מיין פאָטער ער זאָל אליין קומען צו דיר צו געבען זיין באפעהל, וועל איך פון איהם פארלאנגען אז ער זאָל דיר אומבייטען אויף א צווייטען.

— מיין הארינטע! — האָט זיך דער אויפזעהער פארנייגט... איך בין גרייט צו טהאָן אלעס וואָס דו פארלאנגסט פון מיר, אָבער הער... איך האָב געמיינט אז...

— רייד מעהר ניט און געה שיק ארויס דעם רמב"ם און געדענק אז דו זאָלסט ניט וואגען איהם מיט עפּעס צו באליידיגען.

דער אויפזעהער האָט גענומען א ברענענדע ליכט און די שליסלען און איז מיט לאנגזאמע טריט אוועק צום טיהר וואָס פיהרט צו דעם קאמער וואו דער רמב"ם איז געוועזען פארשפּארט.

באלד האָט זיך דערהערט א סקריפּ פון א טיהר וואָס איז געהאנגען אויף פארזשאווערטע זאווייעסעס. דערנאָך האָט זיך געהערט שווערע טריט.

— דאָס ביזטו רמב"ם! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען — איך בין צופרידען וואָס איך האָב א געלעגענהייט זיך מיט דער נאָך אמאָל צו זעהן איידער דו רייזט אָפּ פון פעז.

דער רמב"ם האָט באמערקט דעם גובערנאטאָר׳ס עלטערע טעכטער וועלכע האָט זיך אָנגעהאלטען אין אל־ערב׳ס האנט און ער האָט זיך גע־וואונדערט פאר וואָס ער רעדט אזוי אָפען אין איהר געגענווארט.

אל־ערב האָט עס פארשטאנען און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען פאר מיין צוקונפטיגע פרוי,

זי האָט א גרויסען חלק אין דיין באפרייאונג. איך צווייפעל אויב אָהן איהר הילף וואָלט איך אזוי שנעל געקענט אויסווירקען ביי איהר פאָטער מען זאָל דיך באפרייען. זי אליין האָט מיך געזאָגט, אז עס וואָלט געווען א סך געזונטער און בעסער פאר דיר און דיין משפחה צו פארלאָזען פעז, איידער דיינע אנדערע שונאים וועלען זיך דערוויסען פון דיין באפרייאונג. און יעצט וויל איך פאר דיר פאָרשטעלען מיין כלה. אין א וואָך ארום וועלען מיר פייערען אונזער הייראטה.

— זאָל גאָט אייך ביידען בענטשען מיט גליק! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען — איך וועל אייער ביידענס חסד קיינמאָל ניט פארגעסען.

— מיין ניט, מיין פריינד, אז זי וויים גאָר ניט וועגען שרה'ן פון קאָר־דאָווא! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען, דריקענדיג זיין כלה'ס האנט. — איך האָ איהר אלעס דערצעהלט.

—עס איז זעהר גוט ווען חתן־כלה דערצעהלען זיך איינע דעם צווייטען אלע געהיימניסען פון דער פארגאנגענהייט, דאָס איז א גוטער און שטארקער פונדאמענט זיך צוזאמען צולעבען אין גליק און אין פריידען. איהר האָט ביידע מיין ברכה פון מיין טיעפסטען הארצען!

— איך האָב איהר געזאָגט, אז אלס נאָך איינגעל האָב איך אין קאָר־דאָווא געליעבט זעהר א שעהנע מיידעל מיט'ן נאָמען שרה, אָבער די ליעבע איז בלויז געווען איינזייטיג. זי האָט מיך ניט געליעבט און זי האָט מיר אויסגעמיטען ביז וואנען זי איז אין גאנצען פון מיר פארשוואונדען געוואָרען. מיר איז געווען זעהר שווער זי צו פארגעסען ביז וואנען איך האָב דיך, מיין ליעבע כלה דערזעהן — האָט אל־ערב זיך צו איהר מיט א שמייכעל געווענדעט, און דאַן איז מיין גאנצע פארגאנגענהייט ווי פארשוואונדען געוואָרען פון מיר. איך האָב גלייך אויפגעהערט צו טראַכטען פון שרה'ן און גענומען טראַכטען טאָג און נאַכט פון דיר מיין ליבענדע, ביז וואנען אללאה האָט מיר געהאָלפען און איך האָב דיין הארץ געוואונען.

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף איהרע ליפּען און זי האָט זיך אָפּגערופען:

— איך בין זעהר צופרידען וואָס מיר טרעטען צוזאמען אריין אין דעם הייראטס־בונד, טוענדיג א נאָבעלע זאַך. איך בין גליקליך אז איך האָב געהאַט די מעגליכקייט דיר צו הילף צו קומען. דו פריינד פון מיין צוקונפ־טיגען מאַן — האָט זי זיך געווענדעט צום רמב"ם — זאָל אללאה זיין מיט דיר און דיר באגליקען וואוהין דו וועסט זיך ווענדען.

דער רמב"ם האָט ביידען נאָך אמאָל געדאַנקט. ער האָט זיך מיט זיי געזעגענט און מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזען געהן צו זיין הויז.

* * *

אין הויז פון רבי מימון האָט דאָס יאָמערען און וויינען ניט אויפגעהערט.

— וואָס טויג אונז דאָס לעבען אז דאָס ליכט פון אונזערע אויגען איז פון אונז אוועקגענומען געוואָרען? — האָט רבי מימון גע'טענה'ט. גאָט האָט אונז אזא טייערען אוצר געשענקט בלויז אויף א ווייל'ע. אָה, ווי נישטיג און וואָכענדיג איז דאָס לעבען אָהן אונזער הייליגען זוהן רבי משה.

שפרה און איהר מוטער האָבען געיאָמערט און געוויינט אַז אַ שטיין האָט געקענט געריהרט ווערען.

דוד איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק. טרעהרען האָבען איהם געשטיקט.

— יעצט זעה איך ווי ווינציג מען קאָן זיך אויף פריינד פאַרלאָזען! מיר האָט זיך געדוכט אַז אָט דער סאַיד וועט שטענדיג פערבלייבען אונזער גרעטער פריינד און אין אָן עת צרה וועלען מיר זיך קענען ווענדען צו איהם. אָבער ער האָט אויף מיר מיט פעראַכטונג געקוקט, גלייך ווי אויף איינעם וועלכער וואָלט געווען זיין שונא. ער איז געווען גרייט זיך צו בעהעפטען אָן אונזערע שונאים.

— געוויס איז אַל־ערב'ס פריינדשאַפט צו אונז ניט בעסער פון סאַיד'ס!

— האָט שפרה געזאָגט און די טרעהרען האָבען אין איהר האַלז געשטיקט.

— ער וואָלט געהאַט אַ מעגליכקייט זיך איינצושטעלען פאַר מיין ברודער, ווייל ער איז דאָך בעפריינדעט מיט דעם גובערנאַטאָר. אָבער אויך ער האָט געוויס זיין פריינדשאַפט צו אונז אין אַ שנאה פערוואַנדעלט.

אַ גערויש האָט זיך פלוצלונג דערהערט. די טיהר פון הויז איז אויפגעעפענט געוואָרען און פלוצלונג האָט זיך דער רמב"ם בעוויזען ביי דעם אַריינגאַנג. זיין פנים איז געווען טויט בלאַס.

— אָה, משה — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען און איהם אַרומגערינגעלט.

— מען האָט מיך פון טויט געראַטעוועט! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען — מיין פריינד אַל־ערב און זיין כלה, די עלטערע טאָכטער פון גובערנאַטאָר האָבען געוואָריקט אויף דעם גובערנאַטאָר ער זאָל מיך דערוויילע בעפרייען פון געפענגעניס. איך בין פריי אָבער מיר מוזען אַנטלויפען פון פעז נאָך היינט ביינאַכט. מיר טאָרען דאָ קיין איבעריגע רגע ניט פערבלייבען, ווייל אַזוי שנעל ווי מיינע שונאים וועלען אויסגעפינען אַז איך בין באַפרייט פון געפענגניס וועלען זיי פראָטעסטירען צום גובערנאַטאָר און ער וועט זיין געצוואונגען זייער פאַרלאַנג צו ערפילען.

— מיר זיינען אַלע גרייט. — האָט רבי מימון זיך אָפּגערופען — מיר האָבען אַלעס פון פריהער איינגעפּאַקט.

— דוד, דו געה און דינג אַ פוהר וואָס וועט אונז אוועקפיהרען צום האַפען. ווי איך האָב אויסגעפונען געהט מאָרגען גאַנץ פריה אָפּ אַ שיף פון דאַנען, — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

דוד איז שנעל אַרויס פון הויז און אין אַ ווייל‍ע אַרום זיך אומגעקערט מיט אַ פוהר. אין איילעניש האָבען זיי אָנגעלאָדען די פוהר מיט די נויטיגע זאַכען און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, פיער טעג אין חודש אייר, פון יאָהר 1165, האָבען זיך דער רמב"ם און זיין משפחה געזעצט אויף אַ שיף וואָס איז אָפּגעגאַנגען נאָך דעם האַפען פון עכו, ארץ ישראל.

זעקס טעג איז זייער רייזע געווען אַ רוהיגע. אָבער אויף דעם זיבעטען טאָג האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם אויפ'ן ים. די שיף איז געשליידערט געוואָרען פון די כוואַליעס אויף אַלע זייטען. אַ שרעקליכע

מהומה האט אויסגעבראכען צווישען די רייזענדע און די מאטראזען. דער קאפיטאן אליין איז געווען אזוי פארצווייפעלט אז ער האט שוין געהאט אויפגעגעבען אלע האפענונגען צו פארמיידען א שיף־ברוך. ער האט געהייסען אלע פאסאזשירען זיי זאלען מתפלל זיין יעדער צו זיין גאט.

דער רמב"ם און זיין משפחה האבען מתפלל געווען צו גאט. דער שטורם איז אבער געווארען שטארקער מיט יעדער רגע.

— אויב גאט וועט אונז העלפען און מיר וועלען ארויסקומען בשלום פון דיזען שטורם וועל איך דעם פערטען טאג און דעם צעהנטען טאג פון חודש אייר באשטימען אלס טעג פון פאסטען. און אזוי ווי מיר זיינען ביי היינטיגען טאג איינזאם און פערלאזען און מיר האבען קיינעם ניט ווער עס זאל אונז העלפען אויסער גאט, אזוי וועל איך דיזע טעג יעדען יאהר זיצען איינזאם און אפגעזונדערט פון אלע מענשען אויסצוגיסען מיין הארץ פאר גאט אליין.

א גאנצע נאכט האט דער שטורם אנגעהאלטען. אלע רייזענדע זיינען געווארען אויסגעצעהרט פון שרעק און פון דער ים קראנקהייט. מיט יאושדיגע אויגען האט איינער אויף דעם צווייטען געקוקט. געדוכט האט זיך יעדען אז די לעצטע רגע איז געקומען און קיינער וועט שוין ניט דערלעבען ארויפצוטרעטען אויף דער יבשה.

דער מארגען שטערן איז אויפגעגאנגען, א פאס ליכטיגקייט האט זיך בעוויזען צוזאמען מיט דעם האט זיך אויך א שטראהל האפענונג בעוויזען אין די הערצער פון רמב"ם און זיין משפחה דער שטורם איז קלענער געווארען און ווען עס איז שוין גוט ליכטיג געווארען האט זיך דער ים אין גאנצען בערוהיגט

גרוים פרייד האט געהערשט צווישען אלע רייזענדע, קיינער האט זיך שוין ניט גערעכנט אז זיי וועלען ארויסקומען לעבעדיגע פון דיזער נסיעה.

נאך א מאנאט פון פלאגעניש און ים וועהנישען, האט די שיף ענדליך דערגרייכט די ברעגעס פון דעם הייליגען לאנד, אין דעם האפען פון עכו האט זיך די שיף אפגעשטעלט און אויף דעם דריטען טאג פון חודש סיון איז דער רמב"ם און זיין משפחה ארוים פון שיף גליקליכע און צופרידענע זיינען זיי געווען. זיי האבען פריי אפגעאטעמט . נאך אזוי פיעל יאהרען פון לעבען אין שרעק אין פעז, וואו זיי האבען מורא געהאט פאר יעדען שארך. יעצט זיינען זיי פריי. זיי קענען דינען זייער גאט אומגעשטערט, זיי דארפען זיך מעהר פאר קיינעם ניט שרעקען, קיינער וועט זיי ניט שפיאנירען און היטען צו זעהן אויב זיי זיינען ניט מתפלל צו זייער גאט.

די גרויסע פרייד האט אנגעפילט יעדענ'ס הארץ און זיי האבען באשלאסען צו פייערען דעם ערשטען טאג פון זייער ארויפקומען אויף דער פרייהייט און צו מאכען א יום טוב און שמחה יעדע יאהר דעם זעלבען טאג און טיילען צדקה און מתנות צו די ארימע לייט.

אין עכו איז געווען זעהר א קליינע אידישע קהילה און ווען זיי האבען זיך דערוואוסט וואס פאר א וויכטיגע געסט עס זיינען אנגעקומען, האבען זיי באשלאסען זיי צו געבען א גרויסען קבלת פנים.

איינער פון די פיהרער פון דער קהילה פון עכו איז געווען דער דיין רבי יפת, דער זוהן פון רבי אליה, וועלכער איז געווען פון די געצעהלטע תלמידי חכמים פון לאנד אין יענער צייט.

רבי יפת האָט גלייך אויסגעפונען וועגען דער גרויסקייט פון דעם רמב"ם און זיין פאָטער רבי מימון, און האָט זיי זעהר מקרב געווען איבערהויפּט איז ער געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט מיט'ן רמב"ם, ער האָט איהם אזוי ליעב באַקומען אז ער האָט איהם פון זיך ניט אָפּגעלאָזען.

קיין גרויסע געלערנטע און פיעלע חכמים זיינען אין יענער צייט ניט געווען אין לאנד, אָבער די פרייד אז זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון שמד און פון א זיכערען טויט, איז ביי זיי געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבען זיך ציימווייליג צופרידענגעשטעלט צו פערבלייבען אין עכו.

איניגע מאָנאַטען איז דער רמב"ם מיט זיין משפחה פאַרבליבען אין עכו און ווען דער יום טוב סוכות איז פאַראיבער, האָט דער רמב"ם זיך אָפּ־גערופען צו רבי יפת'ן:

— איך ווייס ניט ווי לאנג מיר וועלען דאָ פאַרבלייבען, אָבער איידער מיר רייזען אָפּ פון ארץ ישראל וועל איך מוזען באַזוכען די הייליגע שטאָט ירושלים.

— די רייזע איז זעהר א געפעהרליכע! — האָט רבי יפת זיך אָפּגע־רופען און צו זיין אין ירושלים אין דיזער צייט איז סכנות'דיג, ווייל ירושלים געפינט זיך אין די הענט פון די קריסטען, די קרייצציגע און קיין איד, בפרט נאָך א פרעמדער, איז ניט זיכער מיט זיין לעבען.

—דער גאָט וועלכער האָט אונז בעשיצט פון די פריהערדיגע סכנות וועט אונז אויך אויף ווייטער בעשיצען! — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

— איך וועל מיט אייך מיטרייזען! — האָט רבי יפת געזאָגט. — איך בין שוין מעהר געוואָהנט צו די פעלקער וואָס געפינען זיך אין אונזער היי־ליגע שטאָדט. אויך די שפּראַך איז צו מיר ניט פרעמד.

דער רמב"ם און רבי מימון האָבען איהם אָפּגעשלאָגען פון דעם.

— פאַרוואָס זאָלסטו אויך דיין לעבען אין געפאהר איינשטעלען? — האָט דער רמב"ם איהם געזאָגט.

רבי יפת אָבער איז צו זיי צוגעשטאַנען און נאָך א קליינע הכנה האָ־בען זיי זיך אַלע דאַן אַוועקגעלאָזען אויף דעם ווייטען געפעהרליכען וועג פון עכו ביז ירושלים.

עטליכע טעג האָט די רייזע געדויערט ביז וואַנען זיי האָבען דער־גרייכט די הייליגע שטאָדט און דריי טעג האָבען זיי פאַרבראַכט אין ירושלים, וואו זיי האָבען באַזוכט אַלע הייליגע פּלעצער און האָבען מתפלל געווען ביי דעם כתל מערבי.

דאַן זיינען זיי אוועק נאָך חברון און מתפלל געווען אויף דער מערת המכפלה, די קברים פון אונזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב.

ארץ ישראל אין יענער צייט איז געווען אין די הענט פון די קריסטען, פון דער צווייטער קרייצצוג, און זעהר ווינציג אידען האָבען זיך דאַן געפו־נען דאָרט. אַלע אידען צוזאַמענגענומען פון ארץ ישראל וועלכע זיינען גע־

ווען צושפרייט אין די פארשידענע שטעדט און שטעדלאך פון לאנד איז בעשטאנען פון קוים א טויזענד משפחות  די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען זעהר אָרים סיי אין געלט און סיי אין גייסט  אויסער רבי יפת איז אין לאנד ניט געווען קיין גרויסע געלערנטע און חכמים מיט וועמען דער רמב"ם זאָל קענען פערברייינגען זיין צייט אין לערנען, און דער רמב"ם און זיין משפחה האָבען אויך ניט געהאט קיין גוטע אויסזיכטען זיך צו באזעצען אין לאנד וואו ער וועט קענען פאָרטזעצען זיין גרויסע ארבייט, וואָס ער האָט אָנגעפאנגען אין פעז. צוריקקעהרען זיך מיט רבי יפת'ן צו דער אָרימער אידישער געמיינדע אין עכו האָט ער אויך ניט געוואָלט, ווייל ער האָט געוואוסט אז דאָרטען וועט ער מיט זיין משפחה אויף די אזוי געדריקטע מענשען, פאלען צו לאסט.

מצרים איז אין דערזעלבער צייט בעוואוסט געווען אלס א לאנד פון פרייהייט און קולטור. דאָרטען זיינען געווען בעריהמטע חכמים און געלערנטע. יעדער איינער האָט דאָרט דאן פריי געקאָנט פרעדיגען זיין גלויבען. גרויסע אידישע קהילות האָבען זיך דאן געפונען אין מצרים נאָך פון פיעלע יאָהרען, אין אלעקסאנדריע האָבען זיך געפונען אָן ערך דריי טויזענד אידיעש משפחות וועלכע זיינען געווען אין א גוטען מאטעריעלען צושטאנד. אויסער אלעקסאנדריע זיינען געווען אין מצרים נאָך פיעלע שטעדט וואו גרויסע אידישע געמיינדעס האָען זיך געפונען. אין אלט קאירא אָדער פאשטאָדט האָט אויך געהאט אן עהנליכע צאָהל אידישע משפחות.

די הערשער פון מצרים האָבען אין יענער צייט ארויסגעוויזען פיעל גנאָד צו די אידען. זיי האָבען זיך דאָרט שנעל ענטוויקעלט און דערהויבען. זיי זיינען רייך געוואָרען און פערנומען הויכע עמטער אין דער מלוכה.

איבער אלע אידען פון מצרים האָט געהערשט דער אידישער נגיד וואָס איז באשטימט געוואָרען פון דעם קעניג פון מצרים, און זיין אמט איז געווען פערערכענט ווי דער אמט פון ראש הגולה (פרינץ פון גלות) אין בבל. דער נגיד פלעגט בעשטימען רבנים, חזנים פאר יעדער געמיינדע, ער האָט אויך געהאט די מאכט ארויפצולייגען א געלט שטראָף, אויך צו פערשפארען אין געפענגענים און בעשטראָפען מיט מלקות.

אָבער ווי גוט עס איז געווען די אידישע מאטעריעלע לאגע אין מצרים, איז אָבער זייער גייסטיגער מצב ניט געווען אזוי גלענצענד. דאָס פאָלק איז אין גאנצען געווען אריינגעטהאָן אין מסחר. עס האָט זיך אָנגעזעהן א מאנגעל אין פרומע אידען וועלכע זאָלען לערנען די תורה און זעהר ווייניג וועלכע זיינען געווען ווערט צו זיין פיהרער פון אזעלכע גרויסע אידישע קהילות.

אויסער דעם וואָס די עמי הארצות האָט זיך טיעף איינגעגעסען אין דעם אידישען לעבען אין מצרים, זיינען צו יענער צייט די אידען געווען צושפאָלטען און צושפליטערט אין צוויי לאגערען: די רבנישע אידען און די קראים. די קראים אָדער קאראאימען האָבען געוואָהנט אין ניט קיין קליינער צאָהל אין מצרים, און זייער צאָהל אן דער הויפט־שטאָדט פון לאנד איז געווען א סך גרעסער ווי די צאָהל רבנישע אידען. אויך די קראים האָבען געהאט זייער אייגענעם נשיא. אייניגע פון זיי זיינען געווען זעהר נאָהענט

בעפריינדעט מיט דער רעגירונג און זיי האָבען דעריבער געהאַט די אוי־
בערהאַנט איבער די רבנישע אידען.

אין אזא כאַאָטישען גייסטיגען צושטאַנד האָט דער רמב"ם געטראָפען
די אידען פון מצרים ווען ער איז מיט זיין משפחה אָנגעקומען אין אלעק־
סאַנדריע.

## קאַפּיטעל צוועלף.

נאָך א לאַנגער רייזע און וואָגלעניש איז אלהוני אָנגעקומען אין באַג־
דאָד צוזאַמען מיט שרה'ן און אלמאַעלי וועלכע זיינען פאַררעכענט געווען
פאַר זיינע שקלאַפען ביז וואַנען זיי וועלען קענען קריגען אויסלייז־געלט
לויט דעם אָפּמאַך.

שוין ביים אַריינפאָהר אין שטאָדט האָט שוין געשוויבעלט און געגרי־
בעלט פון פאַרשידענע קאַראַוואַנען און סוחרים וועלכע זיינען אָנגעקומען
צו טהאָן מסחר אין גרויסען מאַרק טאָג אין באַגדאַד.

אויף א ברייטען פּלאַץ האָבען פיעלע פון די קאַראוואַנען זייערע גע־
צעלטען אויפגעשטעלט. דער געדראַנג איז געווען אזוי גרויס אז גאַנץ אָפט
פלעגען די געצעלטען פון צוויי פערשידענע גרופּעס זיין געצוואונגען צו
שטעהן נאָהענט איינער צום צווייטען. די קעמלען האָבען זיך געקניהט און
דיסוחרים האָבען אָנגעפאַנגען אַראָפּצונעמען פון זיי די שווערע משאות און
אויסגעלייגט זייערע סחורות ניט ווייט פון די געצעלטען. כדי צוציהען די
אויפמערקזאַמקייט פון די פערשידענע קונים וועלכע האָבען זיך געלאָזען
צום מאַרק פּלאַץ. די שעהנע פערד וואָס מען האָט בעפרייט פון זייערע
צוימען האָבען געשפּרונגען און געהירזשעט ווי זיי וואָלטען זיך אויך עפּעס
געפרעהט. די מאַכמעדאַנישע סוחרים האָבען אויסגעשפּרייט זייערע טע־
פּיכער אויף דעם גראָז און זיך ווענדענדיג מיט זייערע פּנים'ער צו מעקקאַ,
זייער היילינע שטאָדט, האָבען זיך אויסגעצויגען מיט די פּנים'ער צום באָדען
און מתפּלל געווען זייער מאָרגען תפילה צו מאַכמעד'ן.

אלהוני האָט אויך אויפגעשטעלט זיינע געצעלטען, איין געצעלט פאַר
זיך און זיינע צוויי פרויען און אין צווייטען געצעלט האָט ער געהאַלטען
שרה'ן און אלמאַעלי'ן.

— עס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איהר ביידע געפינט זיך אין איין
געצעלט — האָט אלהוני צו זיי געזאָגט און זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט.
— אויב עס וועט זיך ביי היינטיגען טאָג ניט געפינען איינער וועלכער וועט
פאַר אייך וועלען אָפּצאָהלען מיין געלט וואָס איך האָב אייך געגעבען פאַר
די הוצאות פון דער רייזע, וועט איהר ביידע מיינע שקלאַפען אויף אייביג
פערבלייבען און דאַן וועט איהר זיך איינע פון צווייטען דאַרפען שיידען
אויף שטענדיג. דיין פרוי שרה וועט געהערען צו מיר, איך וועל זי פאַר
מיין קעפּסוויב מאַכען און דו וועסט אונז ביידען דאַרפען בעדינען!

שרה האָט זיך געטוליעט צו איהר ברודער. איהר גאַנצער קערפּער
האָט זיך אין קאָנוואולסיען געוואָרפען. זי האָט אזוי פיעל דורכגעמאַכט,